STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06541

IDEN UN DI NAYE VELT

Nahum Goldmann

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידען און די נייע וועלט

ישראל, ציוניזם און אידישע וועלט־פּראָבלעמען
אין אונזער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע

פון

דר. נחום גאָלדמאַן

אידישער וועלט־קאָנגרעס

גענעראַל־סעקרעטאַריאַט, זשענעווע, 1975

WORLD JEWISH CONGRESS

Geneva, 1975

דר. נחום גאָלדמאַן

אידען און די נייע וועלט

איבערזעצט אין אידיש

פון אהרן אַלפּערין

פּרייז 2.50 דאָלאַר

געדרוקט ביי „שלום" טיפּאָגראַפערס, ברוקלין, נ. י.

Printed in the U. S. A. by
SHALOM TYPO. INC.

אינהאַלט:

„איז ציוניזם נאָך נויטיג?"

רעדע ביי דערעפענונג פון 27־טען ציוניסטישען קאָנגרעס, 1968

ציוניזם און מדינת ישראל

רעדע אין באַזעל, ביי דער פייערונג פון 75־יעריגען יובילעי פון ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, 1972

אין אַ וועלט וואָס ענדערט זיך

רעדע אין לאָנדאָן ביי „באָארד אָוו דעפּיוטיס", דעצעמבער 1971

אידען און די פעלקער פון דער וועלט

רעדע ביי דערעפענונג פון דער „וואָך פון ברידערליכקייט", מינסטער, דייטשלאַנד, 1972

מדינת ישראל און תפוצות ישראל

רעדע ביים קאָנגרעס פון וועלט־פאַרבאַנד פון פּראָגרעסיווען אידענטום, 1972

אונזער פּאָזיציע אין דער נייער וועלט

רעדע ביי ציוניסטישער קאָנפערענץ אין פּאַריז, 1973

אידישער וועלט קאָנגרעס פאַר נייע אויפגאַבען

רעדע ביי דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ פון דער עקזעקוטיווע פון אידישען וועלט־קאָנגרעס, ירושלים 1973

דוד בן־גוריון

רעדע ביי דער סעסיע פון ציוניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט, ירושלים, פעברואַר 1974

„איז ציוניזם נאָך נויטיק"

רעדע ביי דער דערעפענונג פון 27־טען ציוניסטישען קאָנגרעס, 1968

דער איצטיגער קאָנגרעס ווערט אָפּגעהאַלטען אונטער׳ן צייכען פון דריי וויכטיגע יובילייען, זיבעציג יאָר נאָכ׳ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס; פופציג יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע; 20 יאָר נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל. די דאָזיקע דריי געשעענישען, וועלכע זענען פאַרבונדען צווישען זיך און וואָס האָבען געפירט איינע צו דער אַנדערער, זיינען וויכטיגע דאַטעס נישט נאָר אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק, נאָר אויך, ווי מיר מעגען עס זאָגען, נישט ריזיקירענדיג צו זיין אומבאַשיידען, אין דער היסטאָריע פון דער גאַנצער מענשהייט. דער אומגעהויערער אינטערעס, וואָס ווערט אַרויסגעוויזען אין דער גאַרער וועלט צו אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות מיט ישראל און וואָס איז אָן יעדער פּראָפּאָרץ מיט דער נומערישער באַדייטונג פון דער אידישער מדינה — איז דער בעסטער באַוויז פון דעם דאָזיגען פאַקט.

דער אופן, אויף וועלכען אַ פאָלק דערמאָנט און באַערט זיינע גרויסע היסטאָרישע דאַטעס, איז מרמז אויף זיין כאַראַקטער. עס איז איינע פון די אייגענשאַפטען פון אידישען פאָלק, אַז מיר האָבען קיינמאָל זיך נישט אַריינגעלאָזט אין טומעלדיקע, שרייענדיקע, אָדער וואולגאַרע פייערליכקייטען אין אונזערע ימים טובים.

דעריבער איז עס אַ סך מער כאַראַקטעריסטיש, שאַפעריש און פאַסענד צו פייערען די דריי גרויסע יובילייען נישט בלויז מיט דעם געפיל פון צופרידענקייט און פון לויבען זיך אַליין פאַר דעם, וואָס עס איז באַשאַפען געוואָרען, נאָר דורך אויסנוצען די געלעגענהייט, פאַר אונטערציען דעם סך־

הכל פון די אויפטועו און פון דעם, וואס מיר האבען נישט באוויזען צו דערגרייכען.

קוקענדיג צוריק אויף די 70 יאר ציוניסטישע געשיכטע, איז זיכער איצט דא א שטארקע בארעכטיגונג פאר זיין צופרידען מיט דעם, וואס מיר האבען דערגרייכט. מאכענדיג איצט דעם חשבון פון דעם, וואס עס איז אויפגעטאן געווארען אין די 70 יאר, וויל איך באזונדערס אנווייזען אויף דריי גרויסע מעשים. אונז האט זיך איינגעגעבען צו געבען דעם אידישען פאלק דאס באוואוסטזיין, אז מיר זיינען איין פאלק, און אלס איין פאלק זיינען מיר גרייט, און מיר ווילען און מיר זיינען פעהיג צו ווערען די באלעבאטים פון אונזער אייגענעם גורל. אונזער צווייטער גרויסער אויפטו איז, אז מיר האבען באשאפען, אין הסכם מיט טעאדאר הערצל׳ס נביא׳ישע ווערטער, נאך א האלבען יארהונדערט דעם דעצידירענדיגען הויפט־אינסטרומענט פאר באַ־שטימען דעם אידישען גורל און דיריגירען די אידישע געשיכטע — נעמליך אונזער אייגענע אידישע מדינה. און די דריטע דערגרייכונג, אין א געוויסער מאס די אממייסטען אומגעוויינליכע און אייגענארטיקע — איז וואס מיר האבען ווידער אויפגעשטעלט די מדינה אין אונזער אלטען היימלאנד, פון וועלכען דאס אידישע פאלק איז געווען סעפארירט כמעט צוויי טויזענט יאר, אבער וואס מיר האבען קיינמאל נישט פארגעסען, אפילו נישט אין אונזערע טראגישסטע מאמענטען. מיר האבען נישט אויפגעהערט צו חלומ׳ען און מתפלל זיין פאר צוריקקומען אין אונזער לאנד, פאר שיבת ציון.

מיר האבען דערגרייכט די דריי צילען דורך דערפירען צו א סינטעזע צווישען די אלטע אידעאלען פון אונזען געשיכטע און די מאדערנע פארמען פון מלוכה׳שאפט, און האלטען זיך צוזאמען, ווי א פאלק. ציוניזם איז די סינטעזע פון דער אלטער אידישער בענקשאפט נאך שיבת ציון, פארמולירט און פארווירקליכט אין די טערמינען פון דער מערב־ציוויליזאציע פון 19־טען יארהונדערט.

דאך איז פאראן נאך א מער ספעציפישער אספעקט פון ציוניזם. בעת דער ערשטער דערפאלג איז נישט קיין אויסנאם בלויז פאר אונזער פאלק — פיל אנדערע פעלקער אין 19טען און 20טען יארהונדערט האבן צוריקגעוואונען דאס באוואוסטזיין פון זייער נאציאנאלער איינסקייט, האבען זיך באפרייט, געגרינדעט זייערע אייגענע מדינות און געווארען באלעבאטים פון זייער גורל

— פאַרמאָגט דער ציוניזם אַ באַזונדערע אייגענשאַפט, וואָס עס האָט נישט קיין שום אַנדערע באַוועגונג אָדער פאָלק אין דער וועלט. דאָס איז דער איינציק־אַרטיגער פאַקט, וואָס דער מקור און די באַזע פון אונזער באַוועגונג איז נישט געווען אַן עקזיסטירענדיגע רעאַליטעט, נאָר אַ וויזיע, אַ חלום, אַ האָפענונג, אַ גלויבען. ווען הערצל האָט פּראָקלאַמירט זיין אידייע וועגען דער אידישער מדינה, ווען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז מיט 70 יאָר צוריק זיך צונויפגעקומען אין באַזעל איז נישט געווען הינטער דעם קיין ממשות׳דיקע רעאַליטעט, וואָס זאָל האָבן אַ באַדייטונג. בסך־הכל האָבן עטליכע צענדליג טויזענט אידען זיך געפונען אין ארץ ישראל, אונטער דער הערשאַפט פון די טערקען, בעת פּאַקטיש איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק געווען צעזייט און צעשפּרייט אין פיל צענדליקער לענדער איבער דער גאָרער וועלט. דער איינציגער רעאַלער מקור פאַר אונזער באַוועגונג איז געווען די טויזענטער־יעריקע בענקשאַפט נאָך ציון און די האָפנונג, אַז מיר וועלען איין טאָג זיך צוריקקערען קיין ארץ ישראל.

מיר זענען אַ פאָלק, וואָס איז אַ יחיד במינו. דאָס מיינט נישט, אַז מיר זיינען אַ בעסער פאָלק פון אַנדערע. עס איז שווער צו דעפינירען אונזער פאָלק אין נישט־העברעאישע טערמינען. מיר שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסנאַם־סינטעזע פון ראַסע, פאָלק, רעליגיע, קולטור. מיר האָבען אַן אייגענאַרטיגע געשיכטע. נישט פאַראַן קיין שום אַנדערער ביישפּיל פון אַ פאָלק, וואָס האָט איבערגעלעבט צוויי טויזענט יאָר גלות. דער אויסנאַם־כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועגען וואָס איך האָב גערעדט — איז דער אמת׳ער אויסדרוק פון דער אייגענאַרטיגקייט פון אידישען פאָלק. אַ פאָלק, וואָס האָט צוויי טויזענט יאָר מתפלל געווען, דריי מאָל אַ טאָג, פאַר צוריקקומען קיין ציון ; אַ פאָלק וואָס האָט אַן אויפהער געליטען פון פאַרפאָלגונגען, אין אַזאַ פּערמאַנענטער, כמעט ניט־איבערגעריסענער פאָרם, וואָס קיין שום אַנדער פאָלק האָט ניט דורכגעמאַכט — אַזאַ פאָלק האָט זיכער געהאַט דאָס פיל גרעסערע, מאָראַלישע רעכט פון יעדער אַנדע־רער מינדערהייט צו בלייבען צוגעבונדען צו ארץ ישראל און טיילן די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער צוקונפט פון דעם לאַנד.

דאָס דאָזיגע רעכט, וואָס איז דער יסוד פון דעם קיום פון אידישען פאָלק און פון ארץ ישראל, האָט איין קאָנסעקווענץ. אונזער ציל מוז זיין

צו שאַפען אַ אידישע מדינה, וועלכע זאָל מיט איר נאַטור און סטרוקטור, מיט די אידעאַלען, וואָס זי וועט פאַרווירקליכען, און מיט אירע האַנדלונגען, קאָנען פאָדערן די צוגעבונדענקייט און די סאָלידאַריטעט פון אַלע אידען אין דער וועלט אין יעדען לאַנד און אונטער יעדען סאָציאַלען סיסטעם, אין וועלכען זיי לעבען. דאָס קאָן זיך נישט לאָזען דורכפירען אין דער ערשטער תקופה פון ישראל׳ס עקזיסטענץ, ווען די מדינה איז נאָך ניט זיכער, ווען זי דאַרף פאַרטיידיגען איר המשך; ווען זי דאַרף אויסקלייבען פריינד און פאַרבינדעטע; ווען זי דאַרף פירען אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל בעיקר און קודם־כל זיין באַשטימט דורך איר ערשטער און העכסטער פליכט צו פאַרזיכערען איר קיום. אָבער ווען דאָס וועט דערגרייכט ווערען, און ווען די באַציאונגען צווישען מדינת ישראל און אירע שכנים וועלען נאָרמאַליזירט ווערען, וועט ישראל׳ס הויפּט־ציל דאַרפען זיין צו שאַפען אַ מדינה און אַ ציוויליזאַציע, וואָס וועט מיט׳ן פולען מאָראַלישען רעכט קאָנען אַפּעלירען פאַר דער סאָלי־דאַריטעט און צוגעבונדענקייט פון אַלע אידישע ישובים אין דער וועלט.

דאָס פירט מיך צו מיינע שלוס־באַמערקונגען, מיט וועלכע איך קער זיך צוריק צו דעם אָנהויב פון מיין אַנאַליז. די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס שטאַמט פון אַ וויזיע און פון אַ אידעאַל איז פון די ערשטע טעג אָן פון איר אַנטשטייאונג ביז איצט באַזירט אויף אַ געוויסער אידעאָלאָגישער סתירה, וועלכע האָט אירע וואורצלען אין דעם אייגענאַרטיגען כאַראַקטער פון אונזער פאָלק. דאָסזעלבע באַציט זיך אויך צו דער אידישער מדינה, ווי צו דער הויפּט־דערגרייכונג פון ציוניזם. די דאָזיגע סתירה האָט געפונען איר אויס־דרוק אין דער קלאַסישער אידעאָלאָגיע פון ציוניזם ביי די, וועלכע איך קאָן אָנרופען אַלס די פאַרטיידיגער פון דער נאָרמאַליטעט פון אידישען פאָלק, אנקעגענאיבער די, וועלכע באַשטייען אויף דעם, אַז אונזער פאָלק איז, אָן אויסנאַם און אַנדערש פון אַלע פעלקער. אין די צייטען פון דער השכלה־באַוועגונג האָט די דאָזיגע סתירה געשאַפען צוויי באַרימטע פאָרמולעס: „לא ככל הגויים בית ישראל“ און „נהיה־נא ככל הגויים, בית ישראל“. דער ציוניזם האָט גע׳ירש׳ענטביידע טענדענצען און ביידע אידייען.

דער ציוניזם האָט געוואָלט שאַפען אַ מדינה פאַר׳ן אידישען פאָלק, ווי עס האָבען אייגענע מדינות אַלע אַנדערע פעלקער. דער ציוניזם האָט געוואָלט אָרגאַניזירען דאָס אידישע פאָלק אַלס אַ פּאָליטישע איינהייט, ווי

עס זענען די אַנדערע פעלקער. און גלייכצייטיג האָט דער ציוניזם זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרזיכערען און אָנהאַלטען דעם ספּעציפישען, איינציג־אַרטיגען כאַראַקטער פון אידישען פאָלק אין זיין אייגענעם היימ־לאַנד. די צווי קלאַסישע פאַרשטייער פון די דאָזיגע געגנערישע טענדענצען זענען געווען פון איין זייט טעאָדאָר הערצל, וועלכע איז געקומען פון אַן אַסימילירטער אידישער סביבה, האָט אינגאַנצען ניט געוואוסט וועגען דער אויסנאַם־אַנדערשקייט פון דער אידישער געשיכטע און האָט פּראָקלאַמירט דעם אידעאַל פון אַ אידישער מדינה, ענליך צו אַלע אַנדערע מדינות; און פון דער אַנדערער זייט — אחד העם, פאַר וועמען די מדינה איז פאַר זיך אַליין נישט געווען, קיין תמצית׳דיקער ציל, און וועלכער האָט מער און העכער פון אַלעם געוואָלט שאַפען אין ארץ ישראל אַ מרכז רוחני, אַ גייס־טיגען צענטער פאַר׳ן אידישען פאָלק, בכדי צו פאַרזיכערען דעם המשך פון דעם ספּעציפישען כאַראַקטער פון אונזער פאָלק און פון אונזער ציוויליזאַציע.

מיר האָבען אין די אַלע זיבעציג יאָר פון ציוניזם נאָך ניט באַשלאָסען צווישען די צווי טענדענצען. איצט, ווען די מדינה עקזיסטירט שוין צוואַנ־ציג יאָר, און באַזונדערס אין פאַרבינדונג מיט דער גרויסער פראַגע פון עליה, איז געקומען די צייט, אַז מיר זאָלען געפינען אַ לייזונג פאַר דעם פּראָבלעם, באַזונדערס ווען מיר דאַרפען דערקלערען און פאַרשפּרייטען דעם ציוניזם און דעם אידעאַל פון דער אידישער מדינה צווישען דעם יונגען אידישען דור, פאַר וועמען נאָך איינע אַ נאָרמאַלע קליינע מדינה, וואָס רופט זיך די אידישע מדינה, וועט ניט אַפּעלירען אויף אַ דעצידירענדיגען אופן.

לויט מיין מיינונג קאָן די לייזונג געפונען ווערען בלויז אין אַ סינטעזע פון ביידע טענדענצען. אין אַ תקופה פון סאָווערענע מדינות, אַלס דער הויפּט־ אינסטרומענט פאַר דעם אומאָפּהענגיגען לעבען פון פעלקער און פון זייער פּאָליטישען המשך, מוזען מיר האָבען אַ מדינה, ווי אַלע אַנדערע. אָבער אין דערזעלבער צייט מוזען מיר זען, אַז די דאָזיגע מדינה זאָל אין איר גייסט און אין איר באַדייטונג ניט זיין אַזוי ווי יעדע אַנדערע מדינה, נאָר זאָל זיך באַמיען צו פאַרווירקליכען די גרויסע אידעאַלען און ספּעציפישע אידייען פון דער אידישע געשיכטע. און פון דער אידישער ציוויליזאַציע, בכדי צו ווערען דער גייסטיגער צענטער פון אידישען פאָלק. נאָר אַזאַ מדינה

וועט צוציען אַ גרויסע צאָל יונגע אידען און באַזונדערס דעם בעסטען אידעאַליסטישען טייל פון דעם אידישען דור פון מאָרגען און איבערמאָרגען. נאָר אַזאַ מדינה וועט קאָנען פאַרזיכערען דעם המשך פון די טיילען פון אונזער פאָלק, וואָס וועלען בלייבען לעבען אין חוץ לארץ. און נאָר אַזאַ מדינה וועט פאַרמאָגען דעם אייגענאַרטיקען אינטערעס, מיט וועלכען עס וועט זיך באַציען צו איר די גאַנצע וועלט.

האָבענדיג געזאָגט דאָס אַלץ, מיין איך ניט, אַז איך דאַרף ביי דער פייערליכער געלעגענהייט ענטפערען אויף דער פראַגע: איז דער ציוניזם נאָך נויטיג? איך האָף, אַז איר וועט מסכים זיין מיט מיר, נאָך דעם דאָזיגען אַנאַליז, אַז די אויפגאַבען, וועלכע שטייען איצט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, זיינען פיל גרעסער, און זיכער אַ סך שווערער, ווי די צילן וועלכע מיר האָבען אַזוי אויסגעצייכענט דערגרייכט אין די 70 יאָר פון דער עקזיסטענץ פון אונזער באַוועגונג.

דאָס פראָבלעם איז ניט, צי דער ציוניזם האָט נאָך אַ באַדייטונג און איז נויטיג. גיכער שטייט פאַר אונז די פראַגע, צי מיר זיינען בכוח צו דערפילען די וויטערדיגע אויפגאַבען פון ציוניזם. מיט דער דאָזיגער אַנטשיידענדיגער און גורל׳דיגער פראַגע וועט דער 27־טער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס קומט זיך צונויף אין דער יובילעי־שעה, זיך מוזען באַשעפטיגען ערנסט און אויפריכטיג, אָן ביליגע אילוזיעס און אָן זינלאָזער פּראָפּאַגאַנדע. און איך קאָן בלויז פאַרענדיגען מיין יובילעי־רעדע מיט דער שטאַרקער האָפענונג, אַז אונזער באַוועגונג וועט סיי אין אירע רייען און סיי אין איר פירערשאַפט, מיט דער פולער שטיצע פון מדינת ישראל — אָן וועלכער די בעסטע אָנשטרענגונגען וועלען ניט העלפען — זיך דערהויבען צו דער הויך פון די גרויסע פאָדערונגען אין דער איצטיגער צייט אין דער מענשליכער, אידישער און ציוניסטישער געשיכטע, און וועט קאָנען דערפילען, ווען אפילו בלויז טיילווייז, די אומגעהויערע אחריות, וואָס אָט די גרויסע שעה אין דער אידישער געשיכטע לייגט אַרויף אויף אונז.

אויב מיר וועלען זיין פעאיג און אַנטשלאָסען דאָס צו טאָן, וועלען מיר עפענען אַ נייעם קאַפּיטעל פון דער אידישער און ציוניסטישער געשיכטע, וואָס וועט זיין ווירדיג און וואָס וועט זיך קאָנען פאַרמעסטען מיט דעם גרויסען שאַפערישען און גלאָררייכען קאַפּיטעל, וואָס מיר פייערען איצט.

ציוניזם און די אידישע מדינה

רעדע אין באַזעל ביי דער פייערונג פון 75 יאָריגען יובילײ פון ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, 1972

איך בין זעהר צופרידען צו האָבען די געלעגענהייט צו רעדען וועגען 75 יאָר ציוניזם, ווייל איך האָב וועגען דער טעמע געטראַכט אַ גאַנץ לאַנגע צייט. און די טבע פון אַ רעדנער איז, אַז ער קאָן קריגען אַטעם־שוועריגקייטען, אויב ער ברענגט ניט אַרויס פון זיין האַלז די רעדע, וועלכע ער האָט שוין צוגעגרייט. זעהר אויפריכטיג וויל איך אייך זאָגען, אַז איך וויל בעסער האַלטען די רעדע דאָ אין קאַסינאָ אין באַזעל, ווי אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס אין ירושלים. ווייל דאָ זיינען ניט פאַראַן קיין פּאָליטישע פּאַרטייען, און איך קאָן האָפען, אַז איך וועל ניט האָבען די שטערונגען וועלכע מען האָט ליידער אָפט אין די איצטיגע טעג אין ישראל. דעריבער בין איך צוליב אַ סך טעמים דאַנקבאַר פאַר האָבען די געלעגענהייט צו טראַכטען צוזאַמען מיט אייך אויפ'ן קול אַ שעה צייט, אָדער אַ ביסעל מער וועגען די 75 יאָר פון ציוניזם.

מיינע ליבע צוהערער — יובילייען זיינען אַ זעהר פּראָבלעמאַטישער ענין. זיי זיינען אָפט נעגאַטיוו, ווייל זיי פאַרפירן מענשען צו ווערן באַהערשט פון אַ געפיל פון זעלבסט־צופרידענקייט, זיין גליקליך מיט די צילען, וואָס מען האָט דערגרייכט און באַגניגענען זיך מיט דעם, וואָס מיינט: אויסרוען זיך אויף די לאָרבער־קרענץ, דר. גראָנעמאַן, אַ גרויסער, זעהר קלוגער און וויציגער ציוניסטישער פירער אין דייטשלאַנד האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט: דאָס געפערליכע ביי יובילייען, און באַזונדערס ביי אידען איז — אַז ביי אַזעלכע געלעגענהייטען איז פאַראַן די נייגונג נאָכצוגעבען ניט דעם יצר הרע, נאָר דעם יצר הוראַ, שרייען לאַנג: הוראַ! ביי אונז מיינט

הוראַ: הידד! — אָבער עס איז געווי דאָסזעלבע. אויב יובילייען ווערן דערפֿאַר מיסגעברויכט, האָבען זיי אַ דעמאָראַליזירענדען און נעגאַטיווען איינפֿלוס. און אַ סך גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען זיינען אונטער־געגאַנגען, ווען זיי האָבען געפייערט יובילייען, ווייל זיי האָבען געגלויבט צו זיין אַזוי גליקליך מיט די דערגרייכונגען, אַז זיי דאַרפֿען שוין מער נישט טראַכטען וועגען דעם וואָס זיי האָבען נישט דערגרייכט.

פֿון דער אַנדערער זייט קאָנען יובילייען זיין זעהר נוצליך און קאָנ־סטרוקטיוו, ווען מען באַנוצט די געלעגענהייט ערנסט פֿאַר מאַכען אַ סך הכל און פֿאַר פֿעסטשטעלען ניט נאָר דאָס, וואָס מען האָט דערגרייכט — מיט וואָס מען האָט דאָס רעכט צו שטאָלצירען — נאָר אויך פֿאַר פֿרעגען זיך גלייכצייטיג, וואָס מען האָט ניט דערגרייכט. ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיינען די מערסטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אונטערגעגאַנגען איבער דעם ווייל זיי האָבן נאָך זייערע ערשטע זיגען געגלויבט, אַז דעם עיקר האָבען זיי שוין דערגרייכט. די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע איז איבער דעם אונטער־געגאַנגען. און אויב מיר האָבען איצט אַן אַזוי־גערופֿענעם קריזיס אין ציוניזם — און עס איז פֿאַראַן אַ קריזיס — איז עס דערפֿאַר, ווייל די מער־סטע ציוניסטען און אידען האָבען געגלויבט, אַז מיט דער גרינדונג פֿון דער מדינה איז דער עיקר פֿון ציוניזם שוין פֿאַרווירקליכט געוואָרען.

ווען איך האָב אָנגענומען די איינלאַדונג צו האַלטען מיין היינטיגע רעדע, האָב איך עס געטאָן דערפֿאַר, אַז איך זאָל כאַראַקטער־זירען ניט נאָר דאָס, וואָס איז דערגרייכט געוואָרען, נאָר בכדי איך זאָל מיט נאָך אַ גרעסערער באַטאָנונג אונטערשטרייכען דאָס, וואָס איז נאָך ניט דערגרייכט געוואָרען. ביים ציוניסטישען קאָנגרעס אין יאָר 1968 האָב איך געזאָגט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אין בעסטען פֿאַל דורכגעמאַכט בלויז אַ העלפֿט פֿון איר וועג. היינט בין איך גרייט אָנצונעמען די מיינונג פֿון מיין פֿריינד און געגנער בן־גוריון, וועלכער זאָגט כסדר, אַז מיר זיינען נאָך אַפֿילו קיין האַלבען וועג ניט דורכגעגאַנגען. איך וועל דערפֿאַר קודם כל פּרוּווען אויסצורעכענען דאָס, וואָס מיר האָבען דערגרייכט, און איך וועל קאָנען רעדען וועגען דעם זעהר קורץ, ווייל דאָס ווערט כסדר באַטאָנט און געפּייערט. אידען, ווי אַנדערע מענשען, האָבען די טענדענץ צו באַטאָנען און אַרויסברענגען דאָס אָנגענעמע און אָפּשטופּען אַן אַ זייט דאָס ניט אָנגענעמע.

אַ סך צווישען אונז ווילען פאַרגעסען דאָס וואָס עס איז נאָך ניט דערגרייכט געוואָרען און וואָס מען דאַרף ערשט דערגרייכען. עס וועט דויערען צו דערגרייכען דאָס פיל לענגער ווי די פופציג יאָר, וואָס האָבען געפירט צו דער אידישער מדינה. אָבער אויב מיר ווילען דאָס אָפּשטופען, וועט אויך דאָס וואָס מיר האָבען דערגרייכט, סוף־כל־סוף ניט לאַנג אויסהאַלטען. איך וועל דאַריבער פּרואווען צו מאַכען דעם בילאַנץ פון ציוניזם — דאָ אין דער שטאָט פון גרויסע באַנק־הייזער דאַרף מען באַנוצען דעם באַגריף — אַזוי אָביעקטיוו און אַזוי ניט איינזייטיג, ווי עס קאָן נאָר טאָן אַזאַ איינער ווי איך, וועלכער ווידמעט זיך דעם ציוניזם זינט זעכציג יאָר. הער באַדט האָט מיך דערמאָנט, אַז איך האָב צום ערשטען מאָל געהאַלטען אַ רעדע אין באַזעל מיט 52 יאָר צוריק. איך וועל זיך באַמיען צו רעדען אַזוי אָביעקטיוו ווי איך קאָן נאָר, וועגען דעם ענין, וואָס איז דער ממשות׳דיקער אינהאַלט פון מיין לעבען. און איך וועל דערביי — מאַכענדיג נאָך איין באַמערקונג אַלס אַ הקדמה — האָבען אין זין דאָס גרויסע וואָרט פון הערצל׳ן, וועלכער האָט, דאָ, אויף דער דאַזיגער טריבונע, געֿעצה׳ט אַלע ציוניסטען צו רעדען וועגען ציוניזם אין זעהר באַשיידענע ווערטער, ווייל די אידייע איז אַזוי גרויס, אַז זי נויטיגט זיך נישט אין קיין גרויסע פּאַטעטישע דיבורים. עס וואָלט געווען גוט, ווען אַלע מיינע ציוניסטישע חברים וואָלטען דאָס געהאַט אין זין.

וועל איך קודם־כל פּרואווען צו כאַראַקטעריזירען דאָס, וואָס מיר האָבען דערגרייכט. איך גלויב צו קאָנען זאָגען אָן שום גוזמא אַז די געשיכטע פון ציוניזם אין די 75 יאָר איז איינע פון די גרעסטע און אומגלויבליכסטע „סוקצעס־סטאָריס״, ווי מען רופט דאָס אין אַמעריקע, איינער פון די גרעסטע דערפאָלגען נישט נאָר אין דער אידישער, נאָר אויך אין דער וועלט־געשיכטע. ווען הערצל האָט מיט 75 יאָר צוריק געזאָגט, אַז ער האָט דאָ, אין דער דאַזיגער געביידע, געשאַפען די אידישע מדינה — ווי ער האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט — האָט זיין אידייע אויסגעזען ווי אַ דאָן קישאָטישע פאַנטאַזיע. און די מערהייט פון אידען און ניט־אידען האָט געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ חלום פון אַ ווינער פעליעטאָניסט. דער פאַקט, אַז זיין וויזיע איז פאַרווירקליכט געוואָרען אין 50 יאָר צייט, ווי ער האָט פאַראויסגעזאָגט; אַז אַ פאָלק האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין לאַנד נאָך 2,000 יאָר — איז איינע פון די אומגלויבליכסטע געשעענישען אין דער וועלט־געשיכטע. ווען איך פּרואוו דאָס אַנאַליזירען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אידישער לאַגע

און פון דער וועלט־סיטואַציע, דריקט זיך אויס די דאָזיגע „סוקצעס־סטאָרי" אין פינף דערפּאָלגען.

קודם־כל איז דאָ דער פאַקט, אַז די מדינה איז געשאַפן געוואָרען. גרינדען מדינות איז פאַר זיך אַליין זעהר אַ שווערע אויפגאַבע, באַזונדערס אַזעלכע מדינות, וועלכע ווילען האָבען אַ שטענדיגען קיום. אין אונזער דור — און איך זאָג דאָס ניט חלילה, בכדי צו מאַכען אַ פאַרגלייך — האָבען מיר געזען ווי אַ סך מדינות זיינען אויפגעשטאַנען און פאַרשוואונדען. ליטע איז געווען אַ מדינה, און לעטלאַנד איז געווען אַ מדינה, און עסטאָניע איז געווען אַ מדינה — וואו זיינען זיי? אויב גרינדען אַ מדינה איז פאַר זיך אַליין זעהר שווער, איז דאָס אויפשטעלען אַ מדינה, וואָס זאָל אויסהאַלטען, אומגעהויער שווער און מיר אידען האָבען דאָס באַוויזען צו טאָן — מיר, אידען פאַר וועמען דאָס גרינדען אַ מלוכה איז ניט געווען קיין רעגולערע פּראָפעסיע. אידען האָבען אין די צוויי טויזענט יאָר פון גלות געלערנט צו מאַכען גוטע געשעפטען, צו שרייבען וואונדערבאַרע ביכער. מיר זענען געווען דיכטער, דענקער, מאָלער, מוזיקער — דאָס גרינדען מדינות איז ניט געווען קיין ספּעציפיש אידישע באַשעפטיקונג. און דאָך האָבען אידען געשאַפען די מדינה, וועלכע מען קאָן שוין היינט, נאָך 25 יאָר, באַטראַכטען און איך רעד זעהר באַשיידען — פאַר מינדעסטענס, אַזוי גוט און אַזוי שלעכט, ווי מלוכות, וועלכע עקזיסטירען שוין זינט יאָרהונדערטער, מיט אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטען פון מאָדערנע מדינות. ישראל האָט אפילו געשאַפען אַזאַ ביוראָקראַטיע, פאַר וועלכער אַנדערע מלוכות האָבען געדאַרפט האָבען הונדערטער יאָרען זי צו אַנטוויקלען. ערנסט גע־רעדט, איז דאָס זעהר אַ גרויסער אויפטו.

דערביי דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט צוויי ענינים. די דאָזיגע מדינה איז געגרינדעט געוואָרען ניט אין אוגאַנדע, נאָר אין נאָענטען מזרח, אין דעם וויכטיגסטען סענסיטיווסטען, דעליקאַטסטען, עקספּלאָזיווסטען ראַיאָן פון דער וועלט, אין אַ געגענד, וואָס פאַרבינדט דריי קאָנטינענטען; וואָס פאַרמאָגט די רייכסטע נאַפט־קוואַלען אין דער וועלט, און אין וועלכער כמעט אַלע גרויסמאַכטען — און דערצו נאָך די דריי גרעסטע רעליגיעס זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט. ווען מיר וואָלטען די מדינה געגרינדעט ערגיץ־וואו אין אפריקע, וואָלט דאָס אונז אוודאי געווען אַ סך לייכטער, אָבער עס וואָלט ניט געהאַט קיין שום באַדייטונג, אָפּגעזען פון

דעם היסטאָרישען סענטימענט און פון אונזער פאַרבונדענקייט מיט ארץ ישראל. איינע פון מיינע באַגעגענישען כאַראַקטעריזירט דאָס זעהר קלאָר.

איך האָב אין משך פון לאַנגע חדשים פאַרהאַנדעלט מיט ערנסט בעווין, דעמאָלטיגען ענגלישען אויסערן־מיניסטער, און האָב אים געוואָלט באַוועגען, אָנצונעמען די אידייע וועגען אַ אידישער מדינה אין אַ טייל פון ארץ ישראל. צום גליק האָב איך ניט געהאַט קיין דערפאָלג. ווען ער וואָלט איינגעשטימט, וואָלט די אידישע מדינה היינט געווען אַ צענטעל דערפון, וואָס זי איז. בעווין האָט אונז געהאָלפען, ווי עס האָבען אונז געהאָלפען דער מופטי און פיל אַנדערע, וועלכע האָבען אונז געוואָלט ברענגען דעם גרעסטען שאָדען. אין איינעם פון מיינע געשפּרעכען מיט בעווין׳ען האָט ער מיר געזאָגט כמעט ווי פּאַטעטיש: „איר ווייסט, דר. גאָלדמאַן, וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר? איר ווילט, אַז איך זאָל אייך געבען דעם שליסעל צום אַריינגאַנג אין דעם וויכ־טיגסטען געאָפּאָליטישען טייל פון דער וועלט". אויף דעם האָב איך אים געענטפערט: מר. בעווין, ווי אַ גוטער ענגלענדער, האָט איר זיכער גרינד־ליך געלייענט דעם אַלטען און דעם נייעם טעסטאַמענט. איך דערמאָן זיך ניט קיין איין אָרט, סיי אין אַלטען און סיי אין נייעם טעסטאַמענט, וואו עס זאָל זיין געזאָגט, אַז ענגלאַנד מוז אויף אייביג האַלטען דעם דאָזיגען שליסעל ביי זיך".

בעווין האָט, אמת, ניט אַפּלאָדירט מיינע ווערטער — אַזוי ווי איר האָט דאָס איצט געטאָן — דאָך האָט ער צוליב דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אַ סך הומאָר, זיך צעלאַכט. און ער האָט דערציילט וועגען מיין ענטפער צו זיינע מיטאַרבעטער, וועלכע ער האָט אַריינגערופען. פונדעסטוועגען האָט ער אונז דעם שליסל ניט געגעבען. ס׳איז בלויז אַ אידישע אילוזיע צו מיינען, אַז ווען מען איז לאָגיש גערעכט, אָדער ווען מען גיט אַ גוטען ענטפער, דער־גרייכט מען עפּעס מיט דעם אין דער פּאָליטיק. דאָס זיינען גאַנץ פאַרשיידענע זאַכען. ווען מיר האָבען באַקומען דעם שליסעל, האָבען מיר אים גענומען; ניט ענגלאַנד האָט אים אונז געגעבען. איך דערמאָן דעם דאָזיגען עפּיזאָד, ווייל ער באַווייזט, ווי בעווין — וועלכער איז ניט געווען קיין גרויסער גע־לערנטער, נאָר מער אַ „סעלף מעיד מען" — האָט עס פאַרשטאַנען, וואָס ארץ ישראל באַדייט געאָפּאָליטיש. דער פאַקט, אַז מיר האָבען באַוויזען צו גרינדען די אידישע מדינה אין ארץ ישראל דערהויבט די באַדייטונג פון

דער מדינה און איז גלייכצייטיג אויך אַ שטאַרקע אַנדייטונג אויף די זעהר גרויסע שוועריקייטען פאַר קאָנסאָלידירען די מדינה.

מיר דאַרפען אויך ניט פאַרגעסען, אַז מדינת ישראל איז געשאַפען געוואָרען אין צוואַנציגסטען יאָרהונדערט. אין דעם שווערסטען און געפערליכסטען יאָרהונדערט פון דער וועלט־געשיכטע. אויב דאָס וואָלט געווען אָפּהענגיג פון מיר, וואָלט איך אפשר געראַטען דעם אידישען פאָלק צו פּראָקלאַמירען זיין מדינה שפּעטער, אין אַ רוהיגערער צייט. אָבער נאָך היטלער׳ן, נאָך דעם אומקום פון זעקס מיליאָן אידען, האָבען מיר ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און האָבען אויך געמוזט אָננעמען דעם פּלאַן וועגען דער טיילונג פון ארץ ישראל, געגען וועלכען עס זיינען געווען אַ סך ציוניסטען און אידען, און איך פאַרשטיי גוט זייער געגנערשאַפט. אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז מיר האָבען געמוזט שאַפען אונזער מדינה אין אַ יאָרהונדערט, אין וועלכען קיין שום מלוכה אין דער וועלט פילט זיך ניט זיכער. ווען דזשאָן פ. קענעדי איז געוואָרען פּרעזידענט, איז דאָס גרעסטע וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט צו די אַמעריקאַנער, געווען: „זייט ניט אַזוי זיכער מיט אייער פּאָזיציע אין דער וועלט. איר מוזט יעדען טאָג דערפאַר פונדאַסניי קעמפען״. אין אַזאַ יאָרהונדערט, וואָס איז פול מיט רעוואָלוציעס, דאַרף דאָס גרינדען די אידישע מדינה נאָך אַ סך מער באַוואונדערט ווערען.

דער צווייטער גרויסער אויפטו איז, אַז עס איז געלונגען דער אידישער מדינה צו שאַפען אַן אַרמיי און געווינען דריי מלחמות. אויך דאָס איז פריער ניט געווען קיין ספּעציפיש־אידישע פּראַפּעסיע. שוין זינט צוויי טויזענט יאָר, ווי מיר זיינען ניט געווען געוואוינט צו פירען גרויסע מלחמות. און דאָס, וואָס עס איז אונז געלונגען צו געווינען דריי מלחמות און אויפשטעלען אַן אַרמיי וואָס ווערט באַוואונדערט אין אַלע לענדער פון דער וועלט, איז אַ גרויסער דערפאָלג. דאָס איז ניט בלויז אַ פראַגע פון אינטעליגענץ, נאָר אויך אַ פּראָבלעם פון כאַראַקטער, מוט, קרבנות־פעהיגקייט.

דער דריטער גרויסער דערפאָלג — לויט מיר דער גרעסטער — איז געווען, וואָס די דאָזיגע יונגע מדינה האָט געגעבען צוויי מיליאָן אידען די מעגליכקייט אויפצובויען זיך אַ נייַ לעבען — צוויי מיליאָן אידען, פון וועלכע פיל הונדערטער טויזנטער, וואָלטן איצט — ווען עס וואָלט ניט געווען די אידישע מדינה — אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט און געקלאַפּט אין אַלע טירען צו קריגען אַריינפאַר־וויזאָס. אין זייער אייגענער אידישער

מדינה האָבען זיי געקאָנט אויפבויען זיך אַ ווירדיג, שאָפעריש לעבען. איך האָב זעהר אַ סך יאָרען געהאַט צו טאָן מיט דעם פּראָבלעם פון די אידישע פליכטלינגען פון דייטשלאַנד, און איך וואָלט אייך געקאָנט דערציילען, ווי אויך די בעסטע מדינות אין דער וועלט, די אַזוי גערופענע פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע, האָבען זיך אויפגעפירט אין דער פראַגע. אָט די אידישע מדינה האָט געגעבען די מעגליכקייט הונדערטער טויזענטער און מיליאָנען אידען — קודם־כל די פינף הונדערט טויזענט פון דער שארית הפליטה פון חורבן אין די היטלער־יאָרען, צו קומען אין זייער אייגען לאַנד, אויפ׳ן גרונד פון זייער רעכט און ניט מיט קיין חסד, און אויפבויען זיך אַ ניי לעבען מיט אָרימקייט, מיט פיל שוועריגקייטען, מיט זעהר אַ סך ניט דערפילטע דערוואַרטונגען, אָבער אַ ניי, ווירדיג מענשליך לעבען. דאָס איז אפשר דער גרעסטער אויפטו פון דער יונגער אידישער מדינה. פאַרגעסט ניט, אַז דערצו איז געווען נויטיג אַן אומגעהויערער אידעאַליזם פון מדינת ישראל.

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָב איך, זייענדיג דעמאָלט פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, צונויפגערופן צוזאַמען מיט בן־גוריון׳ען די ערשטע קאָנפערענץ פון רייכע אַמעריקאַנער אידען, בכדי אַרויסצולאָזען אין פאַרקויף די ישראל־באָנדס, די אָבליגאַציעס, ווייל די געלד־זאַמלונגען פאַר ישראל זיינען מער ניט געווען גענוג. איינער נאָכ׳ן אַנדערען זענען אָט די רייכע אידען — אַלע גוטע פריינד פון ציוניזם און פון ישראל — אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „איר קאָנט דאָס ניט טאָן. איר זענט צו־אָרעם. אייערע באָנדס וועט מען ניט אָננעמען. קודם־כל מוזט איר אָפּשטעלען אייער אימיגראַציע: דאָס איז אַ ווירטשאַפטליך משוגעת, אַן עקאָנאָמישער זעלבסט־מאָרד״. אויף דעם האָב איך געענטפערט מיינע אַמעריקאַנער אידישע פריינד: „איך קאָן אייך זאָגען איין זאַך, אין נאָמען פון ישראל. אויב די אידישע מדינה זאָל דאַרפען מאַכען דעם אויסוואַל צווישען אַ פינאַנציעלען זעלבסט־מאָרד ווייל זי וועט אַריינלאָזען אַלע אידען, וועלכע ווילען קומען, און אַ מאָראַלישען זעלבסטמאָרד, ווען זי וועט פאַרמאַכען אירע טירען, וועט זי אויסקלייבען דעם פינאַנציעלען זעלבסטמאָרד״. און אַזוי האָט ישראל געטאָן, און זי איז ניט אונטערגעגאַנגען פינאַנציעל. אָבער עס איז געווען אַן אומגעהויער סאָלידאַריטעט־געפיל מצד די זעקס הונדערט פופציג טויזענט אידען, מיט וועלכע די מדינה האָט זיך אָנגעהויבען, צו ראַטעווען די אידען, וועלכע האָבען ניט געקאָנט מער וואַרטען.

איצט קום איך צו רעדן וועגן אַ פּערטען דערפאָלג פון מדינת ישראל. אַט די אידישע מדינה, די פאַרווירקליכונג — בעסער געזאָגט די טייל־ווייזע פאַרווירקליכונג — פון ציוניזם האָט געשאַפן אין דער וועלט אַ ניי בילד פון אידישן מענשען. פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער ווייטערער צוקונפט איז דאָס אפשר נאָך וויכטיגער פון אַלע אַנדערע אויפטוען. אידען זענען אין משך פון יאָרהונדערטער געווען פאַרפאָלגט, גע׳רודפ׳ט, דער־נידעריגט, אויסגעלאַכט, אָפּגע׳חוזק׳ט. זיי האָבן זיך געראַטעוועט — און אידען פאַרמאָגן אַ געניאַלע פעהיגקייט פאַר ראַטעווען זיך דורך אַנטוויק־לען פסיכאָלאָגיש־שאַפערישע מעטאָדען פאַר פאַרהיטען זיך פון אַ מאָראַ־לישען און פסיכישען צוזאַמענבראָך. מיר האָבן אַנטוויקעלט אין זיך דאָס געפיל, אַז מיר שטייען מאָראַליש העכער, אַז מיר זיינען דאָס אויסדער־ווילטע פאָלק, און אַז די גויים, וועלכע רודפ׳ען אונז, זיינען אונטער־מענשען. זיי קאָנען אונז טאָן ווי טאָן, אָבער זיי וועלען אונז נישט צעברעכען. דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַן ערזאַץ, אַ מיטעל צו אַנטלויפען פון דער ווירקליכקייט.

זינט דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה האָט זיך דאָס דאָזיגע בילד ראַדיקאַל געענדערט. ניט־אידען, אַלץ איינס צי זיי זיינען פריינד אָדער געגנער — און די שונאים אפשר נאָך מער ווי די פריינד — האָבען באַקומען אַ גאַנץ נייע באַציאונג צום אידישען מענשען. זיי האָבען אָנגע־הויבען זען אין דעם אידען אַ קעמפער, אַ זיגער. וואו און ווען איז דאָס געהערט געוואָרען זינט צוויי טויזענט יאָר? ווען מיר האָבען אין 19־טען און אין 20־טען יאָרהונדערט באַקומען גלייכבאַרעכטיגונג, פריער פון די מערב־איראָפּעאישע און דערנאָך אויך פון די קאָמוניסטישע מלוכות, איז דאָס געווען ווי אַ מתנה. ליבעראַלע, פּראָגרעסיווע מדינות האָבען ניט מורא געהאַט פאַר די אידישע מינדערהייטען און האָבען זיך געקאָנט דערלויבען צו זיין גרויסמוטיג לגבי זיי און זיי געבען גלייכבאַרעכטיגונג. אָבער זינט עס עקזיסטירט די אידישע מדינה, איז פאַראַן די אמת׳ע אידישע גלייכ־באַרעכטיגונג אַלס אַ פאָלק, ווייל די דאָזיגע אָנערקענונג האָבען מיר אַליין אויסגעקעמפט און נישט באַקומען אַלס אַ מתנה. דאָס איז די אמת׳ע גלייכ־באַרעכטיגונג, וואָס די אידישע מדינה האָט געבראַכט פאַר אַלע אידען אין דער וועלט.

און דאָס לעצטע, וואָס איך וויל נאָך דערמאָנען, און וואָס איז אַ דירעק־

טער רעזולטאַט פון דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה, איז דאָס נייע זעלבסטבאַוואוסטזיין, מיט וועלכען אידען גייען איצט אַרום אין דער וועלט דאָס באַרעכטיגטע און אָפטמאָל איבערגעטריבענע געפיל — געגען אַט דעם איבערטרייבען וואָרען איך, און איך וועל נאָך וועגען דעם רעדען. דערפאַר, ווייל אידען האָבען אויסגעקעמפט, אויסגעוויטאָגט און דערגרייכט די דאָזיגע גלייכבאַרעכטיגונג אַלס פאָלק, גייען זיי איצט אַרום איבער דער וועלט מיט אַן אַנדערען קאָפּ, אַזוי צו זאָגען. אַ גרויסער אַמעריקאַנער מלוכה־מאַן האָט אַמאָל געזאָגט ביי אַ ציוניסטישער פאַרזאַמלונג: „איר ווייסט, מיינע פריינד, וואָס איר דאַ, אין ניו יאָרק, האָט צו פאַרדאַנקען דער אידישער מדינה? זינט עס איז דאָ מדינת ישראל, איז יעדער איינער פון אייך אויס־געוואַקסען אויף נאָך זעקס צענטימעטער". דאָס איז פאַר אַמעריקאַנער, וועלכע האָבען ליב הויך־וואוקסיקע מענשען, זעהר וויכטיג. וואָס ער האָט געמיינט, איז קלאָר. און דאָס האָט נאַטירליך זעהר גרויסע פסיכאָלאָגישע קאָנסעקווענצען, ווען אפילו זיי דריקען זיך ניט אויס אין באַלדיגע נצחונות, אָדער אין דער גרויס פון דער עליה און אין דער צאָל פון נייע עולים; וואָס ישראל האָט אויפגענומען און איינגעאָרדענט.

און איצט דערלויבט מיר צו רעדען אַ ביסעל אויספירליכער וועגען דער אַנדערער זייט פון דעם בילד, וועגען די חסרונות. אין דער געשיכטע זיינען ניט פאַראַן בלויז פּאָזיטיווע דערשיינונגען. ניטאָ קיין מתנות אין דער געשיכטע. מתנות קאָן מען געבען אַ דאַמע, מיט בלומען, אָדער אַ פריינד מיט אַ בוך. ממשות׳דיגע זאַכען קאָן מען ניט שענקען. אָדער מען דער־גרייכט זיי און מען קעמפט זיי אויס, אָדער מען האָט זיי ניט. דאָס איז גילטיג בנוגע פעלקער נאָכמער, ווי פאַר יחידים. און ווען מען האָט גרויסע דערפאָלגען, באַצאָלט מען פאַר זיי. איך זאָג אָפט: מענשען צאָלען אָפט פאַר זייערע גוטע מידות מער ווי פאַר זייערע חסרונות. דאָס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס. דאָס איז ריכטיג. און פעלקער באַצאָלען פאַר זייערע דער־פאָלגען מיט אַ סך נייע פּראָבלעמען.

די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט געמאַכט דאָס אידישע לעבען אומגעהויער פיל ווירדיגער, באַדייטונגספולער, פאַרנינפטיגער, מאָראַלי־שער, אָבער ניט לייכטער. צו די הונדערטער פּראָבלעמען, וואָס מיר האָבן גע־האַט אויך אַן דעם אַלס אַ פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער וועלט, זיינען אונז צוגעקומען נאָך צענדליגער נייע פּראָבלעמען דורך דער גרינדונג

פון אַ נייער ספערע פון אידישען לעבען אין אונזער אייגענער מדינה, ווי־באַלד די גולה איז דורך דער אַנטשטייאונג פון ישראל ניט פאַרשוואונדען אין וועט ניט פאַרשווינדען. דאָס אידישע לעבען איז דורך דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה געוואָרען אַ סך שווערער און קאָמפּליצירטער, בכל אופן נאָך אויף אַ לאַנגער צייט. אָבער עס איז אַ פּרייז, וועלכען עס לוינט זיך צו צאָלען. אין דעם ליגט די באַגרינדונג פון מיין דערקלערונג, אַז מען זאָל זיך ניט מאַכען קיין אילוזיעס, אַז מען האָט שוין דערגרייכט דעם ציל פון ציוניזם. אין בעסטען פאַל האָבען מיר, אָפּטימיסטיש געזען, דורכ־געמאַכט אַ העלפט, אויב נישט ווייניקער, פון דעם וועג צו דער דערגרייכונג פון ציוניסטישען ציל.

און איצט דערלויבט מיר צו כאַראַקטעריזירען עטליכע פון די ניט־געלייזטע פּראָבלעמען. קודם־כל דאָס אַקטועלסטע, דרינגענדסטע און וויכ־טיגסטע — דאָס פּראָבלעם פון שלום מיט די אַראַבער. אַזוי לאַנג, ווי מדינת ישראל האָט ניט קיין שלום מיט די אַראַבער איז ביי אַלע נצחונות איר צוקונפט ניט געזיכערט. און ווען איך זאָג "שלום", מיין איך ניט קיין פאַר־מעלען שלום, אַ פרידענס־אָפּמאַך, הגם עס וואָלט געווען גוט, ווען אויך דאָס וואָלט דערגרייכט געוואָרען. שלום־אָפּמאַכען קאָן מען אונטערשרייבען און דערנאָך קאָן מען זיי זעהר לייכט ברעכען. איך וואָלט זיך געוואונשען צו לעבען אַ יאָר לענגער פאַר יעדען שלום־אָפּמאַך, וואָס איז געבראָכען געוואָ־רען אין אונזער דור — מיט מאה ועשרים שנה וואָלט איך דאַן שוין געווען גאַראַנטירט. שלום, ווי אַלץ אין די באַציאונגען צווישען פעלקער, איז קודם־כל אַ פּסיכאָלאָגיש פּראָבלעם. מלחמות ברעכען־אויס אָממייסטען איבער פּסיכאָלאָגישע סיבות און ניט דערפאַר, ווייל עס זאָלען זיין אָביעקטיווע קאָנפליקטען, וועלכע מען זאָל ניט קאָנען לייזען. די אַראַבער קאָנען לעבען אָן ארץ ישראל, וואָס באַטרעפט איין פּראָצענט פון דער גרויס פון די אַראַ־בישע טעריטאָריעס. זייער צוקונפט איז ניט אין געפאַר אויב זיי וועלען ניט האָבען אָט דעם קליינעם טייל לאַנד. און ישראל קאָן אויך לעבען אָן געוויסע טעריטאָריעס, וועגען וועלכע אַנדערע גלויבען, אַז זיי זיינען אַבסאָ־לוט נויטיג פאַר דער אידישער מדינה. אַלץ איז פּסיכאָלאָגיע. ווען מען ווייס, וואָס מען וויל, געפינט מען די אַרגומענטען דאָס צו באַגרינדען. באַזונדערס איז דאָס אַ קלייניגקייט פאַר אידען, מיט גמרא־קעפּ זינט צוויי טויזענט יאָר. „זאָג מיר, וואָס דו ווילסט, און איך וועל שוין געפינען דערפאַר הונדערט

טעמים". ביי איינעם פון די באַרימטע ציוניסטישע קאָנגרעסען דאָ אין באַזעל בין איך געווען דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט פאָרמולירען דעם ענד־ציל פון ציוניזם. איך האָב געהאַט אַכצען פאָרמולי־רונגען וועלכע זענען אַלע געווען גוט, און האָבן אַלע געטויגט אויף כפרות, ווי מען זאָגט אויפ'ן היימישען אידיש. די פראַגע באַשטייט אין דעם, וואָס אַ פאָלק אָדער אַ באַוועגונג וויל. דעמאָלט געפינט מען שוין די נויטיגע אידעאָלאָגיע. שלום צווישען אידען און די אַראַבער מיינט, אַז די אַראַבער זאָלען מיט גוטען ווילען אָקצעפּטירען די עקזיסטענץ פון דער אידישער מדינה, אַלס אַ גלייכבאַרעכטיגט פאָלק. אין מיטעלען מזרח, און לעבען מיט אים צוזאַמען ווי גוטע שכנים, און שפּעטער אויך ווי פריינד. דאָס איז שלום. זאַלבסטפאַרשטענדליך איז אַ שלום־אָפּמאַך אַ זעהר נויטיגער באַדינג דער־פאַר, און ער דריקט אויס דעם דאָזיגען ציל. דעריבער זאָגען זיך אָפּ די אַראַבער ביז איצט אונטערצושרייבען אַ שלום־אָפּמאַך מיט ישראל. אָבער דער דאָזיגער אָפּזאָג איז אַן אויסדרוק פון זייער פּסיכאָלאָגישער איינשטעלונג.

איך פּערזענליך — און דאָס וועט אייך אפשר איבערראַשען — בין אָפּטימיסטיש, צום ערשטען מאָל זינט אַ סך יאָרען, וועגען די אויסזיכטען פון אַ שלום מיט די אַראַבער, צוליב אַ מאָטיוו, וואָס וועט מעגלעך ניט באַדייטען קיין סך פאַר מיינע פריינד אין ישראל. אָבער שלום איז וויכטיגער פון דער מאָטיווירונג. דער ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט איז היינט־צו־טאָג אַן אַנאָמאַליע אין דער וועלט. ער איז דאָס ניט געווען אין די יאָרען און אין די יאָרצענדליקער פון דעם קאַלטען קריג. ווען די גרויסמאַכטען האָבען זיך באַקעמפט, זיך אַרומגעקריגט — האָבען אויך די קליינע מלוכות זיך געקאָנט שלאָגען. מיר לעבען אין אַ וועלט אין וועלכער קליינע מדינות קאָנען ניט פירען קיין קריג, אויב לכל הפחות, איינע פון די גרויסמאַכטען שטיצט ניט איין צד. אַזוי קאָן אויך ניט געשלאָסען ווערען קיין שלום צווי־שען קליינע מדינות, אויב די גרויסמאַכטען ווילען דאָס ניט. קאָן זיין, אַז דאָ אין דער שווייץ וועט מען נישט גערן הערען אַזעלכעס, אָבער אַזוי איז די לאַגע. די שווייץ איז צום גליק אַ נייטראַלע לאַנד און שטייט מחוץ פון דעם דאָזיגען האַנדעל. איך וואָלט זיך געוואונשען, אַז מדינת ישראל זאָל זיך געפינען אין אַזאַ לאַגע און זי וועט האָפענטליך אַמאָל זיין אין אַזאַ סיטואַציע. אַזעלכע זענען איצט די אומשטענדען אין די קליינע מדינות, אַז זיי זיינען אָפּהענגיק פון דער

שטעלונג פון די גרויסמאַכטען. מען קאָן דאָס באַדויערען, אָבער אַזוי איז עס. כל זמן דער קאַלטער קריג האָט אָנגעהאַלטען, און עס איז אָנגעגאַנגען די ריוואַליטעט צווישען די צוויי גרויסמאַכטען, האָט יעדע געהאַט אירע קליענטען. ישראל האָט באַקומען און קריגט ווייטער וואָפען פון אַמעריקע. פריער האָט ישראל געקראָגען וואָפען פון פראַנקרייך. די אַראַבער באַקומען וואָפען פון די רוסען. היינט־צו־טאָג געפינט זיך די וועלט, צום גליק, אין אַ צושטאַנד פון אָנטשפּאַנונג. סיי רוסלאַנד און סיי אַמעריקע ווילען האָבען די אָנטשפּאַנונג, דאָס האָבען באַוויזען די מאָסקווער אָפּמאַכען. די גרעסטע געפאַר פאַר דעם וועלט־שלום איז די לאַגע אין מיטעלען מזרח, אויב זי וועט נישט ווערען סטאַביליזירט. 1973 איז אַ קריטיש יאָר, און אויך אַ יאָר פון גרויסער באַדייטונג. און אויב די גרויסמאַכטען וועלען זיך אייניקען, וועט זיין די באַזע פאַר אַ שלום אין מיטעלען מזרח. און הגם מען קאָן ניט פאָראויסזען, אין אַלע פּרטים, ווי אַזוי דאָס וועט געשען, קאָן מען אָבער אויך אין דער דאָזיגער הינזיכט זיין אָפּטימיסטיש, ווען מען נעמט אין באַטראַכט ישראל׳ס שטאַרקייט און אַמעריקע׳ס פריינדשאַפט צו דער אידי־שער מדינה.

מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָב איך זיך באַטייליגט אין אַ זעהר פּאָפּו־לערען טעלעוויזיע־פּראָגראַם אין ישראל, צו וועלכען עס האָבען זיך צוגע־הערט, ווי מען האָט אָנגעגעבען, אַ מיליאָן אידען. אויך דערפאַר איז ניטאָ קיין פאַרגלייך אין דער וועלט, אַז אַ דריטעל פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד זאָל זיך צוהערען צו אַ טעלעוויזיע־פּראָגראַם. די לעצטע פראַגע, וואָס מען האָט מיר געשטעלט איז געווען: „זענט איר אָפּטימיסטיש, אָדער ניט?״ מיין ענטפער איז געווען: „דאָס איז אָפּהענגיק פון וועמענס שטאַנד־פונקט. פון מיין שטאַנדפונקט בין איך אָפּטימיסטיש. פון מנחם בעגין׳ס שטאַנדפונקט דאַרף מען גיכער זיין פעסימיסטיש״, ווייל די פראַגע איז, וואָס מען וויל, דאָס דאַרף מען וויסען, איידער מען גייט אַרויסזאָגען די מיינונג צי מען איז האָפענונגס־פול, אָדער ניט. פון מיין שטאַנדפונקט זעען פאַראַן אויסזיכטען אויף שלום מיט גוטע באַדינגונגען פאַר ישראל. איך האָב אָפט געזאָגט, אַז אויב די אַראַבער וואָלטען געווען ענגלענדער, וואָלטען מיר שוין לאַנג געהאַט שלום. די ענגלענדער האָבען אַ באמת געניאַלע פעאיג־קייט צו פאַרגעסען וועגען מפּלות און לעבען ווייטער גליקליך. אין אונזער דור האָט ענגלאַנד פאַרלאָרען די גרעסטע אימפּעריע אין דער וועלט

געשיכטע, און די ענגלענדער מאַכען זיך דערפון גאַרניט. זייער איינציגע זאָרג איז, ווי איך האָב אַמאָל געזאָגט, ווער עס וועט חתונה האָבען מיט די „ביטלס“.

אידען פאַרגעסען ניט, מיר האָבען אַן אומהיימליכען זכרון — שאָפּענהאוער האָט עס אָנגערופען דער „פאַרשאָלטענער זכרון פון אידען“. דערפון קומט אונזער אָפּטימיזם, וואָס האַלט אונז אויף. דאָסזעלבע איז ריכטיג בנוגע די אַראַבער, אונזערע שוועסטער־קינדער. אָבער די אַראַבער זענען אויך זעהר עמאָציאָנעל. איר קאָנט קומען צו אַ בעדואינער און ער וועט אייך באַהאַנדלען קעניגליך. ער וועט אייך אפילו פאַרשלאָגען זיין פרוי אָדער זיין טאָכטער. אָבער ווען איר גייט אַרויס פון זיין הוים, און אויב ער האָט מיט אייך אַן אַלטען קאָנפליקט, קאָן ער אייך שפּעטער מיט צוויי מינוט הינטען־אַרום דערמאָרדען. דאָס איז אַראַבישע פּסיכאָלאָגיע. און ווען עס וועט אַמאָל זיין אַ פאַרמעלער שלום צווישען אידען און אַראַבער גאַראַנטירט דורך די גרויס־מלוכות, קאָן איך זיך פאַרשטעלען, אַז אין אַ זעהר קורצער צייט וועלען אַנטשטיין פריינטשאַפט און גוטע באַציאונגען.

אַ וויכטיגע פּערזענליכקייט, וואָס האָט אַ האַלב יאָר פריער פאַר נאַסער׳ס טויט גערעדט מיט איהם — נאַסער האָט דורכאויס געוואָלט מאַכען שלום. ס׳איז אַ גרויסער שאָד, וואָס ער איז געשטאָרבען. ער האָט געהאַט די איינגעבוירענע אייגענשאַפט און ווירקונג צו קאָנען טאָן דאָס, וואָס סאַדאַט׳ן וועט ניט אָנקומען אַזוי לייכט — האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געפרעגט דעם פאַרשטאָרבענעם עגיפּטישען פירער: „זעט איר פאַראויס די מעגליכקייט פון אַן אמת׳ן שלום מיט ישראל, מיט גוט־שכנה׳שאַפט, מיט אַ געגענזייטיגען פאַרקער, מיט באַן־פאַרבינדונג?“ אויף דעם האָט נאַסער געענטפערט: „ווייסט איר, וואָס עס איז מיין הויפּט־זאָרג? — נאַסער האָט געהאַט אַ סך הומאָר — איך טראַכט, אַז אויב מיר וואָלטען אין קומענדיגען יאָר געהאַט שלום וואָלטען מיר ניט געקאָנט פאַרמאָגען אַזוי פיל סחורות אין פּאָרט סאַאיד, וויפיל די ישראלים וואָלטען אָנגעקויפט, ווען זיי וואָלטען צו אונז געקומען יעדען סוף־וואָך אַלס טוריסטען“. דאָס איז ניט קיין וויץ. מען קאָן זיך דאָס דורכאויס פאַרשטעלען. באַטירליך איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער האַלטונג פון די ישראלים.

און דעריבער בין איך איצט אָפּטימיסטיש צום ערשטען מאָל אין 25 יאָר. אין דער וועלט־פּאָליטיק איז קיין שום זאַך ניט זיכער. די גאַנצע איצטיקע אַנטשפּאַנונג קאָן צוזאַמענברעכען ווי דאָס איז געשען אין פאַרגאַנגענעם יאָר איבער פּאַקיסטאַן און אינדיע. אָבער אויב די אַנטוויקלונגען וועלען גיין ווייטער, ווי זיי גייען איצט, אוןביידע גרויס־מלוכות וועלען ווייטער שטרעבען צו שלום און סטאַביליטעט, וועט דער דאָזיגער שלום אויך מוזען איינשליסען דעם ראַיאָן פון מיטעלען מזרח.

ישראל׳ס צווייט גרויס פּראָבלעם איז די אויפגאַבע צו שאַפען פון דער וואונדערליכער עליה, וואָס איז נאָך ווייט ניט גענוג — וועגען דעם וועל איך נאָך שפּעטער עפּעס זאָגען — אַ ניי, איינהייטליך אידיש פאָלק. איך האָב אַמאָל באַגעגענט אין ישראל די גרעסטע אַנטראָפּאָלאָגין פון אונזער צייט אין דער וועלט, מאַרגאַרעט מיד. זי האָט פאַרבראַכט אין ישראל אַ סך חדשים. זי האָט מיר געזאָגט: „איך וואָלט דאָ געוואָלט פאַרבלייבען יאָרען. ניט פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט אַזאַ נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע לאַבאָראַטאָריע, וואָס זאָל זיין אַזוי פאַסצינירענדיג פאַר אַן אַנטראָפּאָלאָגין, ווי עס איז די אידישע מדינה“.

קיין ישראל זיינען אין פאַרלויף פון די 25 יאָר געקומען אידען פון פערציג אָדער נאָכמער לענדער, און ניט נאָר פון פאַרשיידענע געגענדען, מיט פאַרשיידענע מנהגים, פאַרשיידענע רעליגיעזע טראַדיציעס, געוואוינהייטען נאָר אויך — ווי איך האָב זיך אָפּט אויסגעדריקט — פון פאַרשיידענע יאָרהונדערטער: תימנים פון 16־טען יאָרהונדערט, מאַראָקאַנער פון 17־טען; אַנדערע — פון 18־טען יאָרהונדערט; מערב־אייראָפּעיער — פון 19־טען און 20־טען יאָרהונדערט. און עס זיינען פאַראַן היינט אין ישראל אַזעלכע, וואָס לעבען שוין אין 21־טען יאָרהונדערט. צו שאַפען, פון די עולים פון די דאָזיגע פאַרשיידענע קולטור־ספערעס, לענדער, שפּראַכען, רעליגיעזע מנהגים, יאָרהונדערטער־אַלטע געוואוינהייטען — איין פאַראייניגט און איינהייטליך פאָלק, איז אַן אומגעהויער שווערע אויפגאַבע. און עס איז נאַריש צו מאַכען פאַרוואורפען דער אידישער מדינה, פאַרוואָס זי האָט דאָס נאָך ביז איצט ניט דערגרייכט. דער גרויסער חילוק צווישען ספרדים און אשכנזים, די אינערליכע קאַמפען און דעמאָנסטראַציעס — זיינען סימפּטאָמען פון דאָזיגען שווערען פּראָבלעם.

ישראל האָט נאַטירליך נאָך ניט געהאַט די מעגליכקייט צו לייזען די

דאָזיגע פראַגע, ווייל זי מוז קודם־כל זאָרגען וועגען איר זיכערקייט. אָבער דאָס איז זעהר אַן עקספּלאָזיווע פּראָבלעם. אַ ישראל־מיניסטער האָט מיר לעצטענס געזאָגט: „איך ציטער פאַר דעם מאָמענט, ווען עס וועט ווערען שלום מיט די אַראַבער, ווייל דעמאָלט וועט זיך אָנהויבען די אינערליכע אידישע מלחמה. און פירען אַ קריג מיט אידען איז ניט אַזוי איינפאַך, ווי אַ מלחמה מיט די עגיפּטער". דאָס איז איבערטריבען און קלינגט פּאַראַדאָק־סאַל, אָבער ס'איז פאַראַן אין דעם אַ סך אמת. דאָס איז די צווייטע אויפגאַבע, וואָס וועט נאָך אַ לאַנגע צייט ניט קאָנען דערפילט ווערען. מאַטעריעל האָבען מיר מיט דער עליה אין אַ געוויסער מאָס זיך אַן עצה געגעבען, אָבער באַ־הערשען די עליה פּסיכאָלאָגיש, צו שאַפען פון די אַלע עולים דאָס ישראל־פאָלק — איז אַן אומגעהויער שווערע אויפגאַבע. איך צווייפעל ניט אין דעם, אַז ווען עס וועט זיין אַן אַטעם־פּויזע און ווען מען וועט ניט דאַרפען אַלע כוחות אָוועקגעבען פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד, וועט ישראל האָבען די פּסיכאָלאָגישע און מאַטעריעלע מעגליכקייט אָפּצוגעבען זיך ערנסט מיט דעם פּראָבלעם.

איך קום איצט צו דער דריטער פראַגע, וואָס איז זעהר אַ דעליקאַטע, און וואָס איך וויל באַהאַנדלען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. אייגענטליך האָב איך ניט דערפאַר די נויטיגע קאָמפּעטענץ. דאָס באַציט זיך אויף די באַצי־אונגען צווישען מדינה און רעליגיע אין ישראל. ווי נאָר עס האַנדעלט זיך וועגען אַ פראַגע פון רעליגיע, ווערט אַלץ דעליקאַט קאָמפּליצירט. רעליגיע איז די איינציגע ספערע אין לעבען, וואו דער מענש האָט דאָס רעכט צו גלויבען אין אַבסאָלוטע אמת'ן. דערפאַר קאָן מען ניט אויף דעם געביט מאַכען לייכט קיין פשרות. די ערגסטע מלחמות אין דער וועלט זיינען געווען די רעליגיעזע, ווייל דער וואָס פירט אַזאַ קריג קעמפט ניט פאַר אינטערעסען, אָדער פאַר דעם, וואָס ער האַלט אַלס ריכטיג. ער קעמפט פאַר דעם, אין וואָס ער גלויבט און וואָס ער באַטראַכט פאַר די געבאָטען, וואָס זיינען אים אָנגעזאָגט געוואָרען. לאָרד סעמיועל, דער אידישער האַי־קאָמישאָנער אין ארץ ישראל וועלכער איז אויך געווען אַ ביסעל אַ פילאָזאָף, האָט אַמאָל געזאָגט: „די פראַגע, וואָס אַזעלכעס זיינען אידען איז אַ נאַרישע פראַגע. אידען זיינען אַזוי ווי אַלע אַנדערע מענשען נאָר אַ ביסעל מער". אין דעם פאַל באַדייט דאָס, אַז אויב אַלע רעליגיעזע קאַמפען זיינען פאַנאַטיש, זיינען אַלע רעלי־גיעזע קאָנפליקטען ביי אידען נאָך פאַנאַטישער. די אידישע אמונה האָט

צוויי טויזענט יאָר געזאָרגט דערפאַר, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל בלייבען לעבען. קיין שום נאַציאָנאַלע אידייע קאָן ניט אויפטאָן דאָס, וואָס עס קאָן דערגרייכען רעליגיע. מענשען גייען אויף שייטערהויפענס ניט פאַר אַ נאַציאָנאַלער אידייע — אָדער בלויז זעהר זעלטן — נאָר פאַר דער אמונה זייערער.

די אידישע אמונה האָט צוויי טויזענט יאָר נאָכאַנאַנד פאַרזיכערט דעם אידישען קיום און המשך. אָבער היינט, ווען די מערהייט פון פאָלק האַלט זיך ניט מער ביי דער אָרטאָדאָקסישער לעבענספאָרם, איז די אידישע אמונה אַריין אין אַ פאַרטיידיגונגס־צושטאַנד, פילט זיך ניט אינגאַנצען זיכער און ווערט דעריבער מער פאַנאַטיש. נאָר אומזיכערע פעלקער, באַוועגונגען, אידייען זיינען פאַנאַטיש. מענשען, וועלכע פילען זיך זיכער, זיינען תמיד בויגזאַם. דאָס באַמערק איך בלויז פאַרבייגייענדיג, הגם דאָס האָט אויך אַ סך צו טאָן מיט דער ישראל'דיגער פאָליטיק. די אידישע אמונה איז אין אירע גרויסע צייטען געווען שאַפעריש און פלעקסיבל. ווען פירער פון דער אידישער אמונה האָבען געקאָנט זאָגען, אַז „עין תחת עין, שן תחת שן" באַדייט געלד־אַנטשעדיגונג, באַווייזט דאָס, ווי שטאַרק זיי האָבען זיך געקאָנט צופאַסען צו די באַציאונגען פון לעבען. ווען דער גרויסער גאון רבנו גרשם פון מאַינץ האָט אָפגעשאַפט די פאָליגאַמיע און שטרענג איינגעפירט די מאָנאָגאַמיע פאַר'ן אשכנז'ישען אידענטום. איז דאָס אַ באַווייז ווי אַזוי די גרויסע רעליגיעזע אידישע פירער זענען געגאַנגען צו־זאַמען מיט דער צייט, אין וועלכער זיי האָבען געלעבט. אָבער די איצטיגע אידישע רעליגיעזע פירער לעבען פסיכאָלאָגיש אין אַ פעסטונג, פילען זיך שטענדיג ווי אָנגעגריפען און זיי בויען אַרום זיך איין מויער נאָכ'ן אַנדערן — אַלץ, בכדי זיך צו שיצען. דערמיט ווערען די פּראָבלעמען ניט געלייזט. און ווי איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט אויף אַ ציוניסטישען קאָנגרעס: די אידישע רעליגיע איז צו־וויכטיג פאַר'ן איד'ישען פאָלק, אַז אירע פּראָבלע־מען זאָלען איבערגעלאָזען ווערען נאָר פאַר די רבנים.

דאָס איז זעהר אַן ערנסטע פראַגע, וואָס הויבט שוין אָן צו האָבען שווערע פאָלגען אין ישראל. אַ טייל פון דער יוגענט ווערט אַנטי־רעליגיעז, ווייל דאָס אָפהיטען אַלע דינים און הלכות, ווי עס פאָדערען די רעליגיעזע פירער, קומט טיילמאָל אין אַ סתירה מיט די באַדערפענישען פון אַ מדינה. וואָס עס איז געווען נויטיג אין געטאָ, איז אין מדינת ישראל ניט מער נויטיג און אָפטמאָל שעדליך. די דאָזיגע פּראָבלעמען קאָנען געלייזט ווערען נאָר —

איך קאָן נישט געבען וועגען דעם קיין שום עצות, אָבער איך זאָג נאָך דאָס, וואָס געוויסע גרויסע רעליגיעזע מנהיגים פון אידישען פאָלק אין אונזער צייט מיט וועלכע איך בין געווען באַפריינדעט, ווי הרב מיימון, האָבען גע־האַלטען — דורך צונויפרופען אַ נייעם סנהדרין, וואָס זאָל האָבען די אויטאָריטעט פון דער העכסטער רעליגיעזער מאַכט, ווי דער סנהדרין האָט געהאַט אין די אַלטע צייטען. די פראַגע באַשטייט אין דעם, ווער פון די רעליגיעזע מנהיגים וועלען האָבען דעם מוט און די אויטאָריטעט צוזאַמענצורופען אַזאַ סנהדרין.

איך פאַרשטיי דאָס צוריקהאַלטען זיך, פריער פון בן־גוריון און איצט פון גאָלדע מאיר, פון צוטרעטען צו באַהאַנדלען אַקטיוו דאָס דאָזיגע פּראָבלעם כל זמן ישראל געפינט זיך נאָך אין מלחמה־צושטאַנד. זיי שרעקען זיך פאַר אַ קולטור־קאַמף, אַזוי לאַנג ווי די עקזיסטענץ פון דער מדינה איז נאָך ניט געזיכערט. אָבער אויך געוויסע רעליגיעזע גרופּעס פאָדערן צו ענ־דערען דעם סטאַטוס־קוואָ. און איך האָב מורא, אַז מען וועט שוין ניט קאָנען אָפּלייגען מער דאָס דאָזיגע פּראָבלעם אויף אַ לאַנגער צייט, ווייל דאָס קאָן פירען צו שווערע אינערליכע קאָנפליקטען, צו אַ שפּאַלטונג צווישען דעם יונגען דור און אַ טייל פון עלטערן, ווייל עס האַנדעלט זיך דאָ ניט וועגען מאַטעריעלע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע אינטערעסען, נאָר וועגען רעליגיעזע ענינים, וועלכע רירען אָן די טיפסטע טיפענישען פון דער נשמה פון פאָלק.

מיט דעם קום איך צו אַן אַנדערען, אפשר נאָך גרעסערען און שווע־רערען פּראָבלעם, וואָס איז אויך פאַרבונדען מיט דער פריערדיגער פראַגע, וועלכע איך האָב נאָר־וואָס באַהאַנדעלט. איך קום צו דעם פּראָבלעם וועגען די באַציאונגען צווישען ישראל און די תפוצות. ווער עס גלויבט, אַז די גרינדונג פון דער אידישער מדינה האָט געלייזט דאָס דאָזיגע פּראָבלעם, דער לעבט אין די געפערליכסטע אילוזיעס. אַ קורצע צייט איז געווען אין ישראל אַ זעהר איינפאַכע האַלטונג, נעמליך, די אַבסאָלוטע פאַרלייקענונג פון גלות, שלילת הגלות. צום גליק איז די דאָזיגע באַציאונג פאַרביי באַזונ־דערס נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. די דאָזיגע שטעלונג איז צייטענ־ווייז דערקלערט געוואָרען אַלס די באַדייטונג פון ציוניזם. דער אמת איז, אַז דאָס איז אַ פאַרקריפּלונג פון דעם זין פון ציוניזם. די דאָזיגע אויפפאַסונג באַטראַכט דעם גלות, אַלס אַן אומגליקליכען עפּיזאָד, מיט וועלכען מען דאַרף

זיך אייגענטליך שעמען; אַלס אַן אַנאָמאַליע אין דער אידישער געשיכטע, וואָס מען מוז באַקעמפען און איבערקומען. בלויז די אידישע מדינה איז נאָרמאַל. אַזאַ אויפפאַסונג איז אַן ערשטקלאַסיגער היסטאָרישער אַבסורד. די אידישע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבען מיט׳ן גלות, מיט׳ן אַרויסגיין פון מצרים. דערנאָך איז געקומען די מדינה. דאַן איז די מדינה צעשטערט געוואָרען און ס׳איז געקומען גלות בבל, און דער תלמוד בבלי איז געוואָרען וויכטיגער פאַר׳ן אידישען קיום, ווי תלמוד ירושלמי. דערנאָך איז געקומען דער בית שני, אָנגעהויבען דורך עזרא און נחמיה. דער בית שני איז צעשטערט געוואָרען דורך די רוימער און עס איז געקומען דער איצטיגער גלות. ווען איר וועט נעמען ציילען, וויפיל יאָרהונדערטער אידען האָבען געלעבט אין גלות, און וויפיל — אין זייער אייגענעם לאַנד, וועט איר לייכט אויסגעפינען, אַז די צאָל יאָרהונדערטער אין גלות איז פיל גרעסער. זאָל דאָס אַלץ זיין בלויז אַן אַנאמאַליע? אַ צופאַל, מיט וועלכען מען דאַרף זיך שעמען? וואָס פאַר אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג האָט אַ פאָלק, וואָס האָט דעם גרעסטען טייל פון זיין געשיכטע געלעבט אַזוי־צו־זאָגען אַנאָרמאַל?

די דאָזיגע אויפפאַסונג איז געווען איינע פון די גרויסע אילוזיעס אין די ערשטע יאָרען נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה, מיט דער פאַרהערליכונג פון דער מדינה אַן אַ שיעור — וואָס איז פאַרשטענדליך, אָבער נישט באַרעכטיגט. דאָס האָט זיך זעהר געענדערט. דער פאַלשער גלויבען, אַז ווען מען האָט די אידישע מדינה, איז די אידישע לאַגע שוין פולשטענדיג נאָרמאַליזירט, און אַז וואָס איז שייך די צוועלף מיליאָן אידען אין די תפוצות, וועלען זיי אָדער קומען קיין ישראל, אָדער זיי וועלען פאַרשווינדען — איז שוין פאַרביי. אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה האָט ישראל אנטדעקט עמאָציאָנעל די תפוצות. איך האָב זיך איבערצייגט אין דער דאָזיגער גייסטיגער אומוואַנדלונג בעת אַ קורס אין ישראל׳ס מיליטערישער אַקאַדעמיע, וואו עס ווערען אויסגעבילדעט די העכסטע אָפיצירען. צו דריי אָפיצירען איז געשטעלט געוואָרען די פראַגע: וועט ישראל קאָנען בלייבען עקזיסטירען אויך אָן די תפוצות, אָדער די תפוצות וועלען קאָנען אויסהאַלטען אָן דער אידישער מדינה? און אַלע דריי האָבען געענטפערט, אַז די תפוצות וועלען קאָנען בלייבען אָן מדינת ישראל, אָבער די אידישע מדינה וועט ניט קאָנען עקזיסטירען אָן די תפוצות. מיט פופצען יאָר צוריק וואָלט געווען אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען אַזאַ ענטפער. איך בין געווען דערשטוינט

פון דעם ענטפער, און האָב אין דעם סימפּאָזיום פּאַרטיידיגט ישראל. איך האָב געזאָגט, אַז תפוצות וואָלטען נישט געקאָנט בלייבן לעבען אַ לאַנגע צייט אָן מדינת ישראל. דער דאָזיגער פאַקט באַווייזט, אַז אין דער אויפ־פּאַסונג פון ישראל איז געקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג צום גוטען.

אָבער דערמיט איז דאָס פּראָבלעם נאָך ניט געלייזט. מען זאָרגט זיך נאָך ניט דערוויל וועגען דעם ווייל היינט־צו־טאָג זענען 90 פּראָצענט אידען פּראָ־ישראל, זינט דעם זעקס־טאָגיקען קריג. איך האָב אָפט געזאָגט, אַז אונ־זער איצטיגער אידישער דור האָט געהאַט צוויי דערשיטערנדיגע איבערלע־בונגען — די נעגאַטיווע, פון היטלעריזם, ווען אַ דריטעל פון אונזער פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרען; און מיר האָבען זיי נישט געקאָנט העלפען. דאָס האָט געמאַכט מיליאָנען פון אונז פאַר בעסערע אידען אויפ׳ן גרונד פון אַ שולד־געפיל. פאַרוואָס, איז מיין ברודער אין פוילן דער׳הרג׳עט געוואָרען און איך ניט? פאַרוואָס איז מיין פריינד אומגעקומען אין אוישוויץ און איך — נישט? און דאָן — די צווייטע גרויסע פּאָזיטיווע איבערלעבעניש פון דער ווידעראויפשטייאונג פון דער אידישער מדינה. — פאַר אַ דור פון וועלכען אפילו פינף פּראָצענט האָבען מיט דרייסיג יאָר צוריק ניט געגלויבט, אַז מיר וועלען דאָס דערלעבען אין אונזער צייט. אָבער עס וואַקסט־אויף אַ נייער דור, וועלכער האָט ניט איבערגעלעבט דעם נאַציזם. זיי ווייסען וועגען אים פון די ביכער, אָבער עס איז דאָ אַ גרויסער אונטער־שייד אין דעם, צי מען האָט דעם נאַציזם אַליין איבערגעלעבט טאָג־נאָך־טאָג, ווי איר און איך, אָדער מען לייענט וועגען דעם שפּעטער. און וואָס איז שייך די אידישע מדינה, איז זי פאַר אונזער יונגען דור אַ נאַטירליכער פאַקט. איך זע דאָס ביי מיינע זין. זיי זענען זעהר צופרידען דערפון, וואָס עס איז פאַראַן אַ אידישע מדינה. זיי זעען ישראל׳דיקע אַמבאַסאַדאָרען ביי אונז אין הויז. מיט אַ טייל פון זיי פיר איך קאַמפען. מיט אַנדערע לעב איך גוט — וואָס איז אין דעם פאַראַן אַזעלכעס, פון וועלכען זיי זאָלען ווערען אַזוי באַזונדערס נתפעל? פאַר מיר איז ישראל געווען אַ גרויסע, דערהויבענע איבערלעבונג. פאַר אייך — אויך, אָבער פאַר דעם נייעם, אויפוואַקסענדיגען דור, אפילו ווען ער האָט אַ פּאָזיטיווע אידישע באַציאונג, איז עס זעלבסט־פאַרשטענדליך, וואָס עס עקזיסטירט אַ אידישע מדינה, מיט אַמבאַסאַדאָרען און מיניסטאָרען; וואָס האַלט־אָפּ נצחונות, מאַכט דורך קריזיסען א. א. וו. דעריבער קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזען אויף דעם, אַז די צוויי איבערלעבונגען

וועלען ווייטער ווירקען אייביג. און ווייל די אידישע רעליגיע באַהערשט שוין נישט מער דעם גרעסטען טייל פון דער יוגענט — די רעליגיע אין דעם אַלטען אידישען זין, וואָס זי האָט דאָמינירט דאָס גאַנצע אידישע לעבען — און ווייל די עמאַנסיפּאַציע איז שוין דורכגעפירט — אידען לעבען צווישען די אַנדערע פעלקער און מאַכען גרויסע קאַריערעס פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, פינאַנציעל, גייסטיג, מאָראַליש, ליטעראַריש — איז דאָ די געפאַר, אַז דער דאָזיגער דור זאָל אין צען, צוואַנציג יאָר אַרום, לכל הפחות אַ טייל פון אים, ווערען גלייכגילטיג צו דער אידישער מדינה און אין אַלגעמיין צו אידישע ענינים. און דאָס קאָן זיין דער אָנהויב פון סוף פאַרביידע טיילען פון אידישען פאָלק.

דעריבער דאַרפען געפונען ווערען פאַרמען, ווי אַזוי צו פאַרזיכערן די איינהייט פון אידישען פאָלק. ניט פאַראַן קיין שום ביישפּילען פאַר אַזאַ לאַגע. מיר מוזען אַליין שאַפען די פאַרמען. ווי אַזוי צו גרינדען מדינות, וואָלטען מיר געקאָנט לערנען פון אַנדערע, ווי אַזוי אויפצושטעלען אַן אַרמיי און געווינען מלחמות, וואָלטען מיר אויך געקאָנט לערנען. אָבער ווי אַזוי איינצוהאַלטען און גאַראַנטירען די איינהייט פון אַזאַ פאָלק, ווי מיר, וועמענס אַכציג פּראָצענט לעבען ניט אין זייער אייגענעם לאַנד — דאָס איז אַן אויסערגעוויינליך איינציג־אַרטיג פּראָבלעם. דאָ קומט אויך די פראַגע וועגען דאָפּעלטער לאָיאַליטעט. בלויז די דערפאַרונג קאָן אונז ברענגען אַ לייזונג פאַר דעם פּראָבלעם. דאָס קאָן דויערן יאָרען, אויב ניט צענדליגער יאָרען. און געפינען אַ לייזונג וועלען מיר נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלען זיך אָפּגעבען אַ רעכענונג וועגען דעם, אַז עס איז דאָ אַזאַ פּראָבלעם, און ווען מיר וועלען ניט פאַרמאַכען די אויגען און זאָגען: „אַלע אידען זיינען פּראָ־ישראל, און דאָס איז גענוג". אַ סך שווייצאַריער זיינען צעזייט און צע־שפּרייט אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט. איז עס אַזוי וויכטיג פאַר דער שווייץ, אַז די, וועלכע געפינען זיך אין אויסלאַנד זאָלען בלייבען שווייצאַריער? אויב זיי וועלען זיך אַסימילירען, וועט די שווייץ בלייבען דיזעלבע מדינה. דייטשלאַנד, אירלאַנד, איטאַליע האָבען גרויסע „תפוצות" — אָבער, אויב אַלע דייטשען אין אַמעריקע זאָלען פאַרגעסען, אַז זיי שטאַמען פון דייטשען פאָלק — אין איין דור אָדער צוויי וועלען זיי עס טאָן — וועלען סיי מערב־דייטשלאַנד און סיי מזרח־דייטשלאַנד דערפון ניט גע־שטעלט ווערען אין געפאַר. אָבער ביי אונז, אויב די תפוצות זאָלען חלילה

איין טאָג פאַרגעסען, אַז זיי טראָגען די אחריות פאַר ישראל, וואָלט אונז געדראָט די גרעסטע סכנה פאַר׳ן קיום פון אונזער פאָלק.

דאָס דאָזיגע אומגעוויינליכע איינציג־אַרטיקע, דעליקאַטע פּראָבלעם קאָן געלייזט ווערען נאָר אויפ׳ן יסוד פון דער סאָלידאַריטעט פון גאַנצען פאָלק און פון דער אָנערקענונג פון דער עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג פוןביידע טיילען. עס קאָן ניט זיין אַזוי, אַז ישראל זאָל באַטראַכטען דעם גלות, ווי אַ חרפּה און פון דער אַנדערער זייט דאַרפען די תפוצות רעספּעקטירען ישראל׳ס סואווערעניטעט. קיינער פון די צוויי טיילען קאָן ניט געבען דעם אַנדערען קיין באַפעלען. ביידע דאַרפען צוזאַמען באַהאַנדלען די געמיינזאַמע פּראָבלעמען. מען מוז שאַפען אַ ראַם, אין וועלכער אַזעלכע באַראַטונגען זאָלען אָפּגעהאַלטען ווערען רעגעלמעסיג, און ניט, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערען ביי צופעליגע באַגעגענישען. דאָס קאָן אויך ניט געשען אַזוי לאַנג, ווי עס איז אַ מלחמה־צושטאַנד אין ישראל, און די זיכערקייט פון דער מדינה שטופּט אַוועק אָן אַ זייט אַלע אַנדערע פּראָבלעמען. אָבער דאָס איז איינע, אויב ניט די דרינגענדסטע פון די ניט־געלייזטע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע דער ציוניזם, ישראל און דאָס אידישע פאָלק דאַרפען געפינען אַן ענטפער.

צו די דאָזיגע איינצעלנע באַמערקונגען וואָלט איך געוואָלט צוגעבען אַן אַלגעמיינע באַטראַכטונג וואָס פאַרשאַרפט נאָך זעהר דאָס גאַנצע פּראָבלעם. איך האָב אין אָנהויב גערעדט וועגען דער „סוקצעס־סטאָרי״ פון ציוניזם, וועגען דעם אומגעוויינליכען דערפאָלג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער, ווער עס לייענט די ציוניסטישע אידעאָלאָגען — משה העס, לעאָן פּינסקער, אחד העם, הערצל און אַנדערע — וועט מוזען זיך אָפּשטעלען אויף צוויי געשעענישען, וועלכע האָבען פּאַסירט אין די פאַרגאַנגנע 25 יאָר, און וועגען וועלכע קיינער פון די אידעאָלאָגען און גרינדער פון ציוניזם האָבען קיינמאָל ניט געטראַכט. ביידע געשעענישען זיינען אומגעהויערע טראַגעדיעס, און זיי האָבען דעם גאַנג פון דער פאַרווירקליכונג פון ציוניזם אין אַ געוויסער מאָס שאַרף געענדערט. איין געשעעניש איז די אידישע טראַגעדיע אין דער נאַצי־עפּאָכע. ביי דער פייערונג צום 100־טען געבורטסטאָג פון הערצל׳ן האָב איך, גלויב איך, אין דעם זאָל געזאָגט, אַז מען קאָן באַהויפּטען, אַז די פּאַראַדאָקסאַלע טראַגעדיע פון ציוניזם באַשטייט אין דעם, וואָס אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבען באַקומען דאָס

לאַנד, האָבען מיר געהאַט פאַרלאָרען דאָס פאָלק. צום גליק איז דאָס איבער־טריבען. די אַמעריקאַנער אידען זיינען געבליבען, אויך אַ סך אייראָפּעאישע אידען, און נאָר אַ דריטעל פון אונזער פאָלק איז אומגעבראַכט געוואָרען. אָבער דאָס דריטעל, וואָס מיר האָבען פאַרלאָרען, איז געווען דער נאַטיר־ליכער רעזערוו פאַר עליה. וואָלטען געווען די רוסישע אידען אָן דעם קאָמוניזם, און די פוילישע אידען, די רומענישע, די אונגאַרישע — וואָלט מען ניט געדאַרפט האָבען קיין פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט מען ניט געדאַרפט פירען דעם קאַמף מיט דער רוסישער רעגירונג וועגען דעם קאַפּ־שטייער — איינע פון די אוממאָראַלישסטע און ברוטאַלסטע פאַראָרדענונגען, וואָס זי האָט אַמאָל אַרויסגעגעבען. אַלץ וואָלט דאַן געווען אַ נאַטירליכער פּראָצעס. די דאָזיגע הונדערטער טויזענטער אידען וואָלטען אַליין עולה געווען קיין ישראל, אָן ציוניסטישע רעדנער, און אָן אַלע צוזאָגען, וואָס מען גיט איצט די עולים. דער דאָזיגער נאַטירליכער קוואַל פון עליה איז פאַרניכטעט געוואָרען, און דאָס איז אַ גרויסע טראַגעדיע, וואָס קיינער האָט ניט פאַר־אויסגעזען.

די צווייטע טראַגעדיע איז געווען, וואָס מיר זיינען געצוואונגען געוואָ־רען אָנצוהויבען אונזער קאַריערע אַלס אַ מדינה — אויב איך קען זיך אַזוי אויסדריקען — מיט אַ מלחמה. די דאָזיגע מלחמה האָט צום גליק זיך געענדיגט מיט אַ נצחון, אָבער נישט מיט שלום. און איין קריג האָט נאָכגעשלעפּט אַ צווייטען און אַ דריטען — איך האָף, אַז איצט איז שוין געקומען אַ סוף צו דעם, אָבער מען קאָן קיינ־מאָל ניט וויסען. דאָס האָט געענדערט די גאַנצע באַציאונג צו דער אַראַבישער וועלט. אַלע ציוניסטישע פירער זיינען געווען זיכער, אַז מיר וועלען בויען די אידישע מדינה אין שלום מיט די אַראַבער, אַז מיר וועלען זיי ברענגען קולטור און פּראָגרעס, אַז מיר וועלען לעבען מיט זיי אין אַ געגענזייטיגער פאַרשטענדיגונג. פון דעם אַלעם איז גאָרניט געוואָרען, און אַלע אונזערע פאָראויסזעאונגען זיינען צעשמעטערט געוואָרען דורך דעם פאַקט, ווען די אַראַבער האָבען אויף דעם יו־ען באַשלוס וועגן דער טיילונג פון ארץ ישראל געענטפערט מיט אַן אַריינמאַרש אין ארץ ישראל און האָבען געצוואונגען די אידישע מדינה צו פירען אַ מלחמה, אין וועלכער ישראל האָט צום גליק אָפּגעהאַלטען אַ נצחון, אָבער ניט דערגרייכט קיין שלום. און די שפּעטערדיגע

מלחמות האָבען דאָס פּראָבלעם נאָך פאַרשאַרפט. ווייל אויך פאַר די שאַפע־רישע מעגליכקייטען פון אַזאַ שטאַרק פעהיג פאָלק, ווי עס זיינען די אידען אין מדינת ישראל, זיינען פאַראַן גרעניצען. אידען אין מדינת ישראל קאָנען ניט טאָן מיטאַמאָל אַלץ — סיי פירען מלחמות און געווינען, סיי אויפנעמען און איינאָרדענען מיליאָנען מענשען אין לאַנד און גלייכצייטיג לייזען די פּראָגען, וועגען וועלכע איך האָב גערעדט. וואָלט ישראל געקאָנט קאָנ־צענטרירען אירע אומגעווינליכע שאַפערישע כוחות, וואָס זי האָט געמוזט פאַרווענדען פאַר פירען קריג און זיגען — אויף קאָנסטרוקטיווע אויפגאָבען, וואָלטען אַ סך פון די פּראָגען שוין געווען אויפ׳ן וועג צו זייער לייזונג. דעריבער טאַקע איז דער שלום אַזוי נויטיג, ניט בלויז צוליב מיליטערישע און פּאָליטישע טעמים, נאָר אויך ניט ווייניגער דערפאַר, אַז ישראל זאָל האָבען די מעגליכקייטען אַוועקצוגעבען אירע גרויסע שאַפערישע, מאָראַ־לישע און אינטעלעקטועלע כוחות פאַר דער לייזונג פון די פּראָגען, פון וועלכע עס איז אָפּהענגיק איר צוקונפט.

און נאָך אַ וואָרט, בכדי צו רעזומירען מיינע אויספירען. דער ציל פון ציוניזם, מיינע פריינד, איז קיינמאָל ניט געווען פשוט בלויז צו שאַפען אַ מדינה. דער ציל פון ציוניזם איז געווען צו שאַפען אַ אידישע מדינה. תמיד זיינען געווען צוויי שיטות אין ציוניזם, די הערצל׳שע און די פון אחד העם. הערצל, ווי איר ווייסט, איז געקומען פון דער אַסימילאַציע. אין אידישע ענינים איז ער ניט געווען באַהאַוונט צום גליק. וואָלט ער געקענט אידען, וואָלט ער פאַראויסגעזען די שווערינקייטען פאַר שאַפען די אידישע מדינה — וואָלט ער אפשר ניט געוואָגט אָנצושרייבען דעם „אידענשטאַט״. געטע, וועלכער איז וואַרשיינליך געווען דער קליגסטער פון אַלע אייראָפּעיער — אמת, אַ דייטש, אָבער ניט קיין נאַצי, און אים מעג מען ציטירען — האָט אַמאָל געזאָגט: דער, וועלכער שאַפט עפּעס, דאַרף זיין בלינד״. אויב מען זעט פאַראויס אַלע שווערינקייטען — אַזוי ווי עס טוען די מערסטע אינטע־לעקטואַלען — קאָן מען ניט האַנדלען און אונטערנעמען קיין שום זאַך. איך בין אַמאָל, מיט אַן ערך צען יאָר צוריק געקומען צו בן־גוריון׳ען, ווען אויף דער טאָג־אָרדענונג איז גראָד געשטאַנען אַ זעהר קריטיש פּראָבלעם, און ער איז געווען זעהר באַאומרוהיגט און האָט מיר געזאָגט: „צווישען אונז רעדענדיג, נחום, ווען דו און איך וואָלטען פאַראויסגעזען, וואָס פאַר אַ שווערינקייטען מיר וועלען האָבען מיט אַ אידישער מדינה, וואָלטען מיר

געוואָגט זי צו פּראָקלאַמירען? איך האָב אים געענטפערט: „דו וואָלסט געוואָגט, איך — אפשר ניט". ער איז געווען אַ סך מער איינזייטיג ווי איך, אַ סך דרייסטער, ווייל ער איז געווען מער בלינד, מער אַ מענש פון מעשים, ווי איך, וואָלט־עס געקאָנט זיין.

דעריבער זאָג איך, אַז מיר האָבען דאָס אַלץ ניט פאָראויסגעזען. מיר האָבען געוואָלט האָבען אַ אידישע מדינה, וואָס זאָל זיין אידיש ניט בלויז אין דעם זין, אַז די מערהייט פון אירע בירגער זאָל זיין אַ אידישע — דאָס איז אוודאי, זעהר אַ וויכטיגער ענין — נאָר אַז די מדינה זאָל אויך פאַר־שטעלען מיט זיך די פאַרווירקליכונג פון די אידייען, וואָס אַ דאַנק זיי און מיט זיי, איז דאָס אידישע פאָלק געבליבען לעבען. פעלקער, מיינע, פריינד, האָלטען אויס און בלייבען לעבען ניט מיט׳ן כוח פון מאַכט, נאָר אַ דאַנק זייער גייסט און זייערע אידייען. מאַכט דויערט קורץ און גייט פאַרביי. די הונען האָבען אַמאָל באַהערשט די וועלט. די וואַנדאַלען האָבען אַ צייט באַ־הערשט די וועלט, די טערקען זיינען אַמאָל געווען וועלט־הערשער — אָבער זיי זיינען פאַרשוואונדען און האָבען ניט איבערגעלאָזען הינטער זיך קיין שפור. אָבער דאָס קליינע אַלטע פאָלק ישראל, די קליינע אַנטיקע גריכענלאַנד, ווירקען נאָך היינט אויף דער מענשהייט. די גרעסטע סכנה פאַר אַ סך פון אונז איז, אַז מיר זאָלען באַרוישט ווערען פון דעם געפיל פון מאַכט, צוליב די נצחונות, דאָס איז געגען דעם גייסט פון אונזער פאָלק. אידען זיינען אַ רעוואָלוציאָנער, ניט־קאָנפאָרמיסטיש פאָלק. איך האָב אָפט געזאָגט, אַז ווען הלל׳ס באַרימטער ניט־איד וואָלט מיך אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס — זיכער ווייל איך זיך ניט פאַרגלייכען מיט הלל׳ן — און וואָלט מיך געפרעגט: „זאָגט מיר על רגל אחת, וואָס איז דער תמצית פון אידענטום? וואָס איז די אַנטשיידענדיקע כאַראַקטעריסטיק פון אידישען פאָלק" — וואָלט איך אים געענטפערט: „אידען זיינען ד אָ ס נאָן־קאָנפאָרמיסטישע פאָלק פון דער געשיכטע". דאָס אידישע פאָלק איז שטענדיג געווען אין דער מינדערהייט און האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפען די מאַיאָריטעטען. אברהם אָבינו האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין — דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער אידישער געשיכטע — ניט בכדי צו קאָנען געפינען אַ בעסער לעבען, אָדער צו דעראָבערען אַ לאַנד, נאָר ווייל ער האָט אָפּגעוואָרפען די געצען־דינסט. ער איז אַוועקגעגאַנגען צוליב אַ אידייע.

דער ציוניזם איז די איינציגע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע איך קען,

וואָס האָט זיך ניט באַזירט אויף קיין רעאַליטעט. נאָרמאַלע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען — און אין אונזערע צייטען זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע באַוועגונגען — אַנטשטייען אַזוי, אַז עס לעבט אין אַ לאַנד אַ מאַיאָריטעט, וועלכע איז אונטערדריקט פון אַ קאָלאָניאַל־מאַכט און קעמפט פאַר איר באַפרייאונג. זי שלאָגט זיך דורך, געווינט דעם קאַמף און גרינדעט איר אייגענע מדינה. מיר האָבען פראָקלאַמירט דעם ציוניזם, דעם אידענשטאַאַט, ווען אין ארץ ישראל האָבען געלעבט 40,000 אידען. די הערצל׳ישע אידייע, אַז ארץ ישראל איז אַ לאַנד אָן אַ פאָלק און אַז די אידען זיינען אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, איז, אמת, געווען געניאַל, אָבער אין ליכט פון דערווירקליכקייט איז זי געווען אַבסאָלוט ניט ריכטיג.

ערשטענס, זיינען די אידען ניט געווען קיין פאָלק אָן אַ לאַנד. די אַסימילירטע אידען האָבען געהאַט זייערע לענדער, זייערע פאַטערלענדער, קאָן איך זאָגען וועגען אַ שווייצאַרישען אידען, אַז ער האָט ניט קיין לאַנד ? און צווייטענס, איז ארץ ישראל ניט געווען קיין לאַנד אָן אַ פאָלק. עס זיינען דאָרט געווען הונדערטער טויזענטער אַראַבער. צום גליק האָט הערצל פאַרזען די דאָזיגע רעאַליטעט. געניאַלע מענשען זיינען שטענדיג איינזייטיג. אַזוי איז געווען פרויד, אַזוי איז געווען מאַרקס, און אַזוי איז געווען הערצל. זיי זעען בלויז איין־איינציגע זאַך, און פאַרזעען אַלע אַנדערע זאַכען. אין דעם באַשטייט זייער געניאַליטעט. רעאַל איז עס פאַלש, אָבער מיט זייער בלינדער איינזייטיגקייט רעוואָלוציאָניזירען זיי די וועלט־געשיכטע. וואָלט הערצל ניט פאַרזען די ריכטיגע סיטואַציע, וואָלט ער ניט געוואַגט צו פראָקלאַמירען די אידייע פון אידענשטאַאַט.

דעריבער זאָג איך, אַז מיר האָבען געוואָלט האָבען אַ מדינה, וואָס זאָל רעאַליזירען די אידישע געשיכטע, פאַרוואַנדלען זי אין אַ ווירקליכקייט. ווייל די אידישע רעליגיע איז ניט קיין גלויבען בלויז אין דער צוקונפט, אין י ע נ ע ר וועלט. די אידישע אמונה באַזירט זיך אויף איר פאַרווירקליכונג דאָ, אויף ד ע ר וועלט. דאָס איז אידענטום. מיט פרעדיגען, מיט שרייבען ביכער און אַרטיקלען, פראָפּאַגירט מען טאָקע דאָס אידענטום, אָבער מען פערווירקליכט ניט, מען שאַפט ניט מיט דעם קיין נייע ווירקליכקייט. די אידישע געשיכטע האָלט־אָן טויזענטער יאָרען אַ דאַנק אירע אידייען. די מאַקאַבעיער זיינען געווען גרויסע העלדען. בר־כוכבא איז געווען אַ גרויסער העלד. אָבער זיי אַליין האָבען ניט אויפגע־

האַלטען דאָס אידישע פאָלק. אויפגעהאַלטען דאָס אידישע פאָלק האָט ר׳ יוחנן בן זכאי. וועלכער איז נאָך דעם, ווי דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, און מלכות ישראל איז צעשטערט געוואָרען, אַוועקגעגאַנגען צו די רוימער און זיי געזאָגט: „תן לי יבנה וחכמיה״. די רוימער האָבען ניט פאַרשטאַנען די וויטזיכטיגע באַדייטונג פון דער דאָזיגער באַשיידענער ביטע, ווייל זיי האָבען געזען בלויז רעאַליטעטען. ד אָ ס האָט אויפגעהאַל־טען דאָס אידישע פאָלק. געוויסע קרייזען אין ישראל וועלען אפשר ניט הערען גערן דעם דאָזיגען אמת, אָבער דאָס ענדערט ניט דעם פאַקט.

געוויס אידייען אַליין — ווי מיר האָבען זיי געהאַט אין די צוויי טויזענט יאָר — אָן מאַכט, אָן אַן אייגענער מדינה — און עס איז ניטאָ קיין מדינה אָן מאַכט — האָבען אויך ניט קיין ווערט. אָבער מען זאָל ניט איבערטרייבען און ניט זאָגען: „אָט דאָס איז עס״, ווערענדיג פאַר׳שיכור׳ט פון די זיגען און פון דער מאַכט. דער גרעסטער רעליגיעזער מנהיג פון היינטיגען אידענ־טום — איך וויל ניט אָנרופען זיין נאָמען, ווייל ער איז אַזוי באַשיידען, אַז ער וואָלט געהאַט אויף מיר פאַראיבעל — האָט מיר געזאָגט מיט אַ קורצער צייט צוריק, אַז די פאַרגעטערונג און איבערטרייבונג פון דעם ווערט פון דער מדינה דורך אַ סך אין ישראל איז דיזעלבע געצענדינסט, פאַר וועלכער אונזערע נביאים האָבען אונז געוואָרענט. די מדינה איז אַן אָפּגאָט און ניט קיין גאָט. אידייען זיינען געטליך. ווי איז צו אונז, אויב מיר גלויבען, אַז אַלץ איז שוין מקויים געוואָרען, ווייל מיר האָבען אַ מדינה, מיט אַמבאַסאַדאָרען און עקסצעלענצען, מיט דעפּיציטען און זיגען. דאָס אַלץ איז זעהר שען, און הונדערט מאָל בעסער ווי מיר וואָלטען דאָס ניט געהאַט. אָבער דאָס אַליין לייזט ניט די ניט־געלייזטע פראַגען.

די דאָזיגע פאַלשע און ניט־אידישע האַלטונג קאָן אונז אַריינפירען אין דער דעצידירענדער געפאַר, אַז עס זאָל צעשטערט ווערען די אָרדענונג פון די ווערטען, וואָס ישראל האָט געשאַפען. אַ פאָלק לעבט קודם־כל אויף דעם יסוד פון דער רייע און פון דער מאָס פון זיינע ווערטען — ווענען דעם וואָס עס איז גוט, און וואָס עס איז שלעכט. וואָס עס איז בעסער און וואָס עס איז ערגער, וועגען דעם, וואָס עס דעצידירט די היעראַרכיע פון זיינע ווערטען. איך בין געווען צום ערשטען מאָל אין ארץ ישראל ווען איך בין אַלט געווען 22 יאָר. דעמאָלט איז געווען אַ גאַנץ קלאָרע גראַדאַציע: אין שפּיץ איז געשטאַנען דער חלוץ, דער מענש, וועלכער האָט זיך מקריב

געווען, וועלכער האָט געהאַט אַ קיבוצ׳ישען אידעאַל און איז דערביי געווען גליקליך. עס איז גאָרניט געווען קיין קרבן. יענע חלוצים זיינען געווען הונדערט מאָל גליקליכער, ווי די נייע מיליאָנערן אין ישראל היינט־צו־טאָג. דאָס הויבט זיך אָן צו ענדערן. אויפ׳ן אָרט פון די קאָלעקטיווע ווערטען און אידעאַלען הויבט זיך אָן די פריקרע רוטין פון אינדיווידועלע ווערטען — קאַריערע, דערפאָלג, אַסימילירונג מיט די אַמעריקאַנער פּאַראַורטיילען, פון וועלכע אַמעריקע אַליין וועט אַ סך ליידען אויב זי וועט זיי נישט ענדערן. אָבער אַמעריקע און אַנדערע לענדער זיינען דערפון ווייניגער אין געפאַר, ווי מיר, ווייל מיר לעבען מער מיט אידייען, ווי אַנדערע פעלקער. דאָס איז אונזער אייגענאַרטיגקייט. און וועגען דער דאָזיגער סכנה דאַרף ישראל זיך אָפּגעבען אַ רעכענונג. ישראל דאַרף זיך צוריקקערען צו די קלאַסישע ווערטען פון ציוניזם. און דער 75 יעריקער יובילעי פון ציוניזם, איז אַ פּאַסענדער מאָמענט צו פּראָקלאַמירען דעם דאָזיגען ציל.

די ציוניסטישע באַוועגונג, און מדינת ישראל — וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך דער באַוועגונג — דאַרפען ווערען סיי אַמביציעזער און סיי באַשיידענדער גלייכצייטיג. אַמביציעזער דאַרף ישראל ווערען אין דער באַציאונג צו אידייען — קיינמאָל ניט זיין צופרידען מיט דעם וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרען און דערביי זיין באַשיידענדער מיט דער רעאַלי־טעט, מיט דעם וואָס מען האָט דערגרייכט. היינט־צו־טאָג, איז עס פאַרקערט. מען טרייבט איבער די רעאַלע דערפאָלגען פון אַ זיג, פון אַ נייער פאַבריק, פון אַ נייעם עקאָנאָמישען, אָדער פּאָליטישען פאָרשריט. און מען טראַכט ניט מער אַזויפיל וועגען די אידייען, וועלכע זיינען דער עיקר און דער תמצית פון דער אידישער געשיכטע און פון ציוניזם, און וועלכע זיינען אין זייער גרעסטען טייל נאָך ניט פאַרווירקליכט געוואָרען.

איך האָף, אַז מען וועט מיך ניט שלעכט פאַרשטיין, לויט מיין מיינונג איז דאָס אידישע פאָלק היינט־צו־טאָג אַ ביסל צו־זיכער אין זיך, און אין די נצחו־נות, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען. איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט מיך גוט־פאַרשטיין. דאָס אידישע פאָלק האָט היינט־צו־טאָג מיט זיינע גרויסע דערפאָלגען ניט נאָר אין ישראל, נאָר אויך אין דער עליה פון רוס־לאַנד און בנוגע זיין גוטער לאַגע אין די תפוצות — זעהר אַ סך דערגרייכט און פיל גרויסע זאַכען אויפגעטאָן. אָבער מען טאָר דאָס ניט איבערטרייבען.

איך האָב אָפּט געזאָגט: אידען זיינען אויסגעצייכענט אַלס אידען, ווען עס גייט זיי שלעכט. אָבער אידען האָבען זיך נאָך ניט אויסגעלערנט צו זיין אויסגעצייכענט, אַלס אידען, ווען עס גייט זיי גוט. און דאָס באַרימטע וואָרט פון געטע׳ן: „קיין זאַך איז נישט אַזוי שווער צו פאַרטראָגען, ווי אַ רייע פון גוטע טעג״, גילט בנוגע פעלקער נאָך אַ סך מער, ווי פאַר יחידים. די גרויסע געפאַר באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל זיך ניט צופיל איבערנעמען, און שטאָלצירען מיט דעם וואָס מען האָט דערגרייכט, און מען זאָל זיין ניט געננוג באַשיידען בנוגע דעם, וואָס מען האָט נאָך ניט דערגרייכט.

איר ווייסט, אונזערע נביאים און דער תהלים — איך באַנוץ זעהר זעלטען די רעליגיעזע שפּראַך — האָבען קיין שום זאַך ניט באַטאָנט מער און שטאַרקער, ווי דעם כסדר׳דיגען געבאָט: והצנע לכת. צי דאָס איז אין דער באַציאונג צום אויבערשטען, אָדער צו אידייען, איז אין דער פּסיכאָלאָגיע ניט קיין אונטערשייד. אין דער פּראָפּאָרץ צו דעם, וואָס מען וויל דערגרייכען, קאָן קיין מענש ניט זיין שטאָלץ, און קיין פאָלק קאָן ניט זיין געננוג באַשיידען. דערפאַר וואָלט איך געוואָלט פאַרענדיגען מיט דעם, אַז איך האָף, אַז מדינת ישראל, דאָס אידישע פאָלק, די ציוניסטישע באַוועגונג, אַלס דער אַוואַנגאַרד פון וועלט־אידענטום, וועלען ווערען באַשיידענער, צניעות׳דיגער. מיט דעם גאַנצען שטאָלץ, און מיט דער פולשטענדיג באַגרינדעטער באַפרידיגונג מיט אונזערע פיל זעהר גרויסע דערגרייכונגען — וואָס מיר האָבען דאָס רעכט צו פילען, אויך וואָס מיר האָבען אויך פּסיכאָלאָגיש שטאַרקע טעמים, באַזונדערס, נאָך דער טראַגעדיע אין דער נאַציעפּאָכע — מוזען מיר שטענדיג זיך אָפּגעבען אַ רעכענונג וועגען דעם, אַז מיר דאַרפען נאָך אַ סך אויפטאָן און דערגרייכען; אַז דער וועג, וועלכען מיר דאַרפען נאָך דורכגיין איז אַ סך גרעסער פון דעם וואָס מיר האָבען ביז איצט דורכגעמאַכט.

איינער פון די גרעסטע פריינד פון אידישען פאָלק, לעסינג, דער אויטאָר פון „נתן דער חכם״ („נאַטאַן דער ווייזע״) האָט געזאָגט: „דער וועג צום אמת איז פיל שאַפערישער ווי דער אמת אַליין״, ווייל דעם פולען אמת דערגרייכט מען קיינמאָל ניט. דאָס זעלבע איז ריכטיג בנוגע אידעאַלען. די אידעאַלען פון ציוניזם קאָנען מיר קיינמאָל ניט פאַרווירקליכען הונדערט פּראָצענט. די טיפסטע דערקלערונג פון דער אייביגקייט פון אידישען פאָלק

איז אפשר דאָס, אַז אונזער פאָלק וועט לעבען אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מיר וועלען גלויבען אין די אידעאַלען, וועלכע מיר ווילען פאַרווירקליכען — וויסענדיג, אַז מיר וועלען זיי קיינמאָל ניט קאָנען אינגאַנצען פאַרווירקליכען, אָבער ווען מיר וועלען כסדר גיין אויפ׳ן וועג צו דער פאַרווירקליכונג פון די אידעאַלען, און מיר וועלען דערפון כסדר באַנייען אונזערע שאָפערישע כוחות. קאָנען מיר האָבען די האָפענונג צו קומען וואָס אַ מאָל נאָענטער צו דער רעאַלי־זירונג פון די אידעאַלען און דערמיט פאַרזיכערן די אייביגקייט פון אונזער אידישען פאָלק.

אין אַ וועלט וואָס ענדערט זיך

רעדע אין לאָנדאָן ביי „באָארד אָוו דעפּיוטיס״, דעצעמבער 1971

פאַראַן צוויי דרינגענדע פּראָבלעמען, מיט וועלכע איר דאַרפט זיך באַשעפטיקן יעדן טאָג. איינע איז וועגן ישראל וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדליך די פראַגע נומער 1 אין אידישען לעבען. דאָס צווייטע פּראָבלעם איז וועגן סאָוועטישען אידענטום. איך וויל נישט באַהאַנדלען היינט דאָס ישראל־פּראָבלעם. איך בין זיכער, אַז איר וועט האָבען די געלעגענהייט אין אייער ישראל־קאָמיטעט, אָדער אויף אייער פּלענאַרער זיצונג צו הערען דערקלערונגען פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר. מיין פריינד. דר. ש. לעווענבערג, פאָרזיצער פון אייער ישראל־קאָמיטעט, וועל־כער איז פולשטענדיג באַקאַנט מיט פּרטים פון דער לאַגע אין ישראל, האַלט אייך זיכער אינפאָרמירט וועגען דעם אויספירליך. אַ חוץ דעם האָב איך באַשלאָסען נישט צו רעדען עפענטליך אַ געוויסע צייט וועגען דעם, וואָס איך טראַכט וועגען ישראל׳ס פּאָליטישער ליניע. עס איז זעהר אַ קאָמפּליצירטע, שווערע און באַאומרוהיגענדיגע לאַגע, און איך מיין, אַז אין די איצטיגע טעג דאַרף די אחריות נישט בלויז פאַר די מעשים, נאָר אויך פאַר די ווערטער איבערגעלאָזען ווערען פאַר די וועלכע זיינען פאָרמעל פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר ישראל׳ס פּאָליטיק. צום גליק געהער איך נישט צו די, וועלכע זיינען פאָרמעל דערפאַר פאַראַנטוואָרטליך.

איך וועל נישט באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם וועגען סאָוועטישען אידענ־טום, ווייל אַלע אידישע גרופּעס האָבען מער אָדער ווייניגער איינגעשטימט, אַז מען דאַרף די דאָזיגע פראַגע אַוועקשטעלען פאַר דער עפענטליכקייט. עס זענען פאַראַן חלוקי דעות וועגען דעם, ווי אַזוי מען זאָל באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם אין דער עפענטליכקייט. אָבער ווי איך האָב שוין אַמאָל

גערזאָגט, די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס ווערט געפירט דורך אַ פאָלק, איז ווי אַן אָרקעסטער, צו וועלכען עס געהערען אַלע מינים מוזיקער, פאַראַן אַזעלכע וועלכע האָבען ליב צו בלאָזען אין אַ טרומייטער. איך געהער צו די וועלכע ווילען בעסער שפּילען אויף אַ פליים. ס׳איז אַ פראַגע פון פּאָליטישען און מוזיקאַלישען געשמאַק. אַ גוטער אָרקעסטער האָט סיי פליים־שפּילער און סיי אַנדערע מוזיקער. און איך מיין נישט, אַז מיר דאַרפען איבערטרייבען די מיינונגס־פאַרשיידענהייטען. איך האַלט, אַז געוויסע מעטאָדען פון האַנדלען אין דער פראַגע זיינען זעהר שעדליך און געפערליך. איך פערזענליך גלויב נישט, אַז די דאָזיגע מעטאָדען וועלען לאַנג אָנהאַלטען. דאָס איז אַ פאַרבייגייענדיגע פּראַקטיק, וועלכע איז פאַרשטענדליך, ווען אפילו מען איז נישט מסכים מיט איר. איך מיין, אַז די גרויסע מערהייט פון די פאַראַנטוואָרטליכע אידישע אָרגאַניזאַציעס — און צווישען זיי די פּראָמי־נענטסטע, אייער אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס רעפּרעזענטירט דאָס בריטישע אידענטום — האַנדעלט וועגען דער פראַגע מיט גרויס פאַראַנטוואָרט־ליכקייט, ווירדע און אין דערזעלבער צייט מיט פעסטקייט און אַנטשלאָ־סענקייט. איצט האָט די לאַגע זיך פאַרבעסערט. איך בין אָפּטימיסטיש סיי וועגען דער עליה און סיי וועגען דעם, אַז ווען עס וועט דערגרייכט ווערען אַ שליכטונג פון דעם קאָנפליקט איז מיטעלען מזרח, וועט אפילו קומען אַ פאַרבעסערונג אין דער פּאָזיציע פון סאָוועטישען אידענטום, אַלס אַ אידי־שער קיבוץ.

וואָס איך האָב בדעה צו טאָן ביי דער דאָזיגער זעלטענער געלעגענהייט, איז צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף פּראָבלעמען, וועלכע — ווי איך בין זיכער די מערסטע פון אייך, אויב נישט אַלע — און דאָס באַציט זיך אויך צו אַנדערע פירענדע אידישע אָרגאַניזאַציעס — באַהאַנדלען קוים און טראַכטען אפשר גאָרנישט וועגען זיי.

אויב עס איז פאַראַן איין גרויסע שוואַכקייט ביים אידישען פאָלק אין דער אָנפירונג פון זיינע ענינים, איז עס דער פאַקט, אַז מיר אַלע לעבען „פון האַנט צו מויל״. מיר רעאַגירען אויף דרינגענדע פּראָבלעמען. זיינען דאָ צרות ביי אידען אין סאָוועט־רוסלאַנד. פּראָטעסטירען מיר, שרייען, אינטערווענירען, טוען וואָס מיר קאָנען. פאַראַן דאָס פּערמאַנענטע פּראָבלעם וועגען ישראל׳ס זיכערקייט און קיום, טוען מיר דאָס מערסטע, וואָס די ישראל־רעגירונג פילט, אַז דאָס וועלט־אידענטום דאַרף טאָן, בכדי צו העל־

פען. און ס׳איז ריכטיג אַזוי צו טאָן. איך מיין פונדעסטוועגען, אַז מיר געפינען נישט גענוג צייט און אינטעלעקטועלע מנוחה צו דיסקוטירען אָדער אפילו בלויז צו טראַכטען וועגען די לאַנג־טערמיניקע פּראָבלעמען פון דער אידי־שער עקזיסטענץ.

מער ווי איין מאָל האָב איך אויסגעדריקט מיין געפיל, אַז אונזער דור פון אידישען פאָלק לעבט אין אַ צייט, וואָס איז אפשר די קאָמפּליצירטסטע און רעוואָלוציאָנערסטע תקופה אין דער אידישער געשיכטע. קודם־כל זיינען מיר געווען עדות פון צוויי אומגעהויערע טראַומאַטישע דערפאַרונגען — איינע אַ פּאָזיטיווע און די אַנדערע אַ נעגאַטיווע. דער חורבן, ווען מיר האָבען געזען, ווי אַ דריטעל פון אונזער פאָלק איז אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען, און מיר האָבען נישט געקאָנט, און אפשר זיינען מיר נישט געווען אַנט־שלאָסען, צו טאָן עפּעס געגען דעם. און די צווייטע, פון דער אַנדערער זייט, די גרויסע דערפאַרונג, אַ דאַנק גאָט, פון דער פאַרווירקליכונג פון אונזער יאָרהונדערטער־אַלטען חלום וועגען דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה. אָבער דאָס זיינען נישט די איינציגע כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס באַרעכטיגען צו באַצייכענען אונזער דור, ווי איינעם פון די רעוואָלוציאָנער־סטע אין דער אידישער געשיכטע, ניט אין אונזערע האַנדלונגען, נאָר אין דער אָביעקטיווער לאַגע.

מיר לעבען אין דער רעוואָלוציאָנערסטער עפּאָכע פון דער וועלט־געשיכטע. נאָך קיינמאָל פריער, איז נישט געווען אַזאַ צייט איבער דעם פשוט׳ן טעם, וואָס עס איז קיינמאָל נישט געווען קיין וועלט־געשיכטע. ווען די באַזונדערע שטעט־מדינות אין גריכענלאַנד האָבען געפירט מלחמות איינע געגען דער אַנדערער מער ווי מיט צוויי טויזענט יאָר צוריק, האָבען די שכנות׳דיגע לענדער פון אַזיע און אייראָפּע, אפילו נישט געוואוסט וועגען דער עקזיסטענץ פון גריכענלאַנד. און אויך ווען מיר גייען נישט צוריק אַזוי ווייט — עס איז געקומען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, און עס זיינען געווען די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. וואָס האָט אַזיע געוואוסט וועגען זיי? מיט וואָס האָט דאָס אָנגערירט אַזיע? האָט אַזיע בכלל זיך אינטערע־סירט מיט דעם?

צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע, אין משך פון די פאַרגאַנגענע צען־צוואַנציג יאָר, איבער די מאָדערנע קאָמוניקאַציעס און טעכנישען פּראָגרעס, לעבען מיר אין אַ צייט, ווען דאָס, וואָס עס געשעט אין פאָרמאָזע,

רירט־אַן אַמעריקע. וואָס עס פּאַסירט אין כינע, גייט־אָן דעם איבעריקען טייל פון דער וועלט. וואָס עס קומט־פאָן אין פּערו, האָט אַן איינפלוס אויף אַלע טיילען פון דער וועלט. ס׳איז איין וועלט. דער אייזערנער פאַרהאַנג עקזיסטירט נישט מער, און ווען ער האָט עקזיסטירט, האָט ער נישט געקאָנט סעפּאַרירען די וועלט אין־צווייען, ווייל ס׳איז אַלץ פאַרבליבען איין וועלט. ווען אַ נייע מעלאָדיע איז געשאַפען געוואָרען אין ניו יאָרק, האָבען מענשען אפילו אין מאָסקווע — נישט געקוקט אויף דעם אייזערנעם פאַר־האַנג — זי אונטערגעכאַפּט און געזונגען. ס׳איז איין וועלט. און ס׳איז אַ וועלט, וואו הונדערטער מיליאָנען, אָדער ביליאָנען מענשען האָבען אַ דעה און פאָדערן זייער טייל פון דער עשירות פון דער וועלט. און זיי זיינען מער נישט גרייט צו טאָלערירען אונטערדריקונגען, אָדער דאָמינירונג. עס איז דער סוף פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע.

מיר לעבען אין אַ צייט פון אומגעהויערע רעוואָלוציאָנערע ענדע־רונגען, וואָס איז שייך לענדער און פעלקער. יעדע צווייטע וואָך שטייט־אויף אַ נייע מדינה, גלייכצייטיג געפינען מיר זיך אינמיטען פון אַ גרויסער קלאַסען־רעוואָלוציע. די דאָזיגע קאָמבינאַציע מאַכט די לאַגע נאָך מער געפערליך, מער עקספּלאָזיוו און שווערער. מיר, אידען, לעבען אין דער דאָזיגער לאַגע, אַזוי לאַנג ווי די מערהייט פון אידישען פאָלק בלייבט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. און איך וועל נישט אַריינגיין דאָ אין דער דיסקוסיע וועגען דעם, צי עס וועט קומען אַ צייט ,ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט זיין אין מדינת ישראל. איך צווייפעל אין דעם. איך וויל אויך נישט דיסקוטירען די פראַגע צי עס איז געוואונשען, אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק זאָל לעבען אין ישראל. אויך וועגען דעם צווייפעל איך. פונדעסטוועגען האָף איך, אַז איך בלייב נאָך אַלץ אַ גוטער ציוניסט. איך האָב קיינמאָל נישט אָנגענומען די קאָנצעפּציע פון הונדערט־פּראָצענטי־גען קיבוץ גלויות. נאַטירליך איז די איצטיגע לאַגע אינגאַנצען אַן אומ־נאָרמאַלע. אַ סך מער אידען, אַ פיל גרעסערע פּראָפּאָרץ פון אידישען פאָלק דאַרף לעבען אין ישראל, בכדי צו פאַרזיכערען דעם קיום און די צוקונפט פון דער אידישער מדינה. אָבער איך זאָג, אַז אונזער דור וועט וואַרשיינליך נישט זען אַזאַ לאַגע, אין וועלכער עס זאָל זיך ענדיגען דער גלות.

דער אידישער וועלט־קאָנגרעס וועלכען איך האָב דעם כבוד צו פּרע־זידירען, האָט אָנגעשלאָסענע ישובים אין מער פון זעכציג לענדער. און

עס זיינען פאַראַן אידישע קיבוצים, וועלכע זיינען נאָך נישט אָנגעשלאָסען אן אידישען וועלט־קאָנגרעס. אַזוי לאַנג ווי מיר לעבען אין אַזאַ צעשפּרייט־קייט איז קלאָר, אַז דאָס וואָס געשעט אין דער וועלט, רירט אונז אָן זעהר שטאַרק. מיר זיינען בירגער, און מיר ווילען זיין ווירקליכע בירגער פון אונזערע לענדער, אינטעגרירטע זינט דעם 19טען יאָרהונדערט אין דעם לעבען פון אַ סך לענדער. מיר זיינען עמאַנציפּירט, און אַלץ וואָס געשעט אין דער וועלט, רירט אונז דעריבער אָן אין די תפוצות געוויס, אָבער אויך אין ישראל. די אידישע מדינה געפינט זיך נישט אויף דער לבנה. צייטענווייז וואָלטען די ישראלים זיך געוואונשען, אַז זיי זאָלען לעבען אויף דער לבנה און נישט ווערען געמאַטערט דורך זייערע שכנים און דורך די גרויסמאַכטען און גאָט ווייס פון וואָס פאַר אַ אינטערווענצען. אָבער מיר לעבען אויף דער ערד. און דער אידישער מדינה איז באַשערט צו לעבען צווישען די דאָזיגע אַראַבישע שכנים. אויב מיר וואָלטען געגאַנגען קיין אוגאַנדע, וואָלטען מיר אַלץ געהאַט שכנים.

אַלץ, וואָס געשעט אין דער וועלט איז דעריבער פון אַ לאַנג־טערמי־ניגען שטאַנדפּונקט זעהר וויכטיג פאַר דער צוקונפט און פאַר דעם המשך פון אונזער פאָלק. דערפאַר טאַקע איז מיין קריטיק געווענדעט אויפ׳ן אַדרעס פון דער אידישער פירערשאַפט, פאַרוואָס זייענדיג פאַרנומען מיט די טאָג־טעגליכע פראַגען, און מאַטערענדיג זיך מיט זיי, געפינט זי נישט קיין צייט צו טראַכטען וועגען די לאַנג־טערמיניקע פּראָבלעמען, וואָס וועלען סוף־כל־סוף ענטשיידען וועגען אונזער צוקונפט.

דאָס אידישע פאָלק האָט אין 19־טען און אין 20טען יאָרהונדערט, אין די צוויי גרויסע יאָרהונדערטער, געוואונען דעם קאַמף פאַר עמאַנסיפּאַ־ציע. אידען זיינען גלייכבאַרעכטיגט אומעטום. מעגליך, אַז עס איז דאָ אַנטי־סעמיטיזם אין פיל טיילען פון דער וועלט, און אפשר זיינען דאָ לענדער, וואו אונזער גלייכבאַרעכטיגונג ווערט נאָך נישט אינגאַנצען דורכגעפירט. אין אַמעריקע זיינען די נעגערס נאָך נישט אינגאַנצען גלייכבאַרעכטיגט, און אַ סך מינדערהייטען אין דער וועלט האָבען נאָך נישט קיין פולע רעכט. אָבער אין דעם גרעסטען טייל פון דער וועלט שפּילען אידען אַ זעהר פּראָמינענטע ראָלע און זיינען דערפאָלגרייך עקאָנאָמיש, קולטורעל, גייסטיג און פּאָלי־טיש, אין זייער אינטעגראַציע אין דעם לעבען פון זייערע לענדער, נאָך דער עמאנסיפּאַציע. די עמאנסיפּאַציע, איז געווען די יסודות׳דיגע דער־

גרייכונג פון אידישען פאָלק אין 19־טען יאָרהונדערט, און דער דערפאָלג איז דערגאַנצט געוואָרען אין 20־טען יאָרהונדערט.

איך רעד איצט נישט וועגען מדינת ישראל, וואָס איז געווען נאָך אַ פיל גרעסערער דערפאָלג. אָבער אָן דער עמאנסיפּאַציע פון אידען, וואָלט נישט געווען קיין אידישע מדינה. די עמאַנסיפּאַציע איז געווען דער אויפטו פון די אַזוי־גערופענע מערב־דעמאָקראַטיעס. דאָס אידישע פאָלק לעבט אונטער דער מאָראַלישער און פּאָליטישער שוץ — און איך מיין נישט דאָס אין לעגאַלען זין — פון די מערב־דעמאָקראַטיעס. זיי האָבען דערפירט צו אונזער עמאַנסיפּאַציע. די אַנדערע לענדער האָבען נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל. און אונזער פּאָזיציע אין דער וועלט איז פאַרבונדען מער אָדער ווייניגער — איך וואָלט נישט געזאָגט אָפּהענגיג — מיט דער פּאָזיציע פון די מאָדערנע דעמאָקראַטיעס פון 19־טען און 20־טען יאָרהונדערט.

איצט לעבען מיר אין אַ גאַנץ אַנדערער עפּאָכע. עס קאָן זיין נישט אָנגענעם פאַר אַ טייל פון אייך צו הערען — איך קאָן אייך נישט זאָגען, אַז איך אַליין בין שטאַרק צופרידען דערפון — אָבער איינע פון די גרעסטע שוואַכקייטען פון אידישען פאָלק איז צו אַנטלויפען זעהר אָפט פון די פאַקטען. אויב מיר וואָלטען גענומען אין באַטראַכט די רעאַליטעטען פון דער היטלער־געפאַר, וואָלטען לויט מיין מיינונג, געראַטעוועט געוואָרען הונדערטער טויזענטער, אויב נישט מיליאָנען אידען. אָבער אידען האָבען אַ גרויסע נייגונג צו גוזמא׳דיגען אָפּטימיזם, וואָס איז איינע פון די מעלות אַ דאַנק וועלכע מיר זיינען געבליבען לעבען אַלס פאָלק. אָבער פאַר מעלות באַצאָלט מען נישט ווייניגער, ווי פאַר חסרונות. צייטענווייז באַצאָלט מען פאַר מעלות מער, ווי פאַר חסרונות, ווי עס איז מיין דערפאַרונג. אַזוי זיינען מיר גענויגט צו זיין איבער־אָפּטימיסטיש און לעבען מיט אילוזיעס.

מיר נעמען נישט אין באַטראַכט דעם פאַקט, אַז מיר לעבען אין אַ תקופה — וועלכע וועט לויט מיין אָפּשאַצונג אָנהאַלטען אַ לאַנגע צייט — ווען די פּאָזיציע און די מאַכט פון די מערב־דעמאָקראַטיעס, צווישען וועלכע איך רעכען אַריין נאַטירליך צפון־אַמעריקע, וועט ווערען בהדרגה אָפּגע־שוואַכט. רוסלאַנד איז אין די פאַרגאַנגענע פינף יאָר געוואָרען אַ סך שטאַר־קער, ווי זי איז געווען מיט פינף יאָר צוריק. אַזאַ מאַן, ווי מר. מעלווין לעירד, פאַרטיידיגונגס־מיניסטער פון די פאַראייניגטע שטאַטען, אַ זעהר רעאַליסטישער און פעהיגער פּאָליטיקער, האָט געזאָגט עפענטליך מיט

זעקס חדשים צוריק, אַז אין צוויי אָדער אין דריי יאָר אַרום וועט רוסלאַנד זיין אַזוי שטאַרק אויף די אָקעאַנען פון דער וועלט, ווי עס איז אַמעריקע. מיט פינף יאָר צוריק, ווען עמיצער וואָלט געחלומ׳ט וועגען דעם וואָלט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ דאָן קישאָט, אָדער אַ טרוימער. די מאַכט פון די סאָוועטען איז גיך געוואַקסען. זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין מיטעלען מזרח איבער דעם ישראל־אַראַבישען קאָנפליקט, און זיי געפינען זיך שוין אין מיטעללענדישען ים.

איך קום נאָר־וואָס צוריק פון די פאַראייניגטער שטאַטען וואו איך האָב גערעדט מיט וויכטיגע פערזענליכקייטען אין ווייסען הויז און אין סטייט דעפּאַרטמענט, וועלכע גלויבען, אַז סאָוועט־רוסלאַנד איז אַזוי שטאַרק ווי אַמעריקע אין מיטעללענדישען ים, אויב נישט שטאַרקער. די אַמעריקאַנער האָבען שיפען, וואָס פירען עראָפּלאַנען, אָבער די רוסען האָבען אַטאָמישע מיסילס וואָס ווערען געפירט דורך אונטערוואַסער־שיפען, וועלכע קאָנען צעשטערען די עראָפּלאַנען־שיפען אין אַ שעה אָדער צוויי. דאָס איז אַ טעאָרעטישע מעגליכקייט. די סאָוועטען האָבען געהאַט אַ ריזיגען נצחון אין אינדאָ־פּאַקיסטאַן קאָנפליקט, אין וועלכען אַמעריקע איז נישט געווען אויף דעם ריכטיגען צד. עס איז געווען מאָראַליש נישט ריכטיג, און עס איז געווען רעאַליסטיש אַ טעות. די קאָמבינאַציע פון די ביידע איז דאָס ערגסטע, וואָס קאָן פּאַסירען פאַר אַ מאָדערנער מאַכט. דער קאָמוניסטישער בלאָק געווינט אין דער באַדייטונג איבער דער גאַנצער וועלט.

אָבער ס׳איז דאָ נאָך אַ נייע מאַכט אין דער וועלט. איך רעד נישט איצט וועגען כינע, וואָס האָט אַ קאָנפליקט מיט רוסלאַנד. איך בין נישט זיכער אויף ווי לאַנג. כינע איז אַ סך מער רעוואָלוציאָנער פון רוסלאַנד. אין די אויגען פון כינע איז רוסלאַנד אַ קליין־בירגערליך צופרידען לאַנד, און פון איר שטאַנדפונקט איז כינע גערעכט. די פאָן פון רעוואָלוציע איז היינט־צו־טאָג איבערגענומען געוואָרען דורך כינע. רוסלאַנד איז אַ צו־פרידען לאַנד, וואָס וויל אָנהאַלטען דעם סטאַטוס קוואָ. מיר זעען דאָס אויך אין אירע באַציאונגען מיט ישראל. רוסלאַנד, ווי כינע, איז נישט דער גרעס־טער פריינד פון ישראל, אָבער די סאָוועטען נעמען־אָן לכל הפחות דעם פאַקט און דאָס רעכט פון ישראל׳ס עקזיסטענץ, און זיי ווילען אַ שליכטונג פון ישראל־אַראַבישען קאָנפליקט, בעת כינע לייקענט ישראל׳ס רעכט צו עקזיסטירען.

דאָס איז איין טייל פון וועלט־בילד. ס׳איז פאַראַן אַ צווייטער טייל, אין וועלכען עס שטייט־אויף אין דער וועלט אַ דריטע מאַכט. זי איז נאָך נישט זעהר קרעפטיג, זיכער נישט מיליטעריש. אָבער זי איז שוין היפש שטאַרק אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער. איך וואָרען אייך נישט צו קוקען אויף די „יונייטעד ניישאַנס״, ווי אויף אַ וויץ. ס׳איז קלאָר, אַז די יו־ען האָט אַזויפיל מאַכט, וויפיל די גרויסע מלוכות ווילען איר געבען. און עס וועט דויערען לכל הפחות אַ דור, ביז די יו־ען וועט זיין אין אַ לאַגע צו קאָנען אָפּשאַפען דעם וועטאָ, וואָס איז דער סימבאָל פון דער אויבערמאַכט פון די גרויסע מלוכות, און וועט ווירקליך ווערען אַן אָביעקטיווער אינסטרומענט פאַר שלום.

איר וועט זיך דערמאָנען, אַז אין מיטעלאַלטער — נוצענדיג אַ פאַר־גלייך — האָבען די מלוכות אָנגעהויבען אַריינמישען זיך אין די רעכט פון יעדען הערצאָג און פירשט צו האַנדלען אין זייערע אייגענע ענינים, און צו אַטאַקירען לענדער און שטעט. עס האָט געדויערט אַ צאָל דורות, ביז די מלוכה איז געוואָרען אַ גרעסערע מאַכט, ביז רישעליע האָט אָפּגעשאַפען די הערשאַפט פון דער אַריסטאָקראַטיע אין פראַנקרייך. און אין ענגלאַנד איז די אַריסטאָקראַטיע אונטערדריקט געוואָרען דורך דער פאַראייניגענדי־גער מאַכט פון דער מאָנאַרכיע. די דאָזיגע פּראָצעסען דויערען אַ לאַנגע צייט, באַזונדערס, ווען דאָס איז נוגע אַ הונדערט לענדער. אַזוי לאַנג, ווי עס האַלט נאָך אָן דער משוגע׳נער פּרינציפּ פון דער אַזוי־גערופענער סאוועד־רעניטעט, ווען יעדעס לאַנד קאָן זיך דערלויבען צו טאָן, וואָס עס וויל, איז נישטאָ קיין האָפענונג פאַר אַן אמת־שטאַרקער אָרגאַניזאַציע פון די פאַר־אייניגטע פעלקער. אָבער אַרויסצוואַרפען דאָס קינד צוזאַמען מיט דעם באָד־וואַסער, איז אַ זעהר קורצזיכטיגע פּאָליטיק. באַזונדערס פאַר אַזאַ פאָלק, ווי אידען, וואָס זיינען אַ מינדערהייט אומעטום אין דער וועלט. אפילו די אידישע מדינה איז אַ מינדערהייט אין דעם טייל פון דער וועלט, וואו זי לעבט.

אונזער איינציגע האָפענונג איז, אַז איין טאָג וועט הערשען אין דער וועלט אַ סיסטעם פון גערעכטיגקייט, וואָס וועט פאַרזיכערען דעם קיום פון די מינדערהייטען און פון די קליינע מדינות. אַנדערש וועלען מיר אַריינגיין אין אַ תקופה ווען דריי גרויסמאַכטען וועלען דאָמינירען די וועלט. ס׳איז נישט אוממעגליך, אַז מיר זאָלען אַריינגיין אין אַזאַ תקופה, אויב די

יו־ען וועט דורכפאַלען. עס וואָלט געווען טראַגיש פאַר ישראל און פאַר'ן אידישען פאָלק, אויב אַזאַ סיטואַציע זאָל זיך אַנטוויקלען אין דער וועלט. באַזונדערס דערפאַר, ווייל צוויי פון די גרויסמאַכטען באַציען זיך זיכער נישט זעהר פריינדליך צו ישראל, אָדער צו די אידישע אַספּיראַציעס.

די דריטע וועלט, וועלכע הויבט־אָן אויפצושטייו, איז שוין היינט־צו־טאָג דעצידירענדיג אין די „יונייטעד ניישאַנס". הגם די אָפּשטימונגען אין דער יו־ען באַדייטען נישט קיין סך אין דער פּראַקטישער פּאָליטיק, מיינען זיי אָבער פאָרט עפּעס. זיי זענען אַן אָנדייטונג אויף דער צעטיילונג פון מאַכט אין דער וועלט. דאָס איז נאָך אַ נייער פאַקטאָר, וואָס האָט אינ־גאַנצען נישט עקזיסטירט מיט צוואַנציג יאָר צוריק, און וועלכער מוז וואַקסען אין זיין באַדייטונג, באַזונדערס דערפאַר, ווייל כינע שטייט מיט איין פוס אין דעם רעוואָלוציאָנערען לאַגער, און מיט'ן אַנדערען פוס אין לאַגער פון דער דריטער וועלט.

די דאָזיגע אַנטוויקלונג ברענגט מיט זיך זעהר גרויסע פּראָבלעמען פאַר אונז. איך קאָן דאָ אָנרירען די דאָזיגע פראַגען בלויז זעהר בקיצור, אָבער איך טו דאָס, בכדי אייך אָנצורעגען און דערמוטיגען, אַז איר זאָלט טראַכטען וועגען זיי. די קאָנסעקווענצען פון דער נייער סיטואַציע וועלען זיך סוף־כל־סוף אָפּרופען אויך אויף אונזער לאַגע — אפשר נישט אין 1972 אָדער 1973 — און קאָן זיין, אַז אפילו אין 1972 און אין 1973 — אָבער זיכער אין די זיבעציגער און אַכציגער יאָרען און שפּעטער. קודם־כל איז פאַראַן דער פאַקט, אַז אַ גרויסער טייל פון אידישען פאָלק לעבט אין דעם דאָזיגען טייל פון דער וועלט. אין קאָמוניסטישען בלאָק לעבען לכל הפחות דריי מיליאָן אידען. איך גלויב, אַז די אָפיציעלע ציפערן פון דער צאָל אידען אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען ניט גענוג גרויס. וויכטיגע סאָוועטישע דיפּלאָ־מאַטען זאָגען מיר, אַז אין ראַטען־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן לכל הפחות איבער דריי מיליאָן אידען. אָבער אַ סך פון זיי וואַקלען זיך, צי זיי זאָלען זיך דערקלערען אַלס אידען. עס איז נישט די גרעסטע פּריווילעגיע צו זיין אַ איד אין סאָוועטען־פאַרבאַנד; און נישט אַלע זיינען אַזעלכע מוטיגע מענשען און העלדען, ווי די יונגעלייט, וועלכע האָבען אָנגעהויבען די איצטיגע רעוואָלוציע. אַ סך פילען זיך בעסער, ווען זיי האָבען דאָס רעכט צו רעגיסט־רירען זיך אַלס נישט־אידען, צו שווייגען און אויסבאַהאַלטען זיך. צוזאַמען מיט די אידען אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, זענען פאַראַן אין דעם

קאָמוניסטישען בלאָק אַרום דריי — דריי און אַ האַלבער מיליאָן אידען. דאָס איז זעהר אַ גרויסער נומערישער טייל פון אידישען פאָלק. שוין נישט רעדענדיק וועגען זייערע קוואַליטעטען.

אין די פריערדיגע צייטען, ביז׳ן סאָוועטישען רעזשים, זיינען די רוסישע אידען געווען אפשר דער שאַפעריסטישער אידישער קיבוץ אין 19־טען יאָרהונדערט. איך צווייפעל נישט אין דעם, אַז זיי קאָנען ווידער ווערען אַזוי שאַפעריש. רוסישע אידען זענען נישט געוואָרען ווייניגער באַגאַבט און זיי וואָלטען דאָס באַוויזען, ווען זיי וואָלטען געהאַט די מעג־ליכקייט צו לעבען אַ אידיש לעבען און אויסצודריקען זייערע פעהיגקייטען אַלס אַ שעפערישער אידישער ישוב. דאָס סאָוועטישע אידענטום שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסען טייל פון אידישען פאָלק און איך שטרייך דאָס אונטער, בכדי אייך צו וואָרענען, אַז איר זאָלט זיך נישט קאָנצענטרירן אויסשליסליך אויף עליה. איך דאַרף אייך ניט זאָגען, אַז איך בין זעהר צופרידן מיט יעדען סאָוועטישען איד, וועלכער קומט קיין ישראל. איך האַלט, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועלען קומען מער סאָוועטישע אידען ווי איצט. די טענדענץ פון סאָוועטען־פאַרבאַנד איז פטור צו ווערען פון די אידען, וועלכע ווילען נישט לעבען אין רוסלאַנד. זיי שאַצען־אָפּ די צאָל אַזעלכע אידען פאַר פיל קלענער, ווי מיר מיינען. די דערפאַרונג וועט באַוויזען, ווער עס איז גערעכט. קיינער האָט נאָך נישט דורכגעפירט קיין ציילונג פון אַזעלכע אידען אין סאָוועט־רוסלאַנד און האָט אויך נישט געמאַכט קיין אַנקעטע וועגען זיי. אין איצטיגען מאָמענט האַלטען די סאָוועטען, אַז די צאָל פון אַזעלכע אידען איז נישט צו־גרויס. אין די צענדליגער טויזענטער, אָבער זיכער נישט אין די הונדערטער טויזענטער. און די סאָוועטען מיינען, אַז זיי קאָנען פטור ווערען פון די דאָזיגע אידען, וועלכע קאָנען שאַפען צרות און מאַכען דע־מאָנסטראַציעס. ווער דאַרף זיי האָבען? זאָלען זיי פאָרען קיין ישראל.

מיר וועלען נישט דאַרפען ווערען איבערראַשט, אויב עס וועלען קומען קיין ישראל אַ סך מער סאָוועטישע אידען, ווי אין די לעצטע עטליכע חדשים, ווען די צאָל עולים פון רוסלאַנד האָט צום גליק זיך פאַרגרעסערט. אָבער ווי גרויס די צאָל זאָל נישט זיין, וועלען מיליאָנען אידען בלייבען אין סאָוועט־רוסלאַנד. און איך מיין, אַז עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכען און אַ פאַרראַט געגען דעם אידישען פאָלק איצט און אין דער צוקונפט, ווען איר זאָלט אָננעמען די שטעלונג, וועלכע עטליכע עקסטרעמיסטישע אידישע

גרופעס האָבען אָנגענומען, אַז אַלץ, וואָס מיר ווילען איז, אַז מען זאָל לאָזען די רוסישע אידען אַרויספאָרען און אַז וואָס איז שייך די אַנדערע, וועלכע ווילען נישט אַרויספאָרען, גייען זיי אונז נישט אָן. ערשטענס, וואָלט דאָס געמיינט אויפצוגעבען דאָס רעכט פון הונדערטער טויזענטער און מיליאָנען אידען צו לעבען אַלס אידען. מיר זיינען נישט אויטאָריזירט דאָס צו טאָן, און ווען אפילו מיר וואָלטען געווען אויטאָריזירט, וואָלט דאָס געווען אַן אַבסאָלוט פאַרברעכען. צווייטענס, וואָלט דאָס געווען אַ שוידערליכער פּרע־צעדענט. יעדעס לאַנד וואָלט אין דער צוקונפט געקאָנט אַנהויבען רודפ'ן אידען און זאָגען „אויב עס געפעלט אייך נישט, פאָרט קיין ישראל. איר האָט איינגעשטימט אין רוסלאַנד־אויף אַזאַ פּאָליטיק. וואָס איז גוט פאַר רוסלאַנד, איז אויך גוט פאַר אונז". איך מיין, אַז־דאָס איז אַ זעהר קורצזיכטיגע, נאַרישע און עקסטרעמע פּאָזיציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין דעם אויפבליץ פון דער באַגייטערונג פאַר עליה. איך פאַרשטיי פולשטענדיג די דאָזיגע באַגייסטערונג און זי נעמט אויך מיך דורך אינגאַנצען, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע ביי אונז. אָבער מיר דאַרפען אויך האָבען אין זין דאָס רעכט פון דעם סאָוועטיש־אידישען ישוב צו לעבען אַלס אַ אידישער קיבוץ, פּונקט אַזוי ווי מיר פאָדערען דאָסזעלבע רעכט פאַר יעדען אַנדערע אידישען ישוב, וועלכער לעבט אונטער אַ פאַשיסטישען, דיקטאַטאָרישען, דעמאָקראַ־טישען אָדער קאָמוניסטישען רעזשים.

נאָכדעם, ווען איך האָב שוין דאָס אַלץ געזאָגט, דאַרפען מיר אויפנעמען די פראַגע ווי אַזוי קאָן אָנהאַלטען און בלייבען עקזיסטירען אַ אידיש לעבען אין קאָמוניסטישע לענדער? ס'איז נישט אַזוי פּשוט. איך פּערזענליך גלויב נישט, אַז עס זאָל זיין אַן אַנטאַגאָניזם אין פּרינציפּ צווישען קאָמוניסטישע אָדער טאָטאַליטאַרע לענדער, און דעם, אַז אידען זאָלען דאָרט לעבען אַלס אידען. עס דאַרף ווערען אַראַנזשירט אַנדערש, ווי אין פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיעס. איך מיין, אַז דאָס קאָן געטאָן ווערען. מיט עטליכע יאָר צוריק בין איך געווען אין רומעניע, וואו איך בין אַרויסגעטראָטען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אָנגעזעענע אידען און נישט־אידען און האָב גערעדט צו זיי איבער אַ שעה צייט וועגען דער מעגליכקייט פון אידישען המשך אין קאָמוניסטישע לענדער. איך מיין, אַז דאָס איז מעגליך, אָבער מיר דאַרפען טראַכטען, ווי אַזוי זיך צוצופּאַסען צו דעם. דאָס קאָן נישט געטאָן ווערען דורך טראַנספּערירען די מעטאָדען פון אידישען המשך אין ענגלאַנד,

קאַנאַדע, אורוגוואַי, אָדער אין די פאַראייניגטע שטאַטען. מיר דאַרפען אַ סך טראַכטען וועגען דעם און ווען מיר וועלען האָבען געפונען דעם וועג — אָדער מיר וועלען גלויבען, אַז מיר האָבען אים געפונען — וועלען מיר דאַרפען דיסקוטירען וועגען אים מיט די פירער פון די קאָמוניסטישע לענדער. בלויז מיט פּראָטעסטען און מיט דורכפירען דעמאָנסטראַציעס, און מיט אַלע אַנדערע אַזעלכע זאַכען, וועלכע זיינען פון צייט צו צייט נוצליך, וועט איר בשום אופן נישט לייזען דאָס דאָזיגע גרויסע און זעהר קאָמפּליצירטע פּראָבלעם.

איך וויל זאָגען אַ וואָרט וועגען דעם איינפלוס און ווירקונג פון דער דריטער וועלט אויף אונזער לאַגע. דאָרט האָבען מיר נישט קיין דירעקטע אידישע פּראָבלעמען. דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס מיר גיבען זיך נישט אָפּ לחלוטין מיט דער אַלגעמיינער פראַגע פון דער דריטער וועלט. געוויינליך, איז אונזער אויפמערקזאַמקייט געווענדעט באַזונדערט צו די לענדער, וואו עס זיינען דאָ אידישע צרות און ווען זיי ברעכען־אויס. וואו עס ווערט אַ שריפה, קומען מיר און באַמיען זיך צו לעשען. איך פאַרשטיי דאָס. נאָך אַלעמען האָבען מיר אַזויפיל צרות אַרום־און־אַרום, אַז זיי פאַרנעמען אונז אינגאַנצען און באַשעפטיגען די פירער פון יעדען אידישען ישוב, וואָס זיינען אַריינגעטאָן איבער׳ן קאָפּ אין די טאָג־טעגליכע פּראָבלעמען, אַזוי, אַז זיי האָבען נישט קיין צייט זיך אָפּצוגעבען מיט פראַגען, וועלכע שטייען נישט באַלד אויפ׳ן סדר־היום.

די דריטע וועלט האָט נישט קיין דירעקטען אידישען פּראָבלעם. אָבער זי הויבט־אָן צו שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע. און זי הויבט נישט אָן צו וויסען, וואָס אַזעלכעס עס איז דאָס אידישע פּראָבלעם. איך האָב געמאַכט אַ סך קאָנטאַקטען מיט פירער פון דער דריטער וועלט. פון זיי איז לעאָפּאָלד סענגאָר, וואַרשיינליך דער אַממייסטען קולטורעלער און אַממייסטען דעמאָקראַטישער צווישען די פירער פון די אַפריקאַנער מדינות. סענעגאַל איז געווען די איינציגע אַפריקאַנער מדינה, וואָס האָט זיך אָפּגעריסען פון די אַנדערע און האָט געשטימט פאַר ישראל ביי דער לעצטער סעסיע פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער. עס האָט סענגאָר׳ן זיך נישט איינגעגעבען — עס איז געווען קלאָר, אַז עס איז נישט געווען מעגליך, אַז עס זאָל זיך אים איינגעבען — דורכצופירען אַ פּראָ־ישראל אויסבעסערונג צו דער רעזאָלוציע. אָבער ער האָט

באַטאָנט, אַז ער איז נישט קיין שונא פון ישראל אָדער פון אידישער פאָלק. אין אַ לאַנגען געשפרעך, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט אין ניו יאָרק, האָט ער מיר געזאָגט „מיר הויבען נישט אָן צו וויסען ,וואָס דאָס אידישע פאָלק איז. טאָג און נאַכט הערען מיר וועגען אידישען פאָלק. היטלער האָט אויסגע־הרג׳עט זעקס מיליאָן אידען. פאַרוואָס איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אומע־טום אין דער וועלט ? עס מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם. פון וואַנען קומט די דאָזיגע אומגעווײנליכע דערשיינונג ? שטענדיג איז פאַראַן די אידען־פראַגע. אומ׳עטום רעדט מען וועגען דער אידען־פראַגע. וואָס איז דאָס ? דערקלערט דאָס אונז״.

ס׳איז אמת, אַז עס זיינען דאָ דערפאַר די ישראלים. זיי האָבען אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם געביט. איינער פון די גרעסטע דערפאָלגען פון גאָלדע מאיר׳ס פּאָליטיק, ווען זי איז געווען אויסערן־מיניסטער, איז וואָס זי איז געווען די איניציאַטאָרין פון דער קאָאָפּעראַציע מיט די אַפריקאַנער מדינות. די דאָזיגע קאָאָפּעראַציע ווערט וואָס אַ מאָל שווערער איבער דעם אַראַבישען דרוק און איבער דער פראַנצויזישער פּאָליטיק, אָבער עס איז נאָך אַלץ זעהר אַ באַדייטענדער און וויכטיגער אויפטו. זיכער האָבען די ישראלים געהאַט אין דעם זין אַ גרויסען דערפאָלג אין דער פאַרגאַנגענהייט און איך האָף, אַז זיי וועלען ווייטער מיט דעם אָנגיין. דערפאַר האָב איך געענטפערט סענגאָר׳ן „איר האָט דאָך די ישראלים״.

„יאָ״ — האָט ער געזאָגט — „אָבער ישראל איז אַ סאָוועראַנע מדינה. זיי האָבען זייערע אייגענע אינטערעסען, וואָס איך פאַרשטיי. זיי ווילען אונז פאַרקויפען וואָפען. זיי ווילען, אַז מיר זאָלען זיי העלפען אין די „יוניי־טעד ניישאָנס״. זיי ווילען שליסען מיט אונז בוי־קאָנטראַקטען, אינוועס־טירען געלד, זיי קאָנען דערפאַר נישט זיין אָביעקטיוו. אָבער פאַרוואָס זאָל, צום ביישפּיל, אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווי אייערע, דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז נישט פּאָליטיש — איר ווילט אונז נישט פאַרקויפען גאָרנישט, איר ווילט נישט אינוועסטירען קיין געלד אין סענעגאַל — פאַרוואָס זאָלט איר נישט קומען צו אונז און אונז דערקלערען, וואָס איז אַזעלכעס דאָס אידישע פּראָבלעם, וואָס איז עס היסטאָריש און וואָס איז עס איצט ?״

איך מיין, אַז דאָס איז זעהר אַ וויכטיגע אויפגאַבע. איך באַמי זיך צו טאָן עפּעס וועגען דעם דורך דער מעמאָריאַל פאַונדיישאָן פאַר אידישער קולטור, שאַפענדיג אַקאַדעמישע קאַטעדרעס פאַר דער וויסענשאַפט פון

אידענטום אין אינדיע, אין יאַפּאַן, אין לאַטײַן־אַמעריקע, וואָס איז אין די לעצטע עטליכע יאָר אויך אַ טייל פון דער דריטער וועלט, אַ סך מער ווי אַ טייל פון דער מערב־וועלט. אָבער דאָס אַלץ איז נישט גענוג. הגם עס וועט נאַטירליך האָבן אַן איינפלוס אויף אַ געוויסער צאָל אינטעלעקטואַלען אין די לענדער. און דאָס איז זעהר וויכטיג. איך מיין, אַז אידישע אָרגאַניזאַציעס דאַרפען אָנהויבען סיסטעמאַטיש איינצושטעלען אַ קאָנטאַקט מיט די לענדער פון דער דריטער וועלט, נישט פאַרלאָנגענדיג פון זיי גאָרנישט. זיי דאַרפען נישט פאַרפירט ווערען פון דער אַראַבישער פּראָפּאַגאַנדע געגען ישראל, אָדער פון דער אַראַבישער פּראָפּאַגאַנדע, געגען אידען בכלל. דאָס איז זעהר אַ שווערע אויפגאַבע, וואָס פאָדערט גרויסע אָנשטרענגונגען און גרויסע אינטעלעקטועלע אינוועסטירונג. איך האַלט, אַז אָט די דריטע וועלט וועט ווערען וואָס אַ מאָל מער וויכטיג און איינפלוסרייך, און דערפאַר מיין איך, אַז דאָס איז אַן אויפגאַבע, צו וועלכער מיר דאַרפן באַלד צוטרעטען זעהר ערנסט.

נאָך אַ וואָרט וועגען דער לאַגע אין לאַטײַן־אַמעריקע. לויט מיין מיינונג הויבען אָן די לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער אַריבערצוגיין צו דער דריטער וועלט, און גייען אַוועק פון דער פּראָ־אַמעריקאַנער מערב־וועלט. די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען נישט פּאָפּולער אין לאַטײַן־אַמעריקע. ווען איר טוט אַ מענשען אָדער אַ לאַנד צו־פיל טובה׳ס, הויבען זיי אָן אייך פיינד האָבען. מען דאַרף האָבען אַ סך מער טאַקט, ווען איר טוט עמיצען גוטס, ווי ווען איר באַקעמפט אים. בראַזיל, אַרגענטינע, פּערו — די אַלע לענדער זיינען רעוואָלוציאָנערע מדינות. ווען איך בין לעצטענס געווען אין בראַזיל, האָט אַן אָנגעזעענער סענאַטאָר, אַ נישט־איד, אַ גרויסע פּאָליטישע פּערזענליכקייט מיר געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג זיינען 70—75 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון דעם לאַנד הונגעריג, האָבען נישט גענוג צו עסען. איר ווייסט, וואָס דאָס באַדייט אין איינעם פון די פּאָטענציעל רייכסטע לענדער אין דער וועלט, אַ סך רייכער פון קאַנאַדע, אַ טייל זאָגען, אַז רייכער אפילו פון די פאַראייניגטע שטאַטען אין נאַטור־אוצרות.

אין לאַטײַן־אַמעריקע איז עס נישט אַזויפיל דאָס פּראָבלעם פון אַנטי־סעמיטיזם, וואָס זאָל דאָרט זיין די געפאַר פאַר אידען, נאָר פון אַן אַנטי־אידישער אַקציע, אַלס רעזולטאַט פון די רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין

די לענדער. איך וועל אייך ברענגען איין קלאַסישען ביישפּיל — קובא. ווען אַ איד אין קובאַ וויל אַוועקפאָרען און ער זאָגט: „איך וויל פאָרען קיין ישראל״, ווערט זיין פּאַספּאָרט געשטעמפּלט: „גוט פאַר רעפּאַט־ריאַציע קיין ישראל״. קאַסטראָ באַטראַכט יעדען אידען, ווי אַ פּאָטענציע־לען בירגער פון ישראל. איך האָב אַמאָל געזאָגט מיין פריינד בן־גוריון׳ען: „דער אמת׳ער איינציגער בן־גוריוניסט אין דער וועלט איז קאַסטראָ. ער זאָגט, אַז יעדער איד איז טעאָרעטיש אַ בירגער פון ישראל״. איך האָב מיט עטליכע יאָר צוריק געזען אין ישראל אַ טעלעגראַמע פון אינערן־מיניס־טעריום פון קובאַ מיט דער ביטע צו שיקען אַהין אַ שוחט. נישט פאַראַן גענוג שוחטים אין קובאַ. און די רעגירונג צאָלט זיי שכירות און דעקט זייערע רייזע־הוצאות. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז — ווען די רעוואָלוציע האָט זיך איינגעגעבען — חרוב געוואָרען דער אַמאָל בליענדיגער ישוב פון צען טויזענט אידען אין קובאַ, וועלכען איך פלעג זעהר אָפט באַזוכען אַלס פּרעזידענט פון אידישען וועלט־קאָנגרעס. דער ישוב איז רואינירט געוואָרען, ווייל אונטער דעם נייעם סיסטעם קאָן אַ אידישער מיטעלשטאַנד־קיבוץ נישט עקזיסטירען. אַכציג פּראָצענט פון די אידען אין קובא זיינען אַוועק־געפאָרען. די, וועלכע זיינען געבליבען, ווערען גוט באַהאַנדעלט. אָבער עס איז זעהר אַן אָרימער ישוב, וועלכער קאָן איצט נישט, אָדער וויל נישט עמיגרירען. קובא איז אַ קליין לאַנד אָבער דאָסזעלבע קאָן געשען אין לענ־דער, וואָס האָבען אַ גרעסערע אידישע באַפעלקערונג.

אין סך־הכל וויל איך זאָגען: מיר דאַרפען אָנהויבען צו זען די וועלט, אַזוי ווי זי איז, ס׳איז נישט מער די וועלט פון 19־טען יאָרהונדערט, וואָס איז געווען דאָמינירט פון גרויס־בריטאַניע און פראַנקרייך, און אפילו נישט די וועלט פון דער ערשטער העלפט פון 20־טען יאָרהונדערט, וואו אַמעריקע האָט געשפּילט די גרויסע ראָלע. צו אייער און מיין שטאַרקען באַדויערען זיינען עס לענדער, וועלכע גייען אַראָפּ. איך גלויב נישט, אַז דאָס זאָל זיין דער סוף פון מערב, דער „אונטערגאַנג דעס אַבענדלאַנדעס״, וואָס איז געווען די טעאָרעטישע איבערטרייבונג פון אַ טיפּיש־דייטשען פילאָזאָף. אָבער עס איז קיין שום פראַגע נישט, אַז אין דער פאַרהעלטעניש פון כוחות, סיי אידעאָלאָגיש און סיי היסטאָריש, אַלס אַ רעזולטאַט פון דער געגנערשאַפט צו די קאָלאָניאַלע רעזשימען, פאַרלירט דער מערב איינ־

פלוס, און סיי די מזרח־וועלט און סיי די דריטע וועלט געווינען מאַכט. מיר קאָנען דאָס נישט ענדערן. אפילו ווען מען גלויבט אין די „זקני ציון״, ווי געוויסע אַנטיסעמיטען גלויבען ביז׳ן היינטיגען טאָג, קאָן קיינער נישט אָננעמען, אַז מיר וועלען קאָנען ענדערן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. דאָס איז פשוט אַן אומזין. מיר דאַרפען זיך צופאַסען צו דער דאָזיגער נייער וועלט.

קודם־כל דאַרפען מיר שטודירען דאָס דאָזיגע זעהר קאָמפּליצירטע פּראָבלעם. אַלע אונזערע פריערדיגע שטודיעס זיינען געווען וועגען דעם המשך פון אידישען לעבען אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ, אַמעריקע, אויך אין לאַטיין־אַמעריקע, וואָס האַלט זיך נאָך דערווייל אַן דעם צפון־אַמעריקאַנער שטייגער. אָבער ווי אַזוי קאָנען אידען בלייבען לעבען אַלס אַ קיבוץ, נישט בלויז פיזיש אַלס יחידים, אין אַזאַ לאַנד, ווי אין רוסלאַנד אָדער אין רומעניע, אָדער אין אַנדערע לענדער? אין אַ טייל פון די לענדער האַלטען־אַן אידען דאָס קהילה־לעבען. עס זיינען פאַראַן ביישפּילען, וואָס קאָנען נאָכגעטאָן ווערען, ווי אין יוגאָסלאַוויע. — דר. לאַוואָסלאַוו קאַדעל־בורג, פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע פון די אידישע געמיינדעס אין יוגאָסלאַוויע געפינט זיך דאָ היינט, ביי דער פאַרזאַמלונג — אָדער אין רומעניע. מעגליך, אַז דאָס איז נישט קיין קהילה־לעבען אין דער מאָס און אויף דער מדרגה ווי מיר וואָלטען עס געוואָלט זען. אָבער אין פּרינציפּ דאַרף שטודירט ווערען ווי אַזוי אידען קאָנען בלייבען לעבען אין די לענדער אַלס אַ קיבוץ. עס האַנדעלט זיך וועגען דעם גורל פון דריי מיליאָן אידען.

מיר דאַרפען אויך אויפקלערען און באַקענען די דריטע וועלט מיט דעם אידישען פּראָבלעם. די דריטע וועלט דאַרף וויסען, פאַרוואָס מיר, אידען, זיינען תמיד אויפ׳ן סדר היום פון דער וועלט־געשיכטע, און וועלט־פּאָליטיק, און אַז עס איז נישט קיין חוצפה, אַז אידען ווילען שפּילען אַ ראָלע, ווייל דאָס איז צוליב דעם גורל פון אידישען פאָלק, וואָס איז אַ יחיד במינו. דאָס קאָן געטאָן ווערען נאָר דורך אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע. עס איז נישט קיין פּראָבלעם פון די בריטישע אידען, פראַנצויזישע אידען, אַמעריקאַנער אידען. עס איז דאָס פּראָבלעם פון אידישען פאָלק.

ווי אַזוי זאָל דאָס געטאָן ווערען? צי דאָס זאָל געטאָן ווערען דורך איין אידישער אָרגאַניזאַציע, אָדער דורך צוויי אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלען זיך צוזאַמענקומען און באַראַטען וועגען דעם — איז אין איצטיגען מאָמענט

נישט וויכטיג. דער עיקר איז, אַז מיר מוזען אָנהויבען זיך אָפּגעבען אַ חשבון וועגען אָט דעם גרויסען פּראָבלעם, וואָס וועט אין אַ צייט אַרום אויך דעצידירען וועגען דער צוקונפט פון ישראל, וואָס וועט דאַרפען לעבען אין דער דאָזיגער וועלט, וואו עס וועט וואַקסען די מאַכט פון די קאָמוניס־טישע מלוכות. שוין היינט־צו־טאָג איז עס זעהר אַן ערנסטער ענין פאַר ישראל. וואָס שטאַרקער רוסלאַנד ווערט אין מיטעלען מזרח און אין מיטעל־לענדישען ים אַלץ שווערער ווערט פאַר ישראל אָנצוגיין מיט איר פּאָלי־טיק. די דריטע וועלט געווינט איינפלוס.

וועגען אָט דעם פונדאַמענטאַלען ענין זיינען נישט פאַראַן קיין חלוקי דעות צווישען ישראל און וועלט־אידענטום. ס׳איז אונזער געמיינזאַמער אינטערעס, אַז מיר זאָלען צוזאַמען אָנהויבען אָפּגעבען זיך אַ חשבון וועגען דעם פּראָבלעם, צוזאַמען אָנהויבען טראַכטען וועגען אים און זוכען צו געפינען אַ לייזונג פאַר די דאָזיגע פראַגען, וואָס וועלען זיין דעצידירענדיג פאַר דער אידישער צוקונפט און פאַר׳ן המשך פון אידישען קיום.

אידען און די פעלקער פון דער וועלט

רעדע ביי דער דערעפענונג פון דער „וואָך פאַר ברידערלעכקייט״

אין מינסטער, דייטשלאַנד, 1972

איך האָב אויסגעקליבען פאַר דער טעמע פון מיין רעדע דאָס פּראָבלעם „די אידען און די פעלקער״. פאַראַן קוים אַזאַ פאָלק — ווי עס איז דאָס אידישע פאָלק — וואָס האָט אין זיין געשיכטע געהאַט אַזויפיל באַגעגענישען מיט פאַרשיידענע פעלקער און מדינות, רעלי־גיעס, לענדער און קולטורען. דעריבער איז די באַציאונג פון אידען צו די פעלקער פון דער וועלט די כאַראַקטעריסטיק פון דער אידישער געשיכטע אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער געגענוואַרט. אויב מען נעמט דאָס נישט אין באַטראַכט קאָן מען נישט פאַרשטיין די אידישע פּראָבלעמאַטיק און דאָס אַזוי־גערופענע אידישע פּראָבלעם אין דער וועלט. איך זאָג נישט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז בעסער פון די אַנדערע. די פראַגע וועגען דער אויסדערוויילטקייט פון אידישען פאָלק איז אַ טעאָלאָגיש פּראָבלעם, וועגען וועלכען אַזאַ פשוט׳ער מענש, ווי איך האָב נישט די העזה אַרויסצוזאָגען מיין מיינונג. אָפּגעזען אפשר פון די אַרמענער, וועלכע האָבען אָבער ווייט נישט געשפּילט אַזאַ ראָלע אין דער וועלט־געשיכטע, זיינען מיר, אידען, דאָס איינציגע פאָלק, ביי וועמען רעליגיע און נאַציע זיינען אידענטיש — אַן אינדענטיטעט, וואָס שאַפט פאַר דער נייער אידישער מדינה זעהר פיל קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

מיר זיינען דאָס איינציגע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט דורכגע־מאַכט דריי גלות׳ן ; דאָס איינציגע פאָלק אין דער וועלט וועמענס מינאָריטעט לעבט אין דער אייגענער מדינה, און וועמענס מאַיאָריטעט איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. די דאָזיגע אייגענאַרטיקייט פון דער

אידישער סטרוקטור און אידישער געשיכטע איז נישט ביי. און מען קאָן נישט פאַרשטיין דאָס זעהר קאָמפּליצירטע פּראָבלעם וועגען די באַציאונגען צווישען אידען און נישט־אידען. די פאַרהעלטנישען צווישען אידען און קריסטען זיינען בלויז אַ טייל פון דעם פּראָבלעם — אויב מען פּרואווט נישט צו אַנאַליזירען די פראַגע אויף דעם הינטערגרונט פון דער פיל טויזענט־יעריגער אידישער פאַרגאַנגענהייט.

די אידישע געשיכטע הויבט זיך אָן, ביבליש גערעדט, מיט אברהם אָבינו. די אידישע געשיכטע הויבט זיך אָן מיט אַ גרויסער אייגענאַרטיגער אוואנטורע און צוויי אַקטען, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאַרגאַנגענהייט און פאַר דער אייגענשאַפט פון אידישען פאָלק. די אידישע געשיכטע הויבט זיך אָן מיט אַ פּראָטעסט. אברהם אָבינו פאַרלאָזט דאָס לאַנד, פון וואַנען ער שטאַמט. עס ווערט אים באַפוילען, אַז ער זאָל זיך פאַרקלייבען קיין ארץ ישראל. אַ סך אַנדערע פעלקער האָבען אַוועקגע־וואַנדערט פון זייערע שטאַם־לענדער, צי פאַר זייער חשק נאָך דעראָבערונ־גען, אָדער אונטער עקאָנאָמישען דרוק. אָבער אין דעם פאַל פון אברהם אָבינו איז עס געווען צוליב אַ אידעאָלאָגישען פּראָטעסט — ווייל ער האָט נישט געוואָלט לעבען אין אַ פּאָליטעאיסטישער וועלט, ווייל ער האָט געוואָלט אַנזאָגען זיין נייע אמונה, דעם מאָנאָטעאיזם, אין זיין אייגענעם לאַנד.

דאָס איז איין גרויסע כאַראַקטעריסטיק פון דער אידישער געשיכטע. אידען זיינען שטענדיג געווען אַ פּראָטעסטירענדיג פאָלק. פאַראַן אַ באַרימ־טער עפּיזאָד אין תלמוד. איינער פון די גרעסטע תנאים, הלל הזקן, איז געבעטען געוואָרן, אַז ער זאָל „אויף איין פוס" אין איין זאַץ כאַראַקטעריזירן דעם תמצית פון תורת משה. ווען איך וואָלט געדאַרפט — ניט פאַרגלייכענדיג זיך מיט הלל'ן — כאַראַקטעריזירען „אויף איין פוס" די הויפּט־אייגענ־שאַפט פון אידישען פאָלק, דעם עצם פון אידענטום וואָלט איך געזאָגט: „מיר זיינען דאָס נאָן־קאָנפאָרמיסטישע פאָלק פאַר עקסצעלאַנס" אין דער געשיכטע. מיר האָבען זיך קיינמאָל נישט געבויגען פאַר די מאַיאָריטעטען. מיר זיינע שטענדיג געווען אין דער אָפּאָזיציע, שטענדיג אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע, פון פאַרשריט, פון פּראָטעסט. און דאָס כאַראַקטע־ריזירט אונז אפשר מער, ווי עפּעס אַנדערש.

נאָכדעם ווי אברהם אָבינו האָט, געטריי דעם דאָזיגען אַנטשיידענדיגען לייט־מאָטיוו פון דעם אידישען קיום איינגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל,

האָט עס געדויערט בלויז עטליכע דורות, ביז יעקב אָבינו און יוסף, און עס האָט זיך רעאַליזירט די צווייטע כאַראַקטעריסטיק פון דער אידישער געשיכ־טע, וואָס האַלט אָן ביז׳ן היינטיגען טאָג — דער גלות מצרים. פון דעמאָלט אָן באַוועגט זיך די אידישע געשיכטע שטענדיג צווישען צוויי יסודות׳דיגע טענדענצען, וואָס זיינען אין אַ שאַרפען קאָנפליקט צווישען זיך. פון איין זייט — דער וואונש צו זיין אָפּגעזונדערט, אָפּהיטען די אייגענאַרטיגקייט, נישט אַסימילירען זיך מיט דער מערהייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט קודם־כל אין דעם יאָרטויזענטער־לאַנגען חלום און בענקשאַפט צוריקצו־קערען זיך איין טאָג אין דעם אייגענעם לאַנד, קיין ארץ ישראל. און פון דער צווייטער זייט — דער פאַקט פון לעבען אין גלות, ווייל דאָס אידישע פאָלק האָט אין משך פון דעם גרעסטען טייל פון זיין געשיכטע געלעבט אין גלות. אין דער פערמאַנענטער געפאַר פון צופאַסען זיך צו דער מאַיאָריטעט — אַ צופאַסען זיך, וואָס האָט באַדראָט צו מאַכען אוממעגליך די באַזונדערע עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק.

צווישען די צוויי פּאָלוסען — דעם צענטער אין ישראל און דעם גלות מחוץ דער אידישער מדינה, אַלס אַ פּראָטעסטירענדיגע נאָן־קאָנפאָרמיסטי־שע גרופּע אנקעגענאיבער דער פערמאַנענטער געפאַר פון צופאַסען זיך און אַסימילאַציע — וואַקעלט זיך זיבט טויזענטער יאָרען די אידישע געשיכ־טע. און די דאָזיגע פּאָלאַריטעט איז היינט אפשר נאָך שטאַרקער, ווי ווען עס־איז פריער. דערביי איז די מערהייט פון אידישען פאָלק נישט תמיד געווען געגרן צו שפּילען די ראָלע פון נאָן־קאָנפאָרמיסטען, פון דער פּראָטעס־טירענדער מינאָריטעט, אין דער סביבה פון אַנדערע פעלקער. די מער־הייט איז געווען אַ סך מער גרייט, אפילו ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געלעבט אין ארץ ישראל, אַראָפּצואווארפען פון זיך די לאַסט פון דער נאָן־קאָנפאָרמיסטישער פּראָטעסטירענדיגער האַלטונג. אָבער שטענדיג איז געווען אַ פירענדע מינאָריטעט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטען די פּראָטעס־טירענדיגע שטעלונג. די עקזיסטענץ פון פעלקער שטיצט זיך שטענדיג אויף די מעשים פון זייערע מינאָריטעטען. דאָס איז אפשר אַ נישט־דעמאָ־קראַטישע אויפפאַסונג. אָבער בכל אופן איז זי ריכטיג וואָס איז שייך דעם אידישען פאָלק.

שוין אין דער צייט פון נביאים האָט די מערהייט געהאַט די טענ־דענץ זיך צוצוגלייכען צו דער אַרומיגע פּאָליטעאיסטישער וועלט. און די

נביאים האָבען אין משך פון דורות געצילט מיט זייער ווירקונג צו פאַרהיטען דערפון. אויך אין גלות זיינען אָפט געווען מערהייטען, וואָס זיינען געווען גרייט אויפצוגעבען זייער באַזונדערע פאָלקס־עקזיסטענץ. ווען די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון שפּאַניע, האָט די מערהייט איינגעשטימט צו שמד׳ן זיך, און נאָר אַ מינדערהייט איז אַוועק פון דעם לאַנד און איז געבליבען געטריי דעם אידישען פאָלק. פאַראַן דער באַרימטער נביא׳ישער באַגריף: „שאר ישוב״. נאָר די פאַרבליבענע וועלען זיך צוריקקערען. די מערהייט איז שטענדיג געווען גרייט פאַר אַסימילאַציע, צו קריגען פּריווי־לעגיעס און האָבען באַקוועמליכקייטען אין לעבען. מינאָריטעטען, אָדער יחידים קאָנען זיין העלדיש. מאַיאָריטעטען זיינען זעלטען העלדיש, און ווען זיי פירען זיך שוין יאָ אויף העלדיש, איז עס בלויז פאַר אַ קורצער צייט. די האַלטונג פון דער אידישער מינדערהייט ווערט נאָכמער עקסטרעם, נאָך מער ליידענשאַפטליך, וואָס מער עס איז די געפאַר פון גייסטיגען אונטער־גאַנג, פון אַסימילאַציע, פון דער פולער אינטעגרירונג, פון אידישען פאָלק אין די מאַיאָריטעטען, צווישען וועלכע אידען לעבען. דערמיט דערקלערט זיך די טענדענץ פון תלמוד, צו מאַכען, וואָס שאַרפער און וואָס שטרענגער די אידישע אָפּזונדערונג. לויט דער מיינונג פון גרויסע היסטאָריקער, וואָלט די געצענדינערישע וועלט נישט געוואָרען קריסטליך, נאָר אידיש, ווען די בעלי התלמוד אין דער צייט פון יעזוס׳ן און פאולוס׳ן וואָלטען געווען אַ ביסעל מער בויגזאַם, אַ ביסעל מער נאָכגעביג, מער גרייט אויף פשרות. אָבער די דאָזיגע גייסטיגע פירער פון אידישען פאָלק האָבען בעסער געוואָלט בלייבען אַ מינאָריטעט, אַנשטאָט צו דעראָבערען די וועלט גייסטיג מיט קאָמפּראָמיסען, וועלכע זיי האָבען באַטראַכט פאַר אַ פאַרוואָסערונג פון דער אידישער אמונה.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען די שטענדיגע קאָנפליקטען, וואָס זיינען אַרויסגעקומען צווישען דעם שטרעבען זיך צוצופּאַסען און האָבען אַ לייכטער לעבען, און דער קנאות פון די גייסטיגע פירער פון אידישען פאָלק, וועלכע האָבען אויפגעשטעלט מויערען אַרום די אידען, בכדי צו פאַרזיכערען אין געטאָ, אין גלות, דעם באַזונדערען קיום פון דער אידישער אומה. דאָס געטאָ איז אין אָנהויב נישט אָנגעצוואונגען געוואָרען די אידען דורך די נישט־אידען. עס איז געווען מער אַ פּריווילעגיע אָפּזונדערונג. ווען זי איז לעגאַליזירט געוואָרען, איז עס געווען אַ באַשטעטיגונג פון

אַ שוין עקזיסטירענדיגען צושטאַנד. אויף אַפּזונדערען זיך איז באַזירט דאָס בלייבען לעבען פון אידישען פאָלק, דער המשך פון די יאָרטויזענטער פון גלות, פאַר וועלכען עס איז נישט פאַראַן קיין פאַראַלעל אין דער געשיכטע. אַ פאָלק, וואָס איז געווען צעזייט און צעשפרייט אין בערך פופציג לענדער, אָן פאַרבינדונגען, אָן רעגעלמעסיגע קאָמוניקאַציע־מעגליכקייטען צווישען זיך, אונטערדריקט, גע׳רודפ׳ט, באַליידיגט — האָט איבערגעהאַלטען ביז צו דער היטלער־עפּאָכע אַלע פּרואוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען אים אומ־צוברענגען. אידען אין גלות האָבען געקאָנט איבערלעבען אַלע צרות, ווייל אונזערע דינים און הלכות, דער תלמוד און דער שולחן ערוך, האָבען רעגולירט דאָס לעבען פון יעדען אידען אין אַלע פּרטים פון אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען און געדאַוונט תפילת שחרית ביז אויף־דער־נאַכט, ווען ער האָט זיך געלייגט שלאָפן און געלייענט פריער קריאת־שמע. די אידען דאַרפען נישט האָבען קיין פאָטערלאַנד, בכדי צו בלייבען לעבען אַלס אידען — האָט היינריך היינע געזאָגט. זיי האָבען זייער פאָטערלאַנד אין זייער רענצעל, ווען זיי וואַנדערען מיט זייערע ספרים פון איין לאַנד אין צווייטען. היינע האָט דאָס גערופען: „דאָס פאָרטאַטיווע פאָטערלאַנד״ — איינע פון די ברילִיאַנטעסטע, שאַרפסטע און קירצסטע פאָרמולירונגען פון דעם נס פון אָנהאַלטען דעם אידישען קיום אין גלות.

דאָס איז דער היסטאָרישער הינטערגרונט פון די געשעענישען אין 19־טען יאָרהונדערט און אין דער ערשטער העלפט פון 20־טען יאָרהונדערט. דאָס איז געווען די עפּאָכע, אין וועלכער די גרויסע, פּערמאַנענטע געפאַר פון פולען צופאַסען זיך, פון פולען אויסגלייכען זיך מיט דער אַרומיגער סביבה — און דאָס מיינט דער סוף פון דער באַזונדערער אידישער עקזיס־טענץ — איז געווען די גרעסטע און די שאַרפסטע. נאָכדעם ווי די אידען זיינען אין 19־טען יאָרהונדערט און נאָכמער אין 20־טען יאָרהונדערט עמאַנ־סיפּירט געוואָרען אין די מערסטע לענדער, האָבען באַקומען גלייכבאַרעכ־טיגונג, און דורך דעם איז געעפענט געוואָרען פאַר זיי דער אַריינטריט אין דער געזעלשאַפט פון די פעלקער, צווישען וועלכע זיי האָבען געלעבט — איז די געפאַר פון דער אידישער אַסימילאַציע געוואָרען נאָך שטאַרקער, ווי ווען־עס־איז פריער. כל זמן אידען האָבען אָנגעהאַלטען זייער באַזונדערען רעליגיעזען, קולטורעלען און נאַציאָנאַלען קיום אין זייער „פאָרטאַטיווען פאָטערלאַנד״, איז די דאָזיגע סכנה געווען פיל לייכטער. ווען די געפאַר פון

אַסימילאַציע איז געוואָרען שאַרפער, ווי ווען־עס־איז פריער, איז — אין איינקלאַנג מיט דער דערמאָנטער פּאָלאַריטעט — אויפגעשטאַנען אין דעם מאָדערנעם ציוניזם דער שטאַרקסטער, אַקטיווסטער און קעמפעריששסטער אַנזאָג פון דעם ווילען פאַר דעם באַזונדערען אידישען קיום, אין דער איינציג־מעגליכער פאָרם אין דער דאָזיגער תקופה, אין אַן אייגענעם פּאַטערלאַנד און אין אַן אייגענער מדינה.

דאַן איז געקומען די היטלער־עפּאָכע, וואָס האָט געוואָלט מאַכען אַ סוף צו אַלע שריט פון דער עמאַנסיפּאַציע. דאָס האָט זיך פונדעסטוועגען נישט איינגעגעבען. היטלער האָט אויסגע׳הרג׳עט אַ דריטעל פון אידישען פאָלק. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אומברענגען דאָס אידישע פאָלק גופא. די מאַיאָריטעט פון אידישען פאָלק האָט פריער געהאַט אָפּגעוואָרפען די ציוניסטישע קאָנצעפּציע, וועלכע איז געווען פאַרטראָטען דורך אַ מינדער־הייט. באַזונדערס האָבען דאָס געטאָן די אידען אין דייטשלאַנד אין דעם קלאַסישען לאַנד פון דער אידישער אַסימילאַציע, אין דעם איינציגען לאַנד, וואו עס איז געשאַפען געוואָרען אַ אידעאָלאָגיע פאַר דער אַסימילאַציע. פראַנצויזישע, ענגלישע אידען האָבען זיך אַסימילירט ספּאָנטאַן. דייטשע אידען האָבען אויסגעפונען גרויסע אידעאַליסטישע מאָטיווירונגען פאַר דער נויטווענדיקייט זיך צו אַסימילירען.

נאָך דער עמאַנסיפּאַציע פון די מערב־און צענטראַל־אייראָפּעאישע אידישע ישובים, און נאָכ׳ן אומברענגען דאָס מזרח־אייראָפּעאישע אידענטום אין דער היטלער־עפּאָכע איז אויסגעוואַקסען אַ נייע באַוואוסטזיין: די מערהייט פון אידענטום איז געוואָרען ציוניסטיש און — וואָס עס איז געווען נישט ווייניגער וויכטיג — די פעלקער פון דער וועלט האָבען אָנגעהויבען איינזען דאָס גרויסע אומרעכט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען געגען דעם אידישען פאָלק — אַקטיוו דורך די נאַצים, און פּאַסיוו דורך די דעמאָקראַטיעס. איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט אין דעם, אַז די דעמאָקראַטיעס זיינען געווען אינגאַנצען אומשולדיג פאַר דער דער־שיינונג פון נאַציזם, ווייל דאָס צולאָזען און טאָלערירען קאָן אָפטמאָל זיין נישט ווייניגער פאַרברעכעריש, ווי אַן אַקטיוו פאַרברעכען. דורך דעם דאָזיגען שולד־געפיל איז עס דעמאָלט געקומען צו דעם באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען מיט אַ מאַיאָריטעט פון מער פון צוויי דריטעל שטימען אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער וועגען גרינדען אַ

אידישע מדינה אין דער געטיילטער ארץ ישראל. דורך דער גרינדונג פון מדינת ישראל האָט די שטרעבונג נאָך אַ באַזונדערען אידישען קיום אַנגענומען צום ערשטען מאָל אַ זעהר קאָנקרעטע און דראַמאַטיש־שאַפערישע, געשטאַלט.

דאָס פּראָבלעם „אידען און די פעלקער" איז אָבער דורך דער גרינדונג פון מדינת ישראל נישט לייכטער געוואָרען. אויף אַ שטאַרק פשוט׳ען אופן קאָן מען זאָגען: דאָס שאַפען מדינת ישראל האָט געמאַכט דאָס אידישע לעבען באַדייטונגספולער, רייכער, מיט מער זין, אָבער נישט איינפאַכער. אַ מינאָריטעט פון אידישען פאָלק לעבט אין זיין אייגענעם לאַנד נאָרמאַל אין אַ געוויסער מאָס, דאָס הייסט מיט אַן אייגענער שפּראַך, אייגענער קולטור און אייגענע געזעלשאַפטליכע פאָרמען. אָבער די מאַיאָריטעט — אַן ערך פון 75 ביז 80 פּראָצענט — לעבט מחוץ פון דער מדינה. צי די דאָזיגע מאַיאָריטעט, אָדער גאָר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט אַמאָל לעבען אין דער אייגענער מדינה, ווי עס מיינען אַ טייל עקסטרעמע ציוניסטען — איך טייל נישט די דאָזיגע מיינונג — איז עס צוקונפטס־מוזיק, וואָס האָט ווייניג צו טאָן מיט דער אַנאַליזירונג פון דער אַקטועלער לאַגע. פּאַקטיש לעבט איצט די מאַיאָריטעט צעשפּרייט אין מער פון זעכציג לענדער. דאָס שאַפט פאַר די אידען און פאַר די נישט־אידען אין דער וועלט אַ פּראָבלעם, פאַר וועלכען עס איז נישט פאַראַן קיין פּאַראַלעל. עס זיינען פאַראַן אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבען מינאָריטעטען אין אויסלאַנד, צום ביישפּיל די אויסלאַנדס־דייטשען, די איטאַליענער אין דרום־אַמעריקע, די אירלענדער אין די פאַראייניגטע שטאַטען. זיכער באַטראַכטען די דאָזיגע פעלקער פאַר וויכטיג, אַז זייערע מינדערהייטען וועלכע לעבען אין אויסלאַנד, זאָלען אויפהאַלטען דאָס באַוואוסטזיין פון זייער אָפּשטאַמונג און אָפּהיטען אַ געוויסע נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט, אויב נישט די פולע צוגעהעריגקייט. אָבער פאַר אַנדערע פעלקער איז דאָס נישט קיין פּראָבלעם פון גרויס ממשות.ביידע דייטשע מדינות וועלען ווייטער עקזיסטירען — און ווען עס וועט איין טאָג קומען צו אַ פאַראייניגטער דייטשלאַנד — ווי איך האָף — וועט זי קאָנען עקזיסטירען ווייטער, אויך ווען די מיליאָנען אויסלאַנדס־דייטשען זאָלען אין צוויי־דריי דורות אַרום פאַרגעסען, אַז זיי זיינען געווען דייטשען. דאָס זעלבע איז ריכטיג אויך וועגען די איטאַליענער, וועלכע לעבען אין דרום־אַמעריקע. אָבער ווען דאָס וועלט־אידענטום זאָל פאַרגעסען,

אַז עס דאַרף זיין סאָלידאַריש מיט מדינת ישראל, וואָלטען סיי ישראל און סיי די אידען אין די תפוצות נישט געקאָנט ווייטער זיין לעבענספעהיג.ביידע טיילען פון אידישען פאָלק נויטיגען זיך איינער אין צווייטען, בכדי צו פאַרזיכערען זייער עקזיסטענץ.

ווי אַזוי וואָלט ישראל אויסגעזען אָן דער שטיצע פון וועלט־אידענטום און אָן זיין דירעקטען און אומדירעקטען איינפלוס? די פאַראייניגטע שטאַטען וואָלטען זיכער נישט אָנגענומען אַזאַ ישראל־פריינדליכע שטעלונג, ווען עס וואָלטען דאָרט נישט געלעבט זעקס מיליאָן אידען. געוויסע אידען האָבען מורא צו רעדען וועגען דער באַדייטונג פון די שטימען פון די אידישע וויילער אין די פאַראייניגטע שטאַטען. דאָס איז אַ שטרויס־פויגעל־פּאָליטיק. אין אַמעריקע האָבען אַלע גרופּעס זייערע „לאָביס" און זוכען צו באַאיינפלוסען די רעגירונג. דאָס געהערט צו דער דעמאָקראַטיע, וואָס איז אַ צוזאַמענשפּיל פון וואונשען און פאָדערונגען, וועלכע שטייען צווישען זיך אין אַ קאָנ־פליקט, און אין וועלכער די פאַרשיידענע גרופּעס פאַרטרעטען זייערע באַזונ־דערע אינטערעסען און שעמען זיך נישט צו פאַרלאַנגען, אַז די רעגירונג זאָל נעמען אין באַטראַכט זייערע אינטערעסען. אָן דער שטיצע פון אידענ־טום אין דער וועלט און פון די מיליאָנען נישט־אידען, וועלכע ווערען באַאיינפלוסט דורכ'ן וועלט־אידענטום וואָלט מדינת־ישראל — מילד זיך אויסגעדריקט — געהאַט אַ זעהר ניט־ליכטיגע צוקונפט. און ווען חלילה מדינת ישראל זאָל פאַרניכטעט ווערען, וואָלט פאַרבליבען זעהר ווייניג האָפענונג פאַר דער צוקונפט פון אידישען פאָלק.

די אָרטאָדאָקסישע אידען קאָנען האָבען פאַראיבעל אויף מיר פאַר דער דאָזיגער אויפפאַסונג. פאַראַן אַ באַרימטער יסוד פון דער אידישער אמונה, „נצח ישראל לא ישקר". דאָס איז אָן ענין פון אמונה און איך רעד דאָ אַלס פּאָליטיקער, און נישט ווי אַ טעאָלאָג. דאָס וועלט־אידענטום האָט פאַר־לאָרען די מזרח־אייראָפּעאישע און מיטעל־אייראָפּעאישע אידען. דייטש־לאַנד, גאַליציע, אונגאַרן, רוסלאַנד און פּוילען זיינען אין 18־טען און אין 19־טען יאָרהונדערט געווען פעסטונגען פון אידישען קיום. היטלער האָט נישט נאָר אומגעבראַכט זעקס מיליאָן אידען. נאָך ערגער איז, וואָס — היסטאָריש געזען — האָט ער חרוב געמאַכט די גרויסע פעסטונגען פון אידישען קיום. (דאָס קאָן קלינגען ברוטאַל, אָבער איך האָף, אַז עס וועט נישט שלעכט פאַרשטאַנען ווערען). וואָס דאָס פּוילישע, רוסישע און דייטשע

אידענטום האָט געשאַפֿען אין גייסטיקע ווערטען, אידעאַלען און אידעאָלאָ־גיעס, אויף וועלכע עס האָט זיך געשטיצט דער אידישער קיום אין די תפוצות, קאָן נישט צוריקגעשאַפֿען ווערען פון קיין שום אַנדערע אידישע גלות־ישובים, אויך נישט דורכ׳ן אַמעריקאַנער אידענטום, וואָס איז צופיל אינטעגרירט אין דעם „שמעלצטאָפּ״ אַמעריקע און איז צופיל אַסימילירט.

פּאָר אַזאַ פאַראייניגונג, ווי איירע, וועלכע שטרעבט צו אַנטוויקלען אידיש־קריסטליכע צוזאַמענאַרבעט, איז זעהר וויכטיג צו פאַרשטיין די דאָזיגע פּראָבלעמען אין זייער קאָמפּליצירטקייט און באַגריפען, אַז עס איז נישט אַזוי איינפאַך זיי צו לייזען. קודם־כל איז פאַראַן דאָס אינערליך־אידישע פּראָבלעם (וואָס האָט נישט דירעקט קיין שייכות מיט אייך), ווי אַזוי עס קאָן פאַרווירקליכט ווערען די סאָלידאַריטעט צווישען ישראל און די אידישע ישובים איבער דער גאַרער וועלט. אַ לאַנגע צייט איז די מערהייט פון די אידישע בירגער אין מדינת ישראל געווען ביי דער מיינונג, אַז די תפוצות זיינען בעיקר אַ קוואַל פון פינאַנציעלער און אַנדערער שטיצע, און זיי דאַרפען אויסדריקען פּאָליטישע סאָלידאַריטעט, ווען דאָס איז נויטיג. איך בין שטענדיג געווען געגען דער דאָזיגער קאָנצעפּציע. איך האָב אַן ערך צען יאָר צייט געפירט וועגען דעם גרויסע עפענטליכע דיסקוסיעס מיט מיין פריינד און געגנער, דוד בן־גוריון, איך האָב שטענדיג געזאָגט: דער דאָזיגער אופן פון באַציאונג איז נישט גענוג. די אידען אין די תפוצות מוזען האָבען דאָס געפיל פון מיטפאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר ישראל, און נישט נאָר דאָס געפיל פון פריינדשאַפט און סימפּאַטיע, אָדער פון פילאַנטראָ־פּישער גרייטקייט צו העלפען ישראל פינאַנציעל. לענדער, פעלקער און מדינות ווערען נישט געשאַפען דורך פילאַנטראָפּישע שטרעבונגען. מיט פילאַנטראָפּיע קאָן מען איינאָרדענען פאָלקס־קיכען, קינדער־היימען, מושב זקנים׳ס. מדינות ווערען געבויט, ווען מען האָט דאָס געפיל, אַז דערפון איז אָפּהענגיג דער אייגענער גורל און די אייגענע צוקונפט. דער „הייליגער עגאָאיזם״ פון מדינות איז דער שאַרפסטער און ברוטאַלסטער עגאָאיזם אין דער וועלט־געשיכטע, שטאַרקער — צי ער איז לעגיטימער, אָדער נישט — פון יעדען אינדיווידועלען עגאָאיזם. אויב אידען אין דער וועלט ווילען, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל בלייבען לעבען, מוזען זיי פאַרשטיין, אַז זייער צו־קונפט אַן ישראל, איז אין געפאַר. זיי דאַרפען זיך נישט פילען אַלס פריינד אָדער בעלי־טובה, נאָר — ווי איך האָב עס אַמאָל פאָרמולירט אין אַ גרויסער

דעבאַטע מיט בן־גוריון׳ען — זיי דאַרפֿען זיך באַטראַכטען אַלס שותפים. געוויס זיינען די ישראלים די „סעניאָר״־פּאַרטנערס, אָבער מיר אין די תפוצות מוזען זיין „דזשוניאָר״־פּאַרטנערס. אַנדערש וועט דאָס גלות־אידענטום נישט אָנגיין שטענדיג מיט דער הילף פֿאַר ישראל, און באַזונדערס וועט דער יונגער אידישער דור נישט קאָנען אָנהאַלטען אַ לענגערע צייט די סאָלידאַריטעט מיט ישראל.

נאָך דעם זעקס־טאָגיקען קריג האָבען די מערסטע ישראלים דאָס אָנגעהויבען צו פֿאַרשטיין, און די דאָזיגע דיסקוסיע איז היינט־צו־טאָג ווייניגער אַקטועל און שאַרף. איצט האַנדעלט זיך עס וועגען דעם, ווי אַזוי צו פֿאָרמירען אָרגאַניזאַטאָריש די באַציאונגען צווישען ישראל און דעם וועלט־אידענטום. אידען אין דער וועלט קאָנען נישט האָבען קיין דעה, ווי אַ מין באַזונדערע קאַטעגאָריע בירגער פון ישראל, ווייל ישראל איז אַ סואווערענע מדינה. מיר לעבען אין אַ עפּאָכע פון סואווערענע מדינות. איך גלויב, אַז דאָס איז דער לעצטער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער עפּאָכע. לויט מיין איבערצייגונג איז עס געווען איינע פון די געפֿערליכסטע אידייען פון דער העגעלשער פילאָזאָפיע, צו באַטראַכטען די מדינה אַלס דעם שפּיץ־באַרג פון מענשליכער קולטור. פעלקער שאַפֿען קולטור, נישט די מדינות. די מדינות פֿאַרווירקליכען בלויז דאָס, וואָס פעלקער גיבען זיי די מעגליכקייט צו פֿאַרווירקליכען. עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער באַגריף פון דער סואווערענער מדינה וואָס קאָן זיך אַלץ דערלויבען, וועט פֿאַר־שווינדען, בכדי עס זאָל געזיכערט ווערען דער שלום פון דער וועלט. פאַקטיש עקזיסטירען אויך איצט נישט קיין פולשטענדיג סואווערענע מדינות, הגם זיי זיינען נאָך פֿאַראַן פֿאָרמעל. איך האָב אַמאָל געזאָגט בן־גוריון׳ען, אַז עס זיינען פֿאַראַן נאָר צוויי מלוכה־מענער אין דער וועלט, וועלכע האַלטען זיך פֿאַר אַבסאָלוט סואווערען — ער און דע גאָל.

די אידען אין די תפוצות קאָנען גאָרנישט אַקצעפּטירען אַ באַזונדערע בירגער־רעכט אין ישראל, ווייל זייער לאָיאַליטעט מיט די מדינות, פון וועלכע זיי זיינען בירגער, וועט געשטעלט ווערען אין צווייפעל. און ווייל עס איז נישט פֿאַראַן קיין שום פּרעצעדענט פֿאַר דעם פּראָבלעם — די מינאָריטעט אין דעם אייגענעם לאַנד, די מאַיאָריטעט אין אויסלאַנד, און ביידע זענען סאָלידאַריש אַלס טיילן פון דעמזעלבן פֿאָלק — קאָנען מיר אין דער הינזיכט נישט לערנען פון די אַנדערע פעלקער. ווי אַזוי מען בויט

אַ מדינה און ווי מען שטעלט־אויף אַן אַרמיי, האָבן מיר געקאָנט לערנען פון אַנדערע פעלקער. אָבער אין דער לייזונג פון אונזער באַזונדערן אידי־שען פּראָבלעם מוזן מיר אַליין זיין שאַפעריש. און דאָס וועט נאָך דויערן אַ לאַנגע צייט. איך ווייס נישט, צי אונזער איצטיגער אידישער דור וועט לייזן די דאָזיגע פראַגע.

אַ ווייטערדיקע וויכטיגע פראַגע איז וועגן דער דאָפּעלטער לאָיאַלי־טעט, וואָס ווערט אָפט פאָרגעוואָרפן די ציוניסטען, און די אידען. איך געהער נישט צו די, וועלכע גלויבען, אַז מען לייזט פּראָבלעמען דורך דעם, וואָס מען פאַרמאַכט פאַר זיי די אויגען און מען וואַקעלט זיך, צי מען זאָל זיי נעמען אין באַטראַכט. פּראָבלעמען מוז מען קודם־כל אויספאָרשען, אויך ווען זיי זיינען נישט באַקוועם און נישט אָנגענעם, און מען דאַרף זיך מיט זיי באַשעפטיגען. דעמאָלט קאָן מען פּרוּווען צו געפינען אַ קאָנסטרוקטיווע לייזונג. דער פאַקט, אַז אַ איד, וועלכער לעבט אין אַמעריקע, אין דייטש־לאַנד אָדער אין וועלכען־עס־איז אַנדערען לאַנד, פילט זיך סאָלידאַריש מיט ישראל און מוז זיך אַזוי פילען, קאָן נאַטירליך פירען, צו סיטואַציעס, אין וועלכע אַנדערע בירגער פון די מדינות וועלען פרעגען: „וועלכע לאָיאַליטעט איז ביי אייך פריער: צו ישראל, אָדער צו אונז?" נישט תמיד איז עס אַזוי פשוט פאַר אַ אידען צו דערקלערען: איך בין אַ גוטער בירגער פון דער מדינה. אָבער איך בין אויך סאָלידאַריש מיט ישראל. אין דעמאָ־קראַטישע מדינות איז דאָס נאָך מעגליך, ווייל דאָרט איז פאַראַן אין אַ געווי־סער מאָס טאָלערענץ. אין די טאָטאַליטאַרע לענדער איז דאָס כמעט ווי אוממעגלעך, סיידען מען איז זעהר העראָאיש, מען ריזיקירט צו ווערען אַרעסטירט, אָדער צו פאַרלירען דעם אַרבעטס־פּאָסטען. אַזוי פאַרהאַלטען זיך אויף אַ וואונדערבאַרען אופן, אַ סך. מען קאָן דאָס אָבער נישט פאָדערן פון אַלע, אָדער פון דער מערהייט פון די אידען, וועלכע לעבען אין די טאָטאַליטאַרע לענדער. איך וואָלט אויך געקאָנט אָנווייזן אויף דרום־אַפריקע. ישראל געהערט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער, צו די שאַרפסטע געגנער פון דרום־אַפריקע'ס „אַפּאַרטהייד"־פּאָליטיק. די אידישע מינדערהייט אין דרום אַפריקע איז אָבער איינער פון אידישע ישובים אין דער וועלט, וואָס איז אַמשטאַרקסטען סאָלידאַריש מיט ישראל.

פאַר דעם דאָזיגען פּראָבלעם איז, באַטראַכטענדיג פון אַ ווייטערער צוקונפט, פאַראַן נאָר איין לייזונג: ישראל מוז ווערען נישט נאָר די מדינה

פון אירע בירגער, נאָר אויך דער גייסטיגער צענטער פון אַלע אידען אין דער וועלט. אין מאָדערנעם ציוניזם זיינען פון אָנהויב אָן געווען צוויי טענ־דענצן: די הערצל׳שע קאָנצעפּציע פון אַ מדינה, ווי אַלע מדינות, און די קאָנצעפּציע פון אחד העם, וועלכער האָט פאַרטראָטען דעם שטאַנדפּונקט, אַז מיר, אידען, נויטיגען זיך אין אַ גייסטיגען צענטער פון אידישען פאָלק, מער ווי אין אַ מדינה. ישראל מוז זיין ביידע. אָבער בכדי עס זאָל זיין מעגליך פאַר די אידען אין דער וועלט צו זיין סאָלידאַריש מיט ישראל, נישט אַלס בירגער פון דער אידישער מדינה נאָר רעליגיעז, קולטערעל, עקאָנאָמיש — מוז מדינת ישראל פּרואווען צו האַלטען זיך מחוץ פון די קאַמפען צווישען די גרויסמאַכטען אין דער וועלט.

איך האָב אַמאָל פאָרגעשלאָגען, אַז ישראל זאָל זיך באַמיען צו ווערען דאָס נייטראַלע לאַנד פון דער וועלט. מיין פאָרשלאַג איז דעמאָלס געווען צו־פרי און איז זעהר אַ סך שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרען. אויב די שווייץ אָדער עסטרייך קאָן פּרעטענדירען צו זיין נייטראַל, האָט ישראל אויף דעם אומפאַרגלייכליך פיל מער רעכט, ווייל נישט די מערהייט פון די עסטרייכער, און נישט די מערהייט פון די שווייצאַריער לעבען מחוץ פון זייערע מדינות. די דאָזיקע אידייע קלינגט אין אַ געוויסער מאָס אוטאָפּיש, אַזוי לאַנג ווי ישראל האָט נישט קיין שלום, און אַ טייל מלוכות שטיצען די אידישע מדינה, און אַנדערע מלוכות שטיצען די אַראַבער. אָבער ווען עס וועט זיין שלום — און איך געהער צו די אָפּטימיסטען און גלויב, אַז דער שלום וועט קומען אין דער נאָענטער צוקונפט — דאַרף ישראל אָנהויבען פירען אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל זי שטעלען מחוץ פון די קאַמפען פון די מלוכות אין דער וועלט פאַר מאַכט. עס דאַרף ווערען מעגליך פאַר יעדען אידען — צי ער לעבט אונטער אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג, אָדער אין אַ קאָמוניס־טיש לאַנד, אָדער אונטער אַ פאַשיסטישען רעזשים — צו זיין סאָלידאַריש מיט ישראל, בכדי צו פאַרזיכערען די צוקונפט פון דער אידישער מדינה און פון די אידען אין די תפוצות. אָבער עס דאַרף אויך זיין די פליכט פון נישט־אידען צו האָבען פאַרשטענדעניש פאַר דער סאָלידאַריטעט פון אידען אומעטום מיט ישראל ווען אפילו דאָס קאָן אָפּטמאָל אויסזען צו זיין אומגעוויינליך.

די נישט־אידישע וועלט האָט אין פאַרלויף פון טויזענטער יאָרען געמאַכט כמעט אוממעגליך די אידישע עקזיסטענץ. אַז עס איז קוים פאַראַן

נאָך אַזאַ פאָלק אין דער וועלט, וואָס איז שטענדיג אַזוי שטאַרק גע׳רודפ׳ט געוואָרען, ווי מיר אידען, דאַרף איך דאָ נישט אַ סך אויפקלערען. איך גלויב, אַז דאָס לעגט אַרויף אויף דער וועלט געוויסע פליכטען לגבי אונז, אידען. די פאַראייניגטע פעלקער האָבען פאַרשטאַנען די דאָזיגע פאַרפליכטונג, ווען זיי האָבען געגעבן דעם שטאַרקען ווידערשטאַנד פון די אַראַבער און זייערע פריינד געשטימט מיט אַ מערהייט פון איבער צוויי דריטעל — מיט די שטימען פון די דעמאָקראַטישע און קאָמוניסטישע לענדער — פאַר גרינדען די אידישע מדינה. דאָס איז אָבער נישט גענוג.

מדינת ישראל, אַזוי קליין ווי זי וועט בלייבען, אַרומגערינגעלט מיט אַ ים פון אַראַבישע לענדער, וועלכע ווען אין טאָג זיך אויך אויסלערנען ווי אַזוי צו האַנדלען מיליטעריש און באַנוצען זיך מיט „מיגס״ און פאַנטאָמס״ — וועט שטענדיג זיך געפינען אין אַ פּאָטענציעלער לאַגע פון געפאַר, אויך נאָכדעם, ווי עס וועט געשלאָסען ווערען שלום. די סיטואַציע פון דער אידישער מדינה איז גלייך צו דער לאַגע, וועלכע איז געווען, בעת אברהם אָבינו איז אַוועקגעגאַנגען, בכדי אויפצובויען זיין אייגענע עקזיסטענץ אינמיטען פון אַ פּאַליטעאיסטישער וועלט. דעריבער גלויב איך, אַז עס איז די פליכט פון די פעלקער פון דער וועלט, פון אַלע פעלקער, צו גאַראַנטירען ישראל׳ס עקזיסטענץ. די צייט דערפאַר איז — ווי איך האָב שוין געזאָגט — נאָך נישט געקומען, אַזוי לאַנג ווי עס איז נישטאָ קיין שלום. אין אַן אַרטיקעל אויף דער טעמע האָב איך פאָרגעשלאָגען, אַז אויך די אַראַבער זאָלען זיך אָנשליסען אָן דער גאַראַנטיע. איך האַלט, אַז פון אַ ווייטער צוקונפט געזען, איז דאָס נישט אַזוי שטאַרק אוממעגליך.

אַ פראַגע פון זיין אָדער נישט־זיין פאַר ישראל איז די מעגליכקייט פון אַן איינוואַנדערונג אין אַ גרויסען פאַרנעם. דאָס לייגט אַרויף אַ גרויסע לאַסט אויף דער מדינה, ווי עס באַווייזט די איצטיגע עליה פון די רוסישע אידען. אויך אין דעם פאַל איז נישט פאַראַן דערפאַר קיין אַנדערער ביישפיל אין דער וועלט, אַז אַ מדינה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען מיט זעקס הונדערט טויזענט בירגער, זאָל אין עפּעס מער פון צוואַנציג יאָר אויפנעמען פיר מאָל אַזויפיל ניי־געקומענע. איך דערמאָן זיך וועגען די אומגעהויער גרויסע פינאַנציעלע שוועריגקייטען אין דער צייט פון ערשטען גרויסען עליה־שטראָם. מיר האָבען דעמאָלט איינגעלאַדען דרייסיג פירענדע אַמעריקאַנער פינאַנסיטען צו אַ קאָנפערענץ, אויף וועלכער זיי האָבען

דערקלערט, אַז דאָס אויפנעמען אין אַזאַ קליינער מדינה הונדערטער טויזענטער נייע עולים איז אַ משוגעת און אַ זעלבסטמאָרד. איך האָב זיי געענטפערט אויף דעם פאָרוואורף, אַז אויב ישראל וואָלט געדאַרפט אויסקלייבען צווישען אַ פינאַנציעלען באַנקראָט און אַ גרויסער עליה פון איין זייט, און אַ מאָראַלישען באַנקראָט דורך אָפּזאָגען זיך אויפצונעמען די אידען, וועלכע ווילען קומען אין לאַנד, פון דער אַנדערער זייט — וואָלט די אידישע מדינה אָן שום וואקלענישען איינגעגאַנגען בעסער אויף אַ פינאַנציעלען באַנקראָט, איידער אויף אַ מאָראַלישען. איך שטעל זיך דעריבער די פראַגע: קאָן די וועלט העלפען ישראל? איך בין געווען דער פאָרטרעטער פון דער אידישער אַגענטור אין זשענעווע, ווען דער פעלקער־בונד האָט באַשלאָסען די גרויסע הלוואה פאַר לייזען דאָס פינאַנציעלע פּראָבלעם פון טערקיש־גריכישען באַפעלקערונגס־אויסטויש. האָט נישט די וועלט אויף זיך די פליכט צו טאָן פאַר די אידען, וועלכע זענען פאַר זיך אין ישראל די איינציגע לעבענס־מעגליכקייט נאָך אַלע פאַרפאָלגונגען — דאָסזעלבע, וואָס מען האָט געטאָן פאַר די גריכישע און טערקישע מינדערהייטען? איך האָף, אַז די דאָזיגע פראַגע וועט אַוועקגעשטעלט ווערען אויף דער טאָג־אָרדענונג פון די פעלקער פון דער וועלט, ווען עס וועט געשלאָסען ווערען שלום צווישען ישראל און די אַראַבישע מלוכות.

איך וויל פאַרענדיגען מיט אַ באַמערקונג וועגען דייטשלאַנד. עס איז קלאָר, אַז אין דעם קאַפּיטעל וועגען די באַציאונגען צווישען אידען און די פעלקער פון דער וועלט שפּילט, און מוז שפּילען, אַ באַזונדערע ראָלע די דייטשלאַנד נאָך דעם סוף פון דער נאַצי־עפּאָכע. ווי איר ווייסט, געהער איך נישט צו די, וועלכע גלויבען, אַז פאַר דעם פאַרברעכען, וואָס די דייטשען זענען באַגאַנגען, דאַרפען באַשולדיגט ווערען אַלע גענעראַציעס פון דייטשען פאָלק, און איך בין דערפאַר אָפּט קריטיקירט געוואָרען. אין מיין ערשטען געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט אַדענאַוער׳ן אין לאָנדאָן אין פאַרבינדונג מיט די פאַרהאַנדלונגען וועגען די אַנטשעדיגונגס־פאָדערונגען, האָט ער מיר געזאָגט: „איר ווילט דאָך נישט באַהויפּטען, ליבער הער דאָקטאָר, אַז מיר זיינען שולדיג פאַר דעם פאַרברעכען אין דער נאַצי־עפּאָכע?" אויף דעם האָב איך געענטפערט. שולדיג זענט איר נישט. איר אַליין זענט פיל מאָל אַרעסטירט געוואָרען. אָבער די מיטפאַראַנטוואָרטליכקייט טראָגט איר אויף זיך". אַ פאָלק קאָן נישט זאָגען, אַז דער אָדער יענער

טייל פון זיין געשיכטע גייט אים נישט אָן. אויך אידען אין מדינת ישראל זיינען אָפטמאָל געגוויגט, צו פאַרגעסען די תקופה פון גלות. איך האָב אַמאָל געשריבען אין אַן אַרטיקעל, אַז אַ פאָלק אָדער אַ יחיד קאָן נישט אַוועקוואַרפן אַ טייל פון זיין לעבען און אויסזוכען נאָר די ראָזשינקעס. פאַראַן אַ הערליך וואָרט פון ניטשע'ן וועגען „אַמאָר פאַטי". אַ פאָלק מוז ליב האָבען זיין שיקזאָל מיט זיין שאַנדע און מיט זיין גלאָריע, מיט זיינע גרויסע אויפטוען און מיט זיינע שענדליכע טאָטען. זיי זיינען אַלע איין איינהייט. יעדער דור טראָגט די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער טאָטאַליטעט פון זיין געשיכטע. דאָס גילט פאַר אַלע פעלקער, און אויך פאַר'ן היינטיגען דייטשלאַנד.

איך ווייס אפשר בעסער, ווי אַ טייל אין דעם זאַל, אַז דייטשלאַנד האָט געטאָן זעהר פיל בכדי — בכל אופן אין מאַטעריעלען זין — צו פאַר־ריכטען דאָס שרעקליכע אומרעכט. אַלע דייטשע רעגירונגען האָבען דאָס געטאָן, צום גליק איז עס איז נישט געווען קיין פאַרטיי־פראַגע. איך האָב די דאָזיגע מעשים שטענדיג אָנערקענט. דאָס האָט געקאָסט דייטשלאַנד אַ סך מער ווי מיר האָבען געגלויבט. דייטשלאַנד האָט אָבער קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז זי האָט נישט געטראַכט וועגען אַזעלכע סומעס. איך האָף, אַז איצט ביים שלוס־קאַפּיטעל פון די געזעצען וועגען די אַנטשעדיגונגען וועט דייטשלאַנד, ביים פאַרענדיגען, זיין פונקט אַזוי גרויסמוטיג, ווי זי איז געווען אין די פאַרגאַנגענע יאָרען, אונטער אַלע רעגירונגען. איך זע פאַר מיר איינעם פון די פאַראַנטוואָרטליכע דייטשע פּאָליטישע פירער, יוסטיץ־מיניסטער יאַן, וועלכער האָט — איצט אַלס מיניסטער און פריער אין דער אָפּאָזיציע — אונז געהאָלפען מער, ווי אַ סך אַנדערע. איך דריק אים אויס מיין דאַנקבאַרקייט און אָנערקענונג, און איך בין צופרידען, וואָס איך קאָן עס אים דאָ זאָגען.

אין צוגאָב צו דעם מאַטעריעלען אַספּעקט דאַרף דייטשלאַנד באַטראַכ־טען פאַר איר פליכט — אין די ראַמען פון די צוקונפטיגע אויסזיכטען פאַר פאַרמירען די באַציאונגען צווישען אידען און די פעלקער פון דער וועלט — נעמען אויף זיך אַ געוויסע איניציאַטיוו וועגען הילף און גאַראַנטיע פאַר ישראל, בכדי די אידישע עקזיסטענץ זאָל זיין געזיכערט. דאָס איז נישט קיין אָנגעלעגענהייט פאַר היינט און אויך נישט פאַר מאָרגען. אָבער היסטאָ־ריש געזען און פאַר אַ ווייטערער צוקונפט וואָלט עס געווען נאָך וויכטיגער,

ווי די אוממיטעלבארע זעהר גרויסע פינאנציעלע הילף, וואס דייטשלאנד האט אין די מערסטע פאלען געגעבען די קרבנות פון נאציזם.

אין דעם קאפיטעל „די אידען און די פעלקער פון דער וועלט" זיינען פאראן אומגעהויער פיל טראגעדיעס. אבער אויך געוויסע זעהר שיינע עפיזאדען. עס זיינען געוועזען צייטען, ווען די אידיש־קריסטליכע און די אידיש־מוסולמענישע קאאפעראציע זיינען געוועזען זעהר פרוכטבאר. דאס זיינען אבער,ליידער, געוועזען נאר אויסנאם־פאלן. די פעלקער פון דער וועלט וועלן האפענטלעך האבן געלערנט א לעקציע פון די דערפארונגען אין דער היטלערישער עפאכע, פון דער אומנארמאלקייט פון דער אידישער עקזיס־טענץ — א גלות אן א צענטער — און פון דעם אומקום פון מיליאנען אידישע לעבענס. מעגליך, אז דאס איז בלויז א גוטער וואונש פון מיין זייט. אבער מען קאן נישט זיין אקטיוו, אויב מען איז נישט אפטימיסטיש, און אויב מען גלויבט נישט, אז מען קאן פארווירקליכען אידעאלען. אפשר וועלען מיר דערגיין צו אזא ניי קאפיטעל אין די באציאונגען צווישען אידען און די פעלקער פון דער וועלט. דעמאלט וועט זיין מעגליך פאר די אידען אין ישראל און אין אנדערע לענדער צו מאכען ווייטער זייער גרויסע שאפערישע ביישטייערונג פאר דער קולטור און פאר דער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט.

מדינת ישראל און תפוצות ישראל

רעדע ביים קאָנגרעס פון וועלט־פאַרבאַנד פון פּראָגרעסיווען אידענטום, 1972.

דאָס פּראָבלעם פון די באַציאונגען צווישען מדינת ישראל און די תפוצות איז, לויט מיין באַשיידענער מיינונג די פראַגע נומער 1 פאַר׳ן קיום פון ישראל און אידישען פאָלק. אין די עטליכע צענדליג יאָר פון מיין געזעלשאַפטליכער אידישער טעטיגקייט, מער אויפ׳ן אויסער־ליכען פראָנט, ווי אויפ׳ן אינערליכען, האָב איך קיינמאָל אויף קיין איין רגע נישט געגלויבט, אַז פאַר וועלכען־עס־איז פאָלק — און זיכער נישט פאַר׳ן אידישען — זאָל דער אויסערליכער פראָנט זיין וויכטיגער פון אינערליכען. אַ פאָלק האַלט־אָן זיין קיום הויפּטזעכליך אַ דאַנק זיין אינערליכען כוח. און דער גרעסטער ביישפּיל איז אונזער אידישע געשיכטע. אויב מען זאָל אור־טיילען לויט די דרויסענדיגע געשעענישען — פאַרפאָלגונגען, דיסקרימי־נאַציעס, באַליידיגונגען, צעשפּרייטונג איבער דער וועלט — וואָלטען מיר שוין מיט הונדערטער יאָרען צוריק געדאַרפט פאַרשווינדען אַלס פאָלק. אָבער מיר זיינען געבליבען לעבען, נישט מיט אונזער פּאָליטישער אָדער מיליטערישער קראַפט, נאָר אַ דאַנק אונזער אינערליכען כוח.

איך האָב דאָס אַמאָל פאָרמולירט זאָגענדיג, אַז דאָס וואָס עס ווערט אָנגערופען אין דער קרימינעלער געזעצגעבונג: „פאַרברעכען פון דערמאָר־דען אַ פאָלק״, עקזיסטירט נישט פאַקטיש. שטענדיג ווען אַ פאָלק איז פאַר־שוואונדען פון דער געשיכטע פון דער מענשהייט — און הונדערטער פעל־קער זיינען פאַרשוואונדען — שטענדיג, ווען אַ פאָלק איז פאַרניכטעט געוואָרען דורך שונאים, וועט איר, אויב איר וועט אַריינקוקען טיפער אין די פאַקטען, זען, אַז דאָס פאַרשווינדען און דער אומקום זיינען געוואָרען

מעגליך, ווייל דאָס פאָלק האָט אויפגעגעבען די האָפענונג צו בלייבען לעבען; איז געוואָרען פאַרצווייפעלט איבער דעם איבערוועלטיגענדיגען כוח פון דעם שונא, און האָט געפילט, אַז עס איז נוצלאָז צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד. אָבער דעמאָלט איז עס אין אמת'ן נישט קיין מאָרד, נאָר אַ זעלבסטמאָרד. פעלקער קאָנען שטאַרבען נאָר דורך באַגיין זעלבסטמאָרד. און דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס איך באַטראַכט דאָס אינערליכע פּראָבלעם פאַר דעם דעצי־דירענדסטען פאַקטאָר פאַר דער צוקונפט און פאַר דעם קיום פון ישראל און פון די תפוצות.

איך ווייס ווי וויכטיג עס איז פאַר ישראל צו האָבען די הילף פון אַמעריקע. איך ווייס וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט פאַר ישראל צו ווערען אַנערקענט אין דער קאָמוניסטישער וועלט און קריגען איר שטיצע. און זיכער ווייס איך, ווי וויכטיג עס איז פאַר דער פאַרזיכערונג פון דעם קיום פון דער אידישער מדינה, אַז זי זאָל קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַראַבישע מלוכות און אָנהאַלטען מיט זיי גוט־שכנ'ישע באַציאונגען. אָבער קיין איינע פון די פּראָבלעמען האָט נישט, לויט מיין מיינונג, די אַנטשיי־דענדיגע באַדייטונג פאַר דער צוקונפט פון דער אידישער מדינה, ווי עס האָבען אירע באַציאונגען מיט די תפוצות, ישראל.

די אידישע מדינה וואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט געגרינדעט ווערען, פון אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, אָן דער הילף פון דער מערהייט פון אידי־שען פאָלק. די מדינה וואָלט אויך נישט געקאָנט עקזיסטירען אפילו צען יאָר עקאָנאָמיש אָדער פּאָליטיש אויב די תפוצות וואָלטען איין טאָג באַשלאָסען, אַז זיי זיינען נישט מער אינטערעסירט אין ישראל. איך ציטער ביי דעם געדאַנק, ווי אַזוי עס וואָלט, ביי דער גאַנצער פריינדשאַפט פון פּרעזידענט ניקסאָן אויסגעזען די פּאָליטיק פון די פאַראייניגטע שטאַטען לגבי דער אידישער מדינה, ווען אַלע אַמעריקאַנער אידען און זייערע פריינד זאָלען איין טאָג דערקלערען: „מיר זיינען שוין מער נישט אינטערעסירט אין ישראל".

אָבער אָפּגעזען פון דעם פּראַקטישען אַספּעקט, איז די באַציאונג צווישען די צוויי טיילען פון אידישען פאָלק דעצידירענדיג פאַר ביידע, כל זמן די מערהייט פון אידישען פאָלק לעבט אין חוץ לארץ. ווי איך האָב גע־זאָגט, וואָלט ישראל לויט מיין מיינונג, נישט געקאָנט בלייבען עקזיסטירען אָן די תפוצות. און נאָך ווייניגער גלויב איך, אַז די תפוצות וואָלטען געקאָנט

אויסהאַלטן אַ לאַנגע צייט אָן ישראל, באַזונדערס איצט, נאָכדעם, ווי די גרויסע פעסטונגען פון אידישן קיום אין צענטראַל־און מזרח־אייראָפּע זיינען חרוב־געוואָרען אין דער נאַצי־עפּאָכע. בעת דעם ערשטען אויסברוך פון ענטוזיאַזם תיכף נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה, האָבען אַ סך ישראלים, באַזונדערס פון דעם אינגערן דור, געמיינט, אַז זיי נויטיגען זיך נישט מער אין די תפוצות. עס איז טאָקע געווען נוצליך צו קריגען אַ ביסעל געלד פון וועלט־אידענטום און פון צייט צו צייט אויך פּאָליטישע שטיצע, אָבער פונדאַמענטאַל — האָבען זיי געמיינט — וועלען זיי קאָנען אויסקומען אַליין.

דאָס אַלץ האָט זיך געענדערט. מיט עטליכע יאָר צוריק — איך מיין, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט פאַר'ן זעקס־טאָגיגען קריג — בין איך איינגעלאַדען געוואָרען צו אַ שלוס־לעקציע פון אַ קורס וועגען די תפוצות און מדינת ישראל אין ישראל'ס מיליטערישער אַקאַדעמיע. דריי גראַדואַנטען האָבען צוגעגרייט געשריבענע רעפעראַטען אויף דער טעמע: „וואָס וואָלט געווען לייכטער — פאַר מדינת ישראל צו עקזיסטירען אָן די תפוצות, אָדער פאַר די תפוצות צו בלייבען לעבען אָן דער אידישער מדינה?“ איך בין געווען איבערראַשט, ווען אַלע דריי האָבען אויסגעפירט, אַז ישראל וואָלט נישט געקאָנט בלייבען לעבען אָן די תפוצות „בעת די תפוצות וואָלטען געקאָנט עקזיסטירען אָן דער אידישער מדינה“. צען יאָר פריער וואָלט מען זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז יונגע אָפיצירען אָדער דיפּלאָמאַטען אין ישראל זאָלען פאַרנעמען אַזאַ שטעלונג.

דאָס פּראָבלעם „ישראל און די תפוצות“ — האָט נישט קיין פּאַראַלעל און נישט קיין ביישפּיל. ס'איז נישט פאַראַן אַן ענליכער פאַל ביי אַ פאָלק, וועמענס מינדערהייט, אַרום 18 פּראָצענט היינט־צו־טאָג, לעבט אין זיין אייגענער מדינה אָן אַזוי־גערופען נאָרמאַל לעבען — מיט זיין אייגענער שפּראַך, אייגענעם לאַנד, אייגענעם מיניסטאָרען־קאַבינעט, פּאַרלאַמענט, אייגענע קריזיסען און אַלע אַנדערע אייגענשאַפטען פון אַ מדינה — בעת מער פון 80 פּראָצענט פון פאָלק לעבט אין חוץ לארץ. איך האָב לעצטענס אָנגעהויבען שטודירען די געשיכטע פון אַרמענישען פאָלק, דאָס איינציגע פאָלק, וואָס האָט אַ געוויסע ענליכקייט מיט אונז. זיי האָבען אויך זייער אייגענע מדינה און זייער גלות, אָבער מיט דעם אונטערשייד, אַז די פּראָפּאָרץ איז אַ גאַנץ אַנדערע. אין זייער מדינה וואוינען 40 פּראָצענט אַרמענער, און אין אויסלאַנד — 60 פּראָצענט; הגם אויך זיי האָבען די קאָמבינאַציע

פון רעליגיע און פאָלק, אַזוי ווי מיר.

טיילען פון אַ סך אַנדערע פעלקער אין דער וועלט זיינען צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע לענדער. דאָס דייטשע פאָלק האָט מיליאָנען „אויס־לאַנדס־דויטשע", און אַזוי אויך די איטאַליענער און אירלענדער. אָבער אויב נאָך איין דור אָדער צוויי זאָלען אַלע דייטשען אין די פאַראייניגטע שטאַטען, אין קאַנאַדע, אין דרום־אַמעריקע פאַרגעסען, אַז זיי זיינען פון דייטשער אָפּשטאַמונג, — וועלן מערב־דייטשלאַנד, אָדער די דייטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק מעגליך ליידען דערפון, וואָס עס וועט זיי פעלען אַ ביסעל פּאָלי־טישע שטיצע, אָבער זיי וועלען נישט זיין אין דער געפאַר פון אונטערגאַנג. אויב אַלע איטאַליענער אין צפון־און אין דרום־אַמעריקע זאָלען פאַרגעסען, אַז זיי זיינען געקומען פון איטאַליע, וועט די איטאַליענישע רעפּובליק נישט זיין באַדראָט אין איר עקזיסטענץ. אָבער אויב די תפוצות ישראל זאָלען חס וחלילה באַשליסען זיך אָפּצוטיילען פון דער אידישער מדינה, וואָלט עס באַדייט דער סוף פון די תפוצות און דער סוף פון מדינת ישראל.

דאָס אידישע פאָלק דאַרף אַקצעפּטירען די תפוצות, ווי איינעם פון די גרויסע עיקר'דיקע און כאַראַקטעריסטישע טיילען פון אידישען קיום אין משך פון פיל יאָרהונדערטער. אַ זעהר גרויסער טייל דערפון, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט בייגעשטייערט צו דער וועלט־געשיכטע און וועלט־ציוויליזאַציע, איז געטאָן געוואָרען אין די תפוצות. איך ווייס, וואָס עס באַדייטען דער תנ"ך און דער תלמוד, אָבער מיר דאַרפען נישט פאַרגעסען די גרויסע באַדייטונג פון רמב"ם — און רעדענדיג וועגען אונזערע צייטען — פון די איישטייערונגען, וואָס עס האָבען געמאַכט צו דער וועלט־געשיכטע אַזעלכע פּערזענליכקייטען ווי מאַרקס, איינשטיין און פרויד, און וואָס וואָלט אפשר נישט געווען מעגליך ווען עס וואָלטען נישט עקזיס־טירט די תפוצות ישראל.

איך מיין, אַז דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פון קאָלעקטיווען אידישען כאַראַקטער איז די אַנטשלאָסענקייט צו בלייבען לעבען. אידען זיינען געגאַנגען צום טויט — אין דער אינקוויזיציע, אין דער נאַצי־עפּאָכע, אָבער מאָראַליש, גייסטיג, רעליגיעז איז דאָס אויסהאַלטען און בלייבען לעבען געווען אַ געבאָט, אַלס אַ מיטעל פאַר פאַרווירקליכען די אידישע אידעאַלען אויף דער וועלט, אין דער רעאַליטעט, און נישט אין אַן אַנדערער וועלט. דאָס איז דער תמצית און דער תוך פון אידישקייט. אויב אידען וואָלטען

קיינמאָל נישט אַוועק אין גלות, וואָלט נישט געווען קיין אידיש פּאָלק אין דער וועלט, היינט־צו־טאָג. אויב די אידען וואָלטען פאַרבליבען אין פּאַלעס־טינע נאָכדעם, ווי דער גאַנצער מיטעלער מזרח איז צוזאַמענגעבראָכען געוואָרען, און ווען די אידישע מדינה איז צעשטערט געוואָרען דורך די רוימער — אויב אין יענער צייט וואָלט שוין נישט געווען קיין גרויסער אידישער גלות — מיט מער אידען אין חוץ לארץ, ווי עס זענען געווען אין דער אידישער מדינה — צווייפעל איך, צי עס וואָלט היינט געווען אַ אידיש פּאָלק.

איך ווייס נישט וויפיל פון אייך זיינען אַמאָל געווען אין דעם איינציג־אַרטיגען דאָרף פקיעין, דער איינציגער פּלאַץ וואו אידען זיינען, לויט די היסטאָריקער, פאַרבליבען אין ארץ ישראל אין משך פון אַלע יאָרהונדער־טער. וואָס עס איז פאַרבליבען פון דעם אַמאָליקען אידישען ישוב אין דעם דאָרף איז בלויז איין משפחה, וועלכע איז פולשטענדיג אַראַביזירט. ווי אַלע ביישפּילען, איז דאָס נישט אַבסאָלוט פּינקטליך, אָבער עס קאָן זיין אַן אילוסטראַציע דערפון, וואָס עס וואָלט געקאָנט געשען מיט׳ן אידישען פּאָלק, ווען עס וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, און וואָלט פאַרבליבען דאָרט, אָן אַ מעגליכקייט אויף אַן אומאָפּהענגיקער עקזיסטענץ אַלס אַ פּאָלק.

אין מיין זכרון שווימט־אויף אַ דערינערונג פון אַ דערפאַרונג, וואָס איך האָב געהאַט ווען איך האָב שטודירט אין בערלין, אַ לאַנגע צייט איידער די נאַציס זיינען געקומען צו דער מאַכט. איך האָב גענומען קורסען ביי איינעם פון די גרעסטע דייטשע און אייראָפּעאישע היסטאָריקער, עדואַרד מייער, אַ פּראָפעסאָר פון אייראָפּעאישער אַלטערטימליכער געשיכטע. ער איז געווען אַ גרויסער מענש, אָבער אויך אַ היפּשער אַנטיסעמיט, נישט אין דעם וואולגאַרען זין נאָר אויף אַ העכערער גייסטיגער מדרגה. איינמאָל האָט ער אין אַ סעמינאַר געמאַכט אַ פאַרוואורף אידען, אַז זיי זיינען אַ פּאָלק, וואָס האָט נישט קיין געפיל פאַר ווירדע. אין זיין דייטשען סטיל האָט ער געזאָגט: „זי זינט ניכט קאַוואַלירע, ניכט ריטערליך״. אַן אַריסטאָקראַטיש פּאָלק — האָט ער זיך אויסגעדריקט — בלייבט אין זיין לאַנד. אויב דאָס לאַנד ווערט חרוב, גייט דאָס פּאָלק אונטער צוזאַמען מיט אים, אָבער די אידען זיינען אַנטלאָפען. זיי זיינען „בערזיאַנער״ בערזע־מענשען, האָט ער

געזאָגט. זיי לויפן אַוועק אין יעדן אָרט, וואו עס שטייט־אויף אַ ניי לאַנד, אַ נייער צענטער. זייער הויפּט־ציל איז צו בלייבן לעבן.

איך האָב דעמאָלט אַרגומענטירט געגען אים און האָב אים געזאָגט, פאַרוואָס עס איז אַזוי. דאָס איז נישט בלויז דערפאַר, ווייל אידען ווילן בלייבן לעבן, האָב איך דערקלערט. דאָס איז צוליב דעם ווייל אידען גלויבן, אַז די נבואה פון אונזערע נביאים וועגן שלום, צדק און יושר, וועט מקויים ווערן אויף דער וועלט. פאַר אידען וועט משיח קומען אויף דער ערד. און דערפאַר פילן אידען, אַז זיי האָבן אַ מאָראַלישע פליכט צו בלייבן לעבן און פאַרווירקליכן די אידעאַלן, וואָס זיינען דער זין און די באַרעכטיגונג פון אונזער געשיכטע און פון אונזער קיום. איך זאָג נישט, אַז פּראָפעסאָר מייער האָט איינגעשטימט מיט מיין אַרגומענט, אָבער ער האָט געענדערט דעם טאָן און געענטפערט: „עס קאָן זיין עפּעס אין דעם, וואָס איר זאָגט, הער גאָלדמאַן".

מיין אויספיר איז דעריבער, אַז דאָס וואָס מען קאָן אָנרופן די באַר־מאָלקייט פון אידישען לעבן, באַשטייט פון ישראל און פון די תפוצות, פון דעם צענטער און פון דער פּעריפעריע. וואָס עס איז אומבאַרמאָל היינט־צו־טאָג איז די אַבסאָלוט, אומדערטרעגליכע פּראָפּאָרץ צווישען מדינת ישראל — וואו עס לעבן 18 פּראָצענט פון אידישען פאָלק — און די תפוצות, אין וועלכע 82 פּראָצענט זיינען צעזייט און צעשפּרייט. דאָס דאַרף ראַדיקאַל גע־ענדערט ווערן. איך מיין נישט, אַז עס זיינען פאַראַן געזעצן וועגן דעם, ווי אַזוי די פּראָפּאָרץ דאַרף אויסזען, און איך ווייס נישט, צי אַ מערהייט וועט לעבן אין ישראל — איך וואָלט געוואָלט, אַז עס זאָל אַזוי זיין — מיט אַ שטאַרקער מינדערהייט אין די תפוצות. די דאָזיקע עוואָלוציע וועט זיין אָפּהענגיק פון דער וועלט־לאַגע און פון פיל אַנדערע פאַקטאָרן. אָבער אַזוי לאַנג, ווי די נומערישע פּראָפּאָרץ איז נישט קיין בעסערע, איז נישט פאַראַן קיין מאָטיוו, אפילו פון פּראַקטישען שטאַנדפּונקט, אָפּגערעדט שוין פון היסטאָרישען, צו פאַרלייקענען די תפוצות אין אַ ראַדיקאַלן זין.

אויב מיר נעמען־אָן דעם המשך פון אַ שטאַרקער אידישער מדינה און פון שטאַרקע תפוצות ישראל, שטעלט זיך די פראַגע, אויף וואָס פאַר אַ באַזע עס זאָלן רעגולירט ווערן די באַציאונגען. איידער איך גיי אַריבער צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם, וויל איך דערמאָנען איין זאַך. אידען האָבן אַ טענדענץ אָפּצושטופּן נישט־אָנגענעמע פּראָבלעמען. מיר זיינען געבוי־

רענע אָפּטימיסטען, וועלכע דער אַנטיסעמיטישער גרויסער פילאָזאָף פון פּעסימיזם, שאָפּענהאַוער, האָט גערופן „דער פערוכטע אידישע אָפּטימיזמוס" — דער פאַרשאָלטענער אידישער אָפּטימיזם. און אַ דאַנק דעם דאָזיגען אָפּטימיזם זיינען מיר געבליבען לעבען. אָבער איך האָב אָפט געזאָגט, אַז אַ מענש און אַ פאָלק באַצאָלען נישט בלויז פאַר זייערע חסרונות, זיי צאָלען אויך פאַר זייערע מעלות און צייטענווייז באַצאָלט מען פאַר מעלות מער, ווי פאַר חסרונות. און דער אידישער אָפּטימיזם האָט אַ זעהר נעגאַטיווע אַנדערע זייט פון דער מטבע — די טענדענץ צו באַציען זיך צו־לייכט צו סכנות.

דער שווערסטער און טראַגישסטער ביישפּיל איז געווען אין דער היטלער־עפּאָכע. איך בין איבערצייגט, אַז הונדערטער טויזענטער, — אויב נישט מיליאָנען — אידען וואָלטען געקאָנט געראַטעוועט ווערען, אויב אונזער דור וואָלט זיך נישט באַצויגען צו דער היטלער־געפאַר אַזוי לייכט אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרען, נאָך וועלכע עס איז שוין געווען צו־שפּעט. אויף דעמזעלבן אופן ענטפערן מיר אַ סך אין ישראל, ווען איך דיסקוטיר דעם איצטיגען צושטאַנד. „וואָס זאָרגט איר אַזוי פיל ? די לאַגע איז זעהר אַ גוטע" — זאָגען זיי מיר — „די תפוצות ווערען מער און מער פּראָ־ישראל, באַזונדערס זינט דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. נישט בלויז האָבען זיי פאַרגרעסערט אויף צוויי מאָל אַזוי פיל אָדער דריי מאָל אזוי פיל זייערעביישטייערונגען, נאָר זיי פילען אויך אַ טיפערע סאָלידאַריטעט מיט ישראל". מיין ענטפער אויף דעם איז, אַז קיינער דאַרף נישט אָננעמען, אַז עס וועט שוין בלייבען אַזוי ביי דער איצטיגער לאַגע.

קודם־כל קאָנען מיר נישט האָבען יעדע עטליכע יאָר אַן אַנדערע מלחמה, בכדי אַריינצוברענגען דאָס אידישע פאָלק אין אַ געשפּאַנטען צו־שטאַנד. צווייטענס איז אונזער איצטיגער אידישען דור אַבסאָלוט נישט קיין כאַראַקטעריסטישער. מיר זיינען אַ דור, וואָס האָט דורכגעמאַכט צוויי טראַומאַטישע דערפאַרונגען: די ערשטע — אין דעם חורבן, ווען מיליאָנען פון אונז זיינען געזעסען און האָבען זיך צוגעקוקט ווי אַ דריטעל פון אונזער פאָלק ווערט אויסגע׳הרג׳עט — צווישען זיי פריינד, ברידער, שוועסטער, עלטערן — און מיר האָבען נישט געקאָנט זיי ראַטעווען. און די צווייטע דער־פאַרונג אונזערע איז געווען דאָס גרויסע היסטאָרישע געשעעניש פון דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה וואָס, לאָמיר זיין ערליך — 95 פּראָצענט

אידען פריער, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָלטען נישט געגלויבט, אַז דאָס וועט געשען.

די דאָזיגע צוויי טראַומאַטישע געשעענישען, וועלכע האָבען באַשטימט עם גאַנצען כאַראַקטער פון אונזער דור, וועלען זיך מער נישט איבער־חזר׳ן. און דאָס מיינט, אַז דער יונגער דור, וועלכע האָט נישט דורכגעמאַכט די צוויי דערפאַרונגען, פאַרמאָגט נישט מער דיזעלבע עמאָציאָנעלע קוואַלען פון אידישען פאַטריאָטיזם, לאָיאַליטעט, סאָלידאַריטעט ווי היינט־צו־טאָג. איך זע דאָס אין מיינע זין. זיי זיינען גוטע אידען, זיי זיינען זעהר צופרידען, וואָס עס איז דאָ די אידישע מדינה. זיי באַגעגענען אידישע אַמבאַסאַדאָרען, זיי זעען מיניסטאָרען. דאָס איז גאַנץ נאָרמאַל פאַר זיי. נישט פאַראַן פאַר זיי, פון וואָס נתפעל צו ווערען. און ווען איר רעדט מיט זיי וועגען דעם חורבן פון אייראָפּעאישען אידענטום ווייסען זיי, וואָס דאָס מיינט. אָבער עס איז גאָר עפּעס אַנדערש צו וויסען וועגען אַ טראַגעדיע פון ביכער, אָדער פון דעם, וואָס די עלטערן דערציילען איך, ווי פון אַליין האָבען איבערגעלעבט די קאַטאַסטראָפע.

דערפאַר זאָג איך צו די ישראלים, אַז זיי זאָלען זיך נישט פאַרלאָזען אויף דעם, וואָס עס געשעט היינט־צו־טאָג. דער יונגער דור מיט דער צוציאונגס־קראַפט פון אַסימילאַציע, מיט זייער טענדענץ פאַר אַנדערע אידעאַלען — מיט אַט דעם יונגען דור קאָן מען לגמרי נישט זיין אַזוי זיכער. און אין צען־צוואַנציג יאָר אַרום קאָן די באַציאונג צווישען די תפוצות און ישראל נישט זיין דיזעלבע.

דעריבער מוזען מיר געפינען אַ וועג, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען דאָס דאָזיגע גרויסע דעליקאַטע און שווערע פּראָבלעם. און איך וויל אָנצייכענען בלויז עטליכע גרונט־פּרינציפּען פון אַ לייזונג. קודם־כל דאַרפען די תפוצות אָנערקענען ישראל אַלס אַ סואָווערענע מדינה, און ישראל דאַרף אָנערקענען די תפוצות אַלס אַן אויטאָנאָמער און לעגיטימער טייל פון אידישען לעבען. דאָס מיינט, פּראַקטיש, אַז די תפוצות קאָנען נישט פאָדערען צו האָבען אַ דעצידירענדע שטים אין דער פאָרמולירונג פון דער ישראל־פּאָליטיק, סיי פון דער אינערליכער און סיי פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק. אָבער פון דער אַנדערער זייט, דאַרף ישראל נישט וועלען דאָמינירען אָדער באַשטימען די פּאָליטישע האַנדלונגען פון די אידישע ישובים אין פאַרשיידענע לענדער — פון אידישען פאָלק, אַלס אַ כלל, און פון די באַזונדערע אידישע וועלט־

אָרגאַניזאַציעס. אויב איר רעדט וועגן דעם טעאָרעטיש, וועט יעדער איינער מסכים זיין. אָבער ווען עס קומט צו דער פּראַקטיק אין אידישען לעבען, איז דאָס נישט אַזוי פּשוט. און איך וויל זאָגען וועגן דעם אַ פּאָר ווערטער אָפען און אויפריכטיג, אָן כוונות צו קריטיקירען, און מיט אַ סך גוטען ווילען און איינזען.

פאַראַן צייטענווייז אַ טענדענץ אין ישראל אַריינצומישען זיך צופיל אין די טאָג־טעגליכע פּראָבלעמען פון לעבען אין די תפוצות. הגם איך האַלט, אַז דאָס איז געפערליך, מאַך איך נישט קיין פאָרוואורף דערפאַר דער אידי־שער מדינה צוליב צוויי טעמים. דער פּראַקטישער טעם איז, אַז כל זמן ישראל איז באַדראָט דורך מלחמה און צעשטערונג, איז עס בלויז נאַטיר־ליך, — באַזונדערס ווען ישראל ווייס, אַז די הילף פון וועלט־אידענטום איז אַזוי וויכטיג פאַר איר, בכדי צו דערגרייכען שלום, וויכטיג פינאַנציעל, מאָראַליש און אפילו פּאָליטיש — אַז די אידישע מדינה זאָל פּרוּווען אַריינצומישען זיך אין אַלעם, וואָס קאָן, לויט איר מיינונג, ברענגען שאָדען ישראל׳ס אינטערעסען.

אויב די ישראלים זיינען געגען דעם, אַז אַמעריקאַנער אידען זאָלען זיך אַנטקעגענשטעלען פּרעזידענט ניקסאָנ׳ען איבער וויעטנאַם, ווייל ניקסאָן באַציט זיך אַזוי גוט צו דער אידישער מדינה, איז עס נישט באַרעכטיגט, אָבער איך קאָן דאָס פאַרשטיין. פון דער אַנדערער זייט, פילען אַ סך אַמעריקאַנער אידען, אַז עס איז זייער מאָראַלישע פליכט צו זיין געגען דער וויעטנאַמער מלחמה — אַלס אידען און אַלס אַמעריקאַנער — און ישראל קאָן נישט פאַרלאַנגען פון זיי, אַז זיי זאָלען האַנדלען געגען זייער געוויסען, פאַר דער טובה פון ישראל. דאָס באַווייזט איך איינע פון די גרויסע סתירות, פּאַראַדאָקסען און שוועריגקייטען אין אידישען לעבען. איך נעם נישט אָן קיין שטעלונג צו דעם. עס איז נישט מיין ענין צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם וועגן דער וויעטנאַמער מלחמה, אָבער איך ברענג דאָס בלויז אַלס אַ ביישפּיל. הגם איך פּערזענליך גלויב, אַז יעדער אידישער ישוב, און יעדער איד, האָט דאָס אַבסאָלוטע רעכט צו האַנדלען לויט זיין איבערצייגונג, ווען אפילו עס קאָן זיך אויסווייזען פאַר געוויסע ישראל־פירער, אַז דאָס וועט ברענגען שאָדען. אגב, מיין איך, אַז דער שאָדער איז אַ סך קלענער, ווי מען פּרוּווט דאָס שילדערען און אָפּשאַצען.

פאַראַן נאָך אָן אַנדערער טעם, וועלכען מיר דאַרפען פאַרשטיין. צוויי

טויזענט יאָר זיינען מיר געווען אַ פאָלק אָן מאַכט. און מיטאַמאָל איז אויפֿ־געשטאַנען אַ אידישע מלוכה, מיט פּאָליציי, מיט אַן אַרמיי, מיט אַמבאַסאַ־דאָרען, מיט קאָנסולען, מיט עקסצעלענצען, וואָס זיינען אַנערקענט געוואָרען דורך אַנדערע פעלקער. און מאַכט. — ווי איר ווייסט פון לאָרד אַקטאָנ׳ס באַרימטען זאָג — קאָרופּירט בדרך כלל. אָבער פאַר אַ פאָלק, וואָס איז אין משך פון צוויי טויזענט יאָר געווען מאַכטלאָז, גע׳רודפ׳ט, דיסקרימינירט, און וואָס באַקומט מיטאַמאָל די מאַכט פון אַ מדינה — איז עס זעהר שווער זיך צוצופּאַסען צו דער נייער פּאָזיציע אָן דעם, אַז ער זאָל איבערכאַפּען די מאָס.

אַזוי געשעעט עס אָפט, אַז מיר באַשולדיגען די פירער פון ישראל פאַר זאַכען, וואָס עס טוען קלענערע באַאַמטע. דאָסזעלבע געשעעט אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט. צי טוען אַלע אַמעריקאַנער קאָנסולען געגנוי, וואָס ניקסאָן אָדער מר. ראָדזשערס ווילען, אַז זיי זאָלען טאָן? מיר דאַרפען זיין גרייט צו פאַרשטיין דאָס פּראָבלעם. און די פירער פון ביידע טיילען — פון מדינת ישראל און פון די תפוצות — דאַרפען זען ווי דעליקאַט דער דאָזיגער ענין איז, ווי לייכט עס קאָן קומען דערצו, אַז איינער זאָל זיך פילען געטראָפען פון אַנדערען. און זיי דאַרפען זען, אַז די וועלכע האַנדלען איינער מיט׳ן אַנדערן אין געמיינזאַמע פּראָבלעמען, זאָלען זיין אַזוי פאַרזיכטיג און אַזוי טאַקטיש, ווי עס איז באַר מעגליך. דאָס וועט נישט לייזען די פראַגע פונדאַמענטאַל, אָבער לכל הפחות וועט דערמיט רעגולירט ווערען די אַקטועלע לאַגע דורך דעם, וואָס מען וועט זיך באַמיען צו פאַרהיטען פון טעותים.

אָבער פאַר דער צוקונפט ווילען מיר דאַרפען געפינען אַ פּערמאַנענטע ראַם פאַר די באַציאונגען צווישען ישראל און די תפוצות.

איך טראַכט וועגען אַן אופן, אויף וועלכען פאַרשטייער פון מדינת ישראל און אַ רעפּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפט פון וועלט־אידענטום — צי דאָס זאָל זיין דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, אָדער אַן אַנדערע אָרגאַ־ניזאַציע — זאָלען זיך צונויפקומען רעגולער און זיך באַראַטען צוזאַמען וועגען זייער פּאָליטיק און וועגען זייערע טעטיגקייטען, דיסקוטירען צוזאַמען אַן וועלכען־עס־איז רעכט אַנצונעמען באַשלוסען. מיר דאַרפען פאַרשטיין, אַז אַלץ, וואָס ישראל טוט, ווירט־אָן די אידישע ישובים איבער דער וועלט. אויב ישראל באַקעמפט „אַפּאַרטהייד״, האָבען די דרום־אַפריקאַנער אידען

אַ פּראָבלעם — הגם די בורען האָבען צום גליק נישט געצויגען דערפון קיין קאָנסעקווענצען, נישט געקוקט אויף געוויסע קריטישע מאָמענטען. וואָס ישראל זאָל נישט טאָן, רופט זיך עס אָפּ אויפ׳ן סאָוועטישען אידענטום, באַזונדערס בנוגע די אידען, וועלכע ווערען באַטראַכט דורך די סאָוועטען, אַז אַזעלכע אידען זיינען מער לאָיאַל צו ישראל, ווי זיי זיינען לאָיאַל צו סאָוועט־רוסלאַנד.

צוליב דעם באַריר איך, אגב אורחא, די אידייע וועגען אַ נייטראַליזירטער מדינת ישראל. ס׳איז קלאָר, אַז אַזוי לאַנג ווי עס איז מלחמה, מוז ישראל נאָכפאָלגען און שטיצען די וועלכע העלפען איר — קעגענאיבער די, וועלכע העלפען די אַראַבער. אָבער ווען עס וועט זיין שלום, דאַרף ישראל נישט האָבען די אַמביציע צו זיין אַ גרויסער פאַקטאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער מאַכט־פּאָליטיק. אויב ישראל זאָגט איר מיינונג וועגען דעם, ווי אַזוי צו פאַרענדיגען די וויעטנאַמער מלחמה, האָט עס נישט קיין גרויסע באַדייטונג — נישט פאַר אַמעריקע, נישט פאַר האַנאָי און נישט פאַר ישראל. עס איז אַן אַמביציע, וואָס האָט נישט קיין ממשות. ישראל דאַרף זיך באַמיען צו באַאיינפלוסען די וועלט מיט אירע קולטורעלע דערגרייכונגען און שאַפונגען און דאַרף באַגרעניצען איר אריינמישען זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק ביז דעם מינימום, וואָס עס פאָדערט דער קיום פון דער מדינה.

איך פערזענליך בין געווען געגען דעם, אַז ישראל זאָל זיך אָנשליסען אַן דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער, ווייל אויב די שווייץ האָט זיך נישט אָנגעשלאָסען — און האָט געהאַנדעלט ריכטיג — האָבען מיר הונדערט מאָל מער אַ מאָטיוו צו זיין נייטראַל, מחמת מיר זיינען אַ פאָלק, וועמענס מערהייט לעבט אין מער פון זעכציג לענדער פון דער וועלט. דאָס איז ניט דער פאַל מיט שווייצאַריער. מיר האָבן אַ סך מער מאָראַלישע רעכט, ווי די שווייץ, צו זיין דאָס נייטראַלע פאָלק פון דער וועלט, וויבאַלד דער קיום פון אונזער מדינה וועט זיין פאַרזיכערט, און עס וועט זיין שלום און אַ נאָרמאַלע אויסערליכע לאַגע. און איך בין נישט אַזוי זיכער צי ישראל האָט געהאַט אַזויפיל סאַטיספאַקציע פון זיין אַ מיטגליד פון די „יונייטעד ניישאָנס״ אין די פאַרגאַנגענע עטליכע יאָר, הגם עס וואָלט זיכער געווען אַ סך שווערער אַרויסצוגיין פון דער יו־ען, ווי לכתחילה נישט אָנצושליסען זיך.

די ראָם פאַר דער געגענזייטיגער באַציאונג צווישען ישראל און די תפוצות, וואָס מיר מוזען געפינען, וועט נישט אָנרירען די סואווערעניטעט פון ישראל און וועט אויך דאַרפען רעספּעקטירען די לאָיאַליטעט פון די אידען, אַלס בירגער פון זייערע לענדער. ווייל אַנדערש קאָנען מענשען זאָגען: „איר זענט אויף אַ העלפט בירגער פון ישראל. דאָס איז דאָפּעלטע לאָיאַליטעט". אַזאַ באַשולדיגונג איז זעהר אַן ערנסטע און מיר קאָנען נישט זיך סתם אָפּטרייסלען פון איר זאָגענדיג, אַז דאָס איז אַ דערפינדונג פון דעם „קאָונסיל פאַר דזשודאאיזם" אין אַמעריקע, ווי דאָס טוען געוויסע ציוניסטען. דאָס איז זעהר אַן ערנסט פּראָבלעם, ווייל מיר זיינען אַן אייגענ־אַרטיג פאָלק, וואָס דאַרף לעבען אין סאָלידאַריטעט מיט ישראל און זיין גלייכצייטיג לאָיאַלע בירגער פון מלוכות, וועלכע קאָנען האָבען אינטערעסען, וואָס זענען געגען ישראל.

לאָמיך זיך צוריקקערען צום אָנהויב. איך האַלט, אַז סיי ישראל און סיי די תפוצות זיינען לעגיטימע טיילען פון אידישען פאָלק: ישראל אַלס צענטער פון אידישער לעבען, אָבער אויך די פּעריפעריע, וואָס איז פּונקט אַזוי וויכטיג. דער הויפּט־ציל פוןביידע טיילען, וואָס זיינען פאַראייניגט אַלס איין פאָלק, איז צו פאַרזיכערען נישט בלויז דעם קיום פון מדינת ישראל, נאָר אויך די אייגענאַרטיגקייט פון אידישען פאָלק. די דאָזיגע אייגענאַרטיגקייט איז די גרעסטע כאַראַקטעריסטיק פון אונזער פאָלק. איך זאָג דאָס נישט מיט שטאָלץ — מיר האָבען באַצאָלט דערפאַר אומ־געהויער טייער. מיר האָבען באַצאָלט מיט הונדערטער יאָרען פאַרפאָלגונגען און מיט מיליאָנען אומגעבראַכטע אידען, נישט נאָר אין דער נאַצי־עפּאָכע. אָבער מיר האָבען קיינמאָל נישט געוואָלט איבערלעבען אַלע צרות און אָנהאַלטען ווייטער אונזער קיום אַלס פאָלק, בלויז בכדי צו בלייבען לעבען — נאָר בכדי צו בלייבען מיט אונזער אידישער אייגענאַרטיגקייט און איינ־ציק־אַרטיגקייט. דאָס מיינט מקיים זיין וואָס רעליגיעזע אידען רופען־אָן דעם „אתה בחרתנו", די מצוות פון גאָט, און וואָס ניט־אָרטאָדאָקסישע אידען באַטראַכטען אַלס דעם ספּעציפישען אייגענאַרטיגען כאַראַקטער פון אונזער פאָלק, וואָס איז געבליבען לעבען יאָרהונדערטער, נישט האָבענדיג קיין אַרמייען און קיין עקאָנאָמישע מאַכט, אָן אַ מדינה און נאָר אַ דאַנק דער גרויסער מאַכט פון אונזערע אידייען פאַר וועלכע די הלכה איז געווען די מעטאָדע פאַר זייער פאַרווירקליכונג. די דאָזיגע אייגענאַרטיגקייט פון

אידישען פאָלק איז היינט־צו־טאָג אין גרויס געפאַר. לויט מיין מיינונג, איז עס איצט דאָס אידישע פּראָבלעם נומער איינס.

ציוניזם האָט קיינמאָל נישט געלייזט דאָס דאָזיגע פּראָבלעם. עס זיינען געווען צוויי שיטות אין ציוניזם. איינע איז געווען פון הערצל׳ן, וועלכער איז אין אמת׳ן געווען אַן אַסימילירטער איד, און דערפאַר האָט ער פאַרטראַכט די אידייע פון אַ אידישער מדינה, וואָס זאָל זיין ווי אַלע מדינות. די צווייטע שיטה איז געווען פון אחד העם, וועלכער האָט געהאַט טיפע וואורצלען אין דער גרויסער אידישער טראַדיציע און ציוויליזאַציע, און וועלכער האָט געהאַלטען, אַז גרינדען אַ אידישע מדינה, וואָס זאָל זיין גלייך צו אַנדערע מדינות, איז ניט אַזוי וויכטיג. אין וואָס מיר נויטיגען זיך, איז אין אַן אייגענאַרטיגען גייסטיגען צענטער פאַר׳ן אידישען פאָלק, — איז געווען זיין אידייע. ציוניזם האָט זיך תמיד געוואַקעלט צווישען די צוויי שטרעמונגען און האָט קיינמאָל נישט געפונען קיין קלאָרע לייזונג. לויט מיין באַשיידענער מיינונג, קאָן די לייזונג זיין בלויז אַ סינטעזע פון ביידע אידייען: אַ אידישע מדינה, וועלכע זאָל גלייכצייטיג אויך זיין דער גייסטי־גער צענטער פון אידישען פאָלק; אַ רעליגיעזער צענטער אַ גייסטיגער צענטער, אַ קולטורעלער צענטער.

ישראל וועט דעריבער דאַרפן זיין אַן איינציג־אַרטיגע מדינה, ניט בלויז בכדי צופרידענשטעלען אירע אייגענע בירגער, ווי יעדע נאָרמאַלע מדינה, נאָר אויך בכדי צופרידענשטעלען די מערהייט פון אידען וועלכע זיינען נישט קיין בירגער פון דער אידישער מדינה.

אונזער פּאָזיציע אין דער נייער וועלט

רעדע ביי ציוניסטישער קאָנפערענץ אין פּאַריז, 1973

דאָס פּראָבלעם וועגען דער שטעלונג פון אידישען פאָלק צו די אַנטוויקלונגען און געשעענישען אין אַ וועלט, וואָס ענדערט זיך, איז פון אַ טיפערען און ווייטזיכטיגערען שטאַנדפּונקט — נישט ביים באַהאַנדלען די טאָג־טעגליכע אידישע פּאָליטיק — די דעציזירענדע הויפּט־פראַגע פאַר אונזער איצטיגער אידישען דור. אין גאַנג פון דער געשיכטע האָט קיין שום פאָלק קיינמאָל נישט עקזיסטירט איזאָלירט פון אַנדערע, נאָר איז שטענדיג געווען פאַרקניפּט און פאַרבונדען מיט דעם גורל פון אַנדערע פעלקער. און קיין שום אַנדער פאָלק איז נישט געווען אַזוי אָפּהענגיק פון אַנדערע, ווי דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז צעזייט און צע־שפּרייט איבער פיל לענדער. אין די צייטען פון געטאָ האָט אונזער טראַדי־ציאָנעל לעבען און דאָס אָפּהיטען די מצוות גאַראַנטירט די איזאָלירונג פון אידען, און אונזער המשך אַלס פאָלק ביי זעהר שווערע באַדינגונגען. הייגריך היינע האָט באַטאָנט, אַז אידען האָבען דאַן געהאַט אַ פּאָטערלאַנד, וואָס זיי האָבען תמיד מיטגעטראָגען מיט זיך פון לאַנד צו לאַנד. אין זייערע וואַנדע־רונגען און אויסוואַנדערונגען, פון מאַראָקאָ קיין שפּאַניע, פון שפּאַניע קיין פראַנקרייך, פון פראַנקרייך קיין דייטשלאַנד און פון דייטשלאַנד קיין פּוילען האָבען אידען מיטגענומען מיט זיך די תורה, דעם תלמוד, דעם שולחן ערוך. דורך לערנען תורה, דורך אָפּהיטען די מצוות — וועמענס באַדייטונג האָט אַ סך אַריבערגעשטיגען דעם זין פון טאָג־טעגליכען רעליגיעזען לעבענס־שטייגער — דורך לייגען תפילין, דורך דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג האָבען אידען, אומעטום וואו זיי האָבען זיך געפונען, אויפגעשטעלט פאַר זיך אַ

גייסטיג פאַטערלאַנד, וואָס האָט פאַרזיכערט זייער המשך אַלס פאָלק. אַרויס־קומענדיג פון געטאָ, זיינען די עמאַנסיפירטע אידען אַריין אין אַ לאַגע פון ווערען אָפּהענגיק פון אַנדערע פעלקער, מיט דער כסדר׳דיגער שרעק פאַר רדיפות און הריגות.

אין אונזער עפּאָכע, ווען די אינטעלעקטועלע, עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע ראָלע פון אידען, וועלכע זיינען אַקטיוו אין דער נישט־אידישער סביבה, וואַקסען כסדר אין די פאַרשיידענע לענדער, וואו מיר וואוינען, און ווען גלייכצייטיג פאַרשטאַרקט זיך די אָפּהענגיגקייט פון אידען פון דעם גורל פון די לענדער — איז אויף דער סצענע פון דער געשיכטע דערשינען מדינת ישראל.

איך וועל זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיט דעם ספּעציפישען פּראָבלעם פון מדינת ישראל. דאָס וועלען טאָן אַנדערע רעדנער. איך פון מיין זייט, וועל זיך באַמיען צו באַהאַנדלען די אַלגעמיינע טעמע וועגען דער לאַגע און פּראָבלעמען פון אידישען פאָלק אין דער וועלט, וועגען זיין אויסזען און פּאָזיציע אין דער וועלט — דאָס וואָס מען קאָן אָנרופען די אידישע פּאָליטיק אין די תפוצות. איך וועל רעדען וועגען מדינת ישראל נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון איר צוגעהעריגקייט צום אידישען פאָלק.

די גרויסע שוואַכקייט פון דער אידישער פּאָליטיק באַשטייט אין דעם, וואָס אונזער פאָלק, באַזונדערס די אינטעליגענץ און אונזערע אָרגאַניזאַ־ציעס מיינען נאָך איצט, אַז זיי לעבען אין 19־טען יאָרהונדערט. אָבער אין דער ווירקליכקייט געפינען מיר זיך אין דעם 20־טען יאָרהונדערט, אין דעם שטורמישסטען, ברוטאַלסטען און רעוואָלוציאָנערסטען יאָרהונדערט פון דער געשיכטע, וואו יעדע לאָקאַלע געשעעניש ווערט פונאַנדערגעשפּרייט און רופט זיך אָפּ אין אַ וועלט־פאַרנעם; וואו יעדער נאַציאָנאַלער פאַקט באַקומט גיך אַ באַדייטונג און וויכטיגקייט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע. עס זיינען נישט פאַראַן צוויי פעלקער אין דער געשיכטע, וועלכע זאָלען האָבען דורכגעמאַכט דיזעלבע דערפאַרונגען. ווער אין כינע האָט אין 1789 געהאַט דעם מינדסטען באַגריף וועגען דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע? האָט אַ מאַנדאַרין געהאַט אפשר עפּעס אַ פאָרשטעלונג וועגען דעם? און ווען די מאָנגאָלען האָבען פאַרפלייצט כינע, האָבען די פראַנצויזען געוואוסט וועגען דעם? איצט, צי מיר ווילען צי מיר ווילען נישט — האָט דאָס, וואָס עס געשעט אין מילוואָקי, פּאָלגען און אָפּרופען אין לימאָ. אויף אַזאַ אופן

איז ישראל, אַלס אַ סואַווערענע מלוכה נישט אַזוי אָפּהענגיק באַזונדערס פון די תפוצות, ווי פון די כוחות און טענדענצען פון דער אַלגעמיינער עוואָלוציע און פון דער גאַנצער פאַמיליע פון פעלקער און גרויסמאַכטען. דערקלערען איצט, אַז „וויכטיג איז נישט דאָס, וואָס די נישט־אידען זאָגען, נאָר דאָס, וואָס אידען טוען", קאָן זיין פאַרשטענדליך פאַר דעם גייסט פון אַ יונגער און ענטוזיאַסטישער מדינה, אָבער איז נאַאיוו און אַ היפּש ביסעל אַבסורד, ווייל אין דער וועלט פון 20־טען יאָרהונדערט וועט ישראל נישט קאָנען זיך אַנטוויקלען, נישט אונטערגעבענדיג זיך טיילווייז די איינפלוסען פון דרויסען.

דער גרעסטער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס אין דער געשיכטע שפּילט זיך איצט אָפּ אין אַ טאָפּעלטער ריכטונג : דער ברוטאַלער קאָנפליקט צווישען די גרויסמאַכטען — נעכטען — צוויי ; היינט — דריי, און מאָרגען, מיט דער פאַראייניגטער איראָפּע, פיר — פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער העגעמאָניע ; און דער קלאַסען־קאַמף אינערליך ביי די באַזונדערע פעלקער. אַ רייע פעל־קער קעמפען איצט אויך פאַר זייער עמאַנסיפּאַציע : די פעלקער פון דער דריטער וועלט, די קאָלירטע פעלקער. הונדערטער מיליאָנען מענשען, וועלכע ווערען אונטערדריקט זינט יאָרהונדערטער דורך די מערב־ציווי־ליזאַציעס, האָבען מיטאַמאָל אויפגעוואַכט און מאָנען איצט זייערע רעכט. פאָדערען אַ גערעכטע פאַרטיילונג פון דעם קוכען, און נישט ווי עס געפעלט וועמען־עס־איז. דער דאָזיגער פּראָצעס פון דער געשיכטע איז נישט קיין סענטימענטאַלער. דאָס וואָס עס ווערט געפאָדערט אין אַ סאָציאַלען קאַמף, ווערט אָפּט דערגרייכט בלויז דורך גוואַלד־מעשים.

אָבער אונזער אינטעליגענץ האָט זיך נאָך נישט צוגעוואוינט צו דער דאָזיגער סיטואַציע. זי לעבט נאָך אין דעם וואונדערליכען 19־טען יאָר־הונדערט, אין דעם יאָרהונדערט פון אונזער עמאַנסיפּאַציע, פון אונזער ברילאַנטענעם אויפשוואונג ; אין דעם יאָרהונדערט, אין וועלכען עס האָט געהערשט אַ רעלאַטיווע אַלוועלטלעכע סטאַביליטעט, אַ דאַנק מעטערניכ׳ן — ווי דר. הענרי קיסינדזשער מיינט, אָדער אַלס רעזולטאַט פון אַנדערע כוחות. אין אמת׳ן אָבער זיינען די דאָזיגע צייטען שוין לאַנג פאַרגאַנגען. די מערב־דעמאָקראַטיעס באַהערשען שוין מער נישט די וועלט. צוויי נייע אַקטיאָרען זיינען דערשינען אויף דער אַרענע פון דער געשיכטע : דער

קאָמוניסטישער בלאָק און די דריטע וועלט. און אויב מען האַלט, אַז כינע איז איזאָלירט, קען מען זי באַטראַכטען, ווי אַ דריטען אַקטיאָר.

צי די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניגטע פעלקער האָט אַ ממשות אָדער נישט, רעפּרעזענטירט זי סימבאָליש די וועלט פון היינט־צו־טאָג. דערפאַר ווילען אַלע זיין מיטגלידער פון די „יונייטעד ניישאָנס״, אַריינגערעכענט כינע און די לענדער פון דער דריטער וועלט. מיט אַ יאָר פופצען צוריק ווען די פאַראייניגטע שטאַטען האָט געוואָלט דורכפירען אין דער יו־ען אַ פאָרשלאָג מיט אַ מערהייט פון צוויי דריטל שטימען איז עס געווען לייכט. היינט קען אַמעריקע נישט קריגען קיין געוויינליכע מערהייט. די לענדער פון דער דריטער וועלט באַטייליגען זיך מיט אַלע זייערע שטימען. אַזוי האָט די פאַראייניגטע שטאַטען געוואָלט דעם 26־טען אָקטאָבער 1971 — ווען די פאָלקס־רעפּובליק פון כינע, איז אויפגענומען געוואָרען אין די „יונייטעד ניישאָנס״ (מיט 76 שטימען געגען 35 און די 17 אָפּגעהאַלטענע), — אַז דער פאָרשטייער פון טשיאַנג־קאַי־שעק׳ן זאָל נישט פאַרלירען זיין זיץ־אָרט. אָבער עס האָט זיך נישט איינגעגעבען.

אָפּגעבענדיג זיך אַ רעכענונג וועגען דעם וואוקס פון דער דריטער וועלט, האָט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס געשאַפען אַ ביוראָ, וואָס האָט די אויפגאַבע איינצושטעלען באַציאונגען מיט די לענדער, וועלכע ווייזען נישט אויס צו קענען די אידען. אַזוי האָט דער פרעזידענט פון סענעגאַל, סענגיאָר, מיך געפרעגט, וואָס אַזעלכעס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס אידישע פּראָבלעם. און טשו־ען־לאַי, דער פרעמיער־מיניסטער פון דער פאָלקס־רעפּובליק פון כינע, איז נישט בעסער אינפאָרמירט וועגען דעם פּראָבלעם. איך מיין, אַז ס׳איז צייט אָנצוהויבען אַ דיאַלאָג מיט די לענדער פון דער דריטער וועלט, וועמענס באַדייטונג אין די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, ווי אין דער אָרגאַניזאַציע פון פאַראייניגטע פעלקער. דאַרף ווי געהעריג אָפּגעשאַצט ווערען דורך דעם אידישען פאָלק.

איז דער קאָמוניסטישער בלאָק די געפערליכסטע פון די גרויסמאַכטען? פאַראַן אַזעלכע, וועלכע דריקען־אויס אַזאַ טעזע. איך האָף, אַז די דאָזיגע מיינונג וועט זיך נישט באַשטעטיגען, ווייל אויב יאָ, וועט קומען אַ סוף צו אונז אַלעמען, אידען און נישט־אידען. אָבער אין דער קאָמוניסטישער וועלט, וואו עס לעבען דריי מיליאָן אידען, שטעלט זיך איצט די פראַגע וועגען עמיגראַציע. די אידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען גערעכט, ווען

זיי פֿאַדערען, אַז דער שטייער־אָפּצאָל פֿאַר אַרויספֿאָרען פֿון רוסלאַנד זאָל אָפּגעשאַפֿען ווערען. דאָס איז אַן אַקטועלע פֿראַגע, אָבער די לייזונג וועט נישט פֿאַרענטפֿערען דאָס גאַנצע פּראָבלעם, פֿון וועלכען די שטייער־פֿראַגע איז אַ טייל. דריי מיליאָן אידען וועלען נישט פֿאַרלאָזען רוסלאַנד. פֿופֿציג טויזענט זענען שוין אַוועקגעפֿאָרען, אָבער נישט אַלע קיין ישראל. מיר האָבען פֿאַרלאָרען זעקס מיליאָן אידען אין די מאָרד־לאַגערען, און מיר קאָנען פֿאַרלירען נאָך מיליאָנען אידען אַן אוישוויץ, נאָר דורך דעם „זיסען טויט" פֿון אַסימילאַציע.

מען האָט אונז פֿאָרגעוואָרפֿען, אַז מיר אינטערעסירען זיך מיט דער סאָוועטישער וועלט נאָר אין דער מאָס, ווען מען דאַרף אַרויסקומען מיט פּראָטעסטען אָדער פֿאָרמולירען פֿאָדערונגען — ווי גערעכט זיי זאָלען אַלע נישט זיין — אָבער, אַז דאָס אַליין קאָן נישט גענוגען פֿאַר אָננעמען אַ פּאָליטישע שטעלונג. וועגען דעם וועל איך מיר דערלויבען צו מאַכען עטליכע באַמערקונגען פֿון אַ היסטאָרישען כאַראַקטער. אויב מען זאָל מיך בעטען צו דעפֿינירען דעם אַממייסטען כאַראַקטעריסטישען שטריך פֿון אידישען פֿאָלק אין גאַנג פֿון דער געשיכטע, וואָלט איך געענטפֿערט, אַז דאָס איז געוועזען, אין אַלע צייטען, זיין נאָן־קאָנפֿאָרמיזם.

די געשיכטע פֿון אונזער פֿאָלק הויבט זיך אָן מיט אברהם אָבינו, וועלכער האָט פֿאַרלאָזען די גרויסע מעסאָפּאָטאַמיער ציוויליזאַציע, נישט פֿאַר טעריטאָריעלע דעראָבערונגען, און נישט פֿאַר עקאָנאָמישע געווינסען, נאָר צוליב אידעאָלאָגישע מאָטיוון.

דער סימבאָל פֿון אברהם אָבינו איז טיף כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער געשיכטע פֿון אונזער פֿאָלק. ס'איז זעהר זעלטען, אַז אידעאָלאָגיע זאָל זיין די הויפּט־טרייב־קראַפֿט פֿון אַ היסטאָרישען דעמאַרש. און נאָך זעלטענער איז, אַז אידעאָלאָגיע זאָל בלייבען די הויפּט־טרייב־קראַפֿט. אָבער אַזוי איז עס געשען מיט'ן אידישען פֿאָלק. נישט די מלכים פֿון ישראל און יהודה האָבען אויפֿגעהאַלטען דעם קיום פֿון אידישען פֿאָלק, נאָר די נביאים, די וואָרטזאָגער פֿון אונזער אויטענטישער אידעאָלאָגיע. זיי האָבען אויפֿגע־האַלטען דאָס אידענטום, נישט געקוקט אויף די מלכים. זיי האָבען באַשטע־טיגט די פּריאָריטעט פֿון די מאָראַלישע ווערטען אין דעם הערשענדען רעזשים. מיר האָבען אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרהונדערטער פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מינדערהייט־פֿאָלק, וועלכער האָט זיך נישט אונטערגעגעבען דעם

דיקטאַט פון דער מערהייט. און דערפאַר עקזיסטירען מיר נאָך היינט־צו־טאָג.

אין אַלע צייטען, אין מערב ווי אין רוסלאַנד, זיינען מיר תמיד געווען אין אַוואַנגאַרד פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, קעמפענדיג פאַר די רעכט פון פּראָגרעסיווע מינדערהייטען, פאַר די רעכט פון אַלע מעגליכע מינ־דערהייטען.

אָבער זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה, באַזונדערס, איז אַ גרויסער טייל פון אידישען פאָלק אַריבערגעגאַנגען פון דעם לאַגער פון נישט־קאָנפאָרמיסטען אין די רייען פון די קאָנפאָרמיסטען. מיר קעמפען נישט פאַר אָפּשאַפען דעם סטאַטוס קוואָ, נאָר פאַר אויפהאַלטען אים. מיר זיינען ווייטער דעמאָקראַטען, אָבער אין געוויסע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, צום ביישפּיל, ווען עס פאַלט אַ דיקטאַטאָר, פאַסירט עס אָפט, אַז עטליכע אידען אַנטלויפען צוזאַמען מיט אים. געוויס האַנדעלט זיך עס וועגען זעהר באַזונדערע און איינצעלנע פאַלען. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז מיר זיינען שוין איצט נישט מער אין אַוואַנגאַרד פון די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען, צווישען די, וועלכע קעמפען פאַר אַן אַנדערער וועלט.

דאָס פאַרקירעווען זיך פון אַמעריקאַנער אידענטום אין דער ריכטונג אויף רעכטס איז אַ בולט׳ע דערשיינונג. אַזוי האָט פּרעזידענט ניקסאָן דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז אויסגעוויילט געוואָרען, באַקומען פון 10 ביז 12 פּראָצענט פון די אידישע שטימען, און צום צווייטער מאָל 40 פּראָצענט. אין ניו יאָרק, וואו אידען פלעגען פריער שטיצען פּראָגרעסיווע קאַנדידאַטען, איז געקומען אַ גרויסע ענדערונג, וואָס איז פאַרבונדען מיט זעהר קאָמפּלי־צירטע פּראָבלעמען, לאָקאַלע און טעריטאָריאַלע, וועלכע איך וויל דאָ איצט נישט אַנאַליזירען. איך וועל בלויז זאָגען, אַז אונזער איצטיגער דור פון אידישען פאָלק געפינט זיך אין אַ קריטישער פאַזע, און איך וואָלט זיך געוואונשען, אַז מיר זאָלען צוריק ווערען אַ נאָן־קאָנפאָרמיסטיש און מינדער־הייט־פאָלק.

אין די צייטען, ווען מיר זיינען געווען רעוואָלוציאָנער און פּראָגרע־סיוו, האָבען מיר זיך געזאָרגט וועגען די דיסקרימינאַציעס וואָס זענען באַ־גאַנגען געוואָרען קעגען אַנדערע מינדערהייטען, און וועגען זייערע ליידען. צוזאַמען מיט לעאָ מאָצקין׳ען און אַנדערע האָבען מיר צונויפגערופען דעם קאָנגרעס פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די רעכט פון די מינדערהייטען, פאַר זייער עמאַנסיפּאַציע. מיר האָבען געפאָדערט גלייכבאַרעכטיגונג, און נישט

בלויז פאַר אונז. און האַנדלענדיג געגענזייטיג, האָבען די אַנדערע מינדער־היטען אונז פאַרשטאַנען אין דער פראַגע פון ציוניזם און האָבען אונז געשטיצט.

איצט ווערען מיר קאָנסערוואַטיוו. אַן צווייפעל איז די פּאָליטישע לאַגע פון אידען איצט אַ גוטע, און די פינאַנציעלע סיטואַציע איז אָפּטמאָל אַן אויסגעצייכענטע. פאַראַן אַ סך שטריכען, וואָס ענדערן איצט דעם פּרצוף פון אידישען פאָלק. אויב אַ פאָלק פאַרלירט זיין אינערליכען כאַראַקטער, זיין טיפּע טראַדיציע, ווערט ער פרעמד צו זיך אַליין. ער ווערט אַן אַנדער פאָלק, ווען אפילו די הויפט־סימנים, וואָס טיילען אים אויס — און מיר רעדען וועגען אידישען פאָלק — ענדערען זיך נישט. אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע האָט געפערליכע קאָנסעקווענצען. אַזוי האַלטען מיר ביים פאַרלירען די טראַדיציאָנעלע שטיצע פון די פּראָגרעסיווע כוחות אין דער וועלט. איך ווייס זעהר גוט, ווען איך זאָג דאָס, אַז די לינקע זיינען אָפט אַ ביסעל אַנטי־ציוניסטיש און אַ ביסעל אַנטי־ישראל. אַזוי וועט מען אפשר מאָרגען לייענען אין אַ געוויסער תל־אביב׳ער צייטונג אַן אַרטיקעל, וואו מען וועט פאַר־אורטיילען גאָלדמאַנ׳ען, אַלס דעם שטיצער פון אַנטיסעמיטען, פון אַנטי־ישראל־לאַגער, אַנטי־ציוניסטען א. א. וו.. אָבער דאָס איז לחלוטין נישט אמת. איך האָב אויך מיינע קאָנטאַקטען מיט די גרויסע ליבעראַלען, מיט די גרויסע פאַרטיידיגער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, מיט פערזענליכ־קייטען, וועלכע מען וועט קיינמאָל נישט טראַכטען צו באַשולדיגען זיי אין אַנטיסעמיטיזם.

איך וואָלט דאָ געוואָלט ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף איינער פון אונזערע אומגעזונטע טענדענצען. אַ טייל פאַרטיידיגען דעם סטאַטוס קוואָ. אַנדערע קעמפען אים אָפּצושאַפען. פאַראַן אָבער נאָך אַנדערע, וועלכע האָבען אַנגענומען אַ דריטע שיטה: אידישען איזאָלאַציאָניזם, וואָס ווערט געשטאַרקט דורך די טראַגישע דערפאַרונגען אין דער היטלער־עפּאָכע און דורך דער מורא פאַר דער געפאַר, וואָס באַדראָט ישראל. געוויס, מיר באַ־שעפטיגען זיך אָביסעל מיט דעם „אַפראָ־אַמעריקאַנער" פּראָבלעם. באַזונ־דערס טוען דאָס אונזער ראַביים. אָבער אין אַלגעמיין אינטערעסירען מיר זיך נישט, אַן באַזונדערע שוועריקייטען, מיט די פראַגען וועגען וועלכע עס ווייזט זיך אונז אויס, אַז זיי רירען אונז נישט אַן דירעקט.

די אינטעלעקטועלע מינדערהייט פירט־אַן מיט די גרויסע באַוועגונ־

גען אין דער געשיכטע. די מאַסען פֿאָלגען־נאָך. אויב די אינטעלעקטואַלען פֿון די נישט־אידישע לינקע קרייזען זאָלען אָרגאַניזירען אַ רעוואָלוציע, לאָמיר זאָגען אין פֿינף אָדער אין צען יאָר אַרום — ווען עס וועלען שוין זיין פֿאַרגעסען די ביטערע רעמיניסצענצען פֿון דער היטלער־עפּאָכע — איבער וועלכע מען האָט נאָך היינט־צו־טאָג צו אונז אַ באַזונדערס־פּריווי־לעגירטע באַציאונג — קאָן געשען, אַז די גרויסע ליבעראַלע פֿריינד פֿון אידען זאָלען זיך אַרויסווייזען צו זיין גאַנץ קאַלט צו אונז.

מיר זיינען אויסגעשטעלט אין דער צוקונפֿט אויף נאָך אַן אַנדערער געפֿאַר. אונזער שטעלונג האָט אַ נעגאַטיווען און קאַטאַסטראָפֿאַלען איינפֿלוס אויף דער אינטעלעקטועלער אידישער יוגענט, וועלכע איז אַ סך מער אוני־ווערסאַליסטיש, ווי די אידישע פֿירערשאַפֿט, און קען צוליב איר אידעאַליזם און איבער אונזער האַנדלונג ווערען אָפּגעפֿרעמד׳ט פֿון אידענטום.

אין די געטאָס, וואו מיר האָבען זיך אַמאָל געפֿונען, האָט אונזער אמונה אין משיח׳ן געהאַט אַן אוניווערסאַליסטישען און סינטעטישען ווערט. אונזער אויפֿפֿאַסונג איז נישט געווען, אַז משיח וועט קומען ראַטעווען בלויז דאָס אידישע פֿאָלק, נאָר די גאַנצע מענשהייט. אויב מיר וועלען פֿאַרלירען יעדע שטרעבונג פֿאַר סינטעזע, וועלען מיר אָנווערען די שטיצע פֿון די אידעאַ־ליסטישע נישט־אידישע עלעמענטען און — וואָס עס איז נאָך ערנסטער — די אָנגעהעריגקייט, די שטיצע, די סאָלידאַריטעט פֿון די בעסערע עלעמענ־טען פֿון דער אידישער יוגענט, וועלכע דאַרף גאַראַנטירען דעם המשך פֿון אונזער קיום אין די תפוצות.

דערפֿאַר מיין איך, אַז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָט אַ דעצידירענדע באַדייטונג. איך ווייס, אַז די אַלע ענינים זיינען זעהר שווערע. ס׳איז זעהר לייכט פֿאַר אַ פֿאָלק, וואָס איז שטענדיג גע׳רודפֿ׳ט געוואָרען, צו זיין רעוואָלוציאָנער. ס׳איז זעהר שווער פֿאַר אַמעריקאַנער מיליאָנערען און מולטי־מיליאָנערען צו בלייבען רעוואָלוציאָנערען.

איך קען אויך די פּראָבלעמען, וואָס גייען־אָן ישראל, און מיט דעם וועל איך ענדיגען מיינע אויספֿירען. אין קאָלעקטיווען לעבען דאַרף מען תמיד פֿאַרשטיין די מאָטיווירונגען פֿון די, וועלכע זיינען ביי דער פֿירענדער אַרבעט, און וועלכע האַנדלען אָפֿט אין אַ אַנדערער ריכטונג, נישט אין דער ווי זיי וואָלטען זיך געוואונשען דאָס צו טאָן. דאָס געשעט נישט צוליב דעם שלעכטען ווילען, אָבער רייכע און פֿאַרמעגליכע אידען וועלכע ווערען

איינגעלאַדען אויף פייערליכע מאָלצייטען ביי פּרעזידענטען און פּרעמיערען, זענען אויך בלויז פשוט'ע בשר ודמ'ס. ס'איז נישט אַזוי לייכט צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער, ווי עס איז געווען לייכט פאַר אַ טראָצקין, וועלכע איז געקומען פון געטאָ. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. מען דאַרף זען צו באַזייטיגען די דאָזיגע שוועריקייט און ווידער דערציען די נייע אידישע דורות, אַז זיי זאָלען צוריק ווערען רעוואָלוציאָנער, אַלס אידען. און דאָס איז מעגלעך. ענליכע ביישפּילען זיינען פאַראַן אַ סך אין דעם גאַנצען גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. די נביאים האָבען קיינמאָל נישט געפּרעדיגט דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט בלויז פאַר אידען נאָר פאַר אַלעמען. משיח איז משיח פאַר אַלעמען. דאָס אידענטום האָט זיך קיינמאָל נישט צופרידענגעשטעלט מיט באַנוצען די פאָרמולע: „אויף יענער וועלט". אין שאַרפען געגענזאַץ צום קריסטענטום, וואָס האָט געפירט רעליגיעזע מלחמות, האָט פּראַקטיצירט אינקוויזיציעס און אַנדערע שוידערליכע מיטלען, זאָגענדיג איך, אַז „רעטונג און גליק וועט איר קריגען אויף יענער וועלט" — האָט דאָס אידענטום שטענדיג אָפּגעוואָרפען די דאָזיגע אידייע. מיר אידען, דאַרפען דאָ אויף דער דאָזיגער ערד אונזערער שאַפען אַ בעסערע וועלט, און דאָס איז דער ציל און דער זין פון אונזער קיום.

וואָס איז שייך די רעוואָלוציאָנערע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען, דאַרף ישראל שפּילען אַ דעציזידירענדע ראָלע — וואָס זי שפּילט נאָך נישט איצט. דער הייליגער עגאָאיזם פון דער מדינה וועגען וועלכען עס רעדט בענע־דעטאָ קראָטשע, איז אַ סך מעכטיגער און עקשנות'דיגער ווי דער אינדיווי־דועלער עגאָאיזם. דאָס געשעט איבער פאַרשיידענע טעמים, וועלכע האָבען איין הויפּט־צוועק: דעם המשך פון קאָלעקטיווען קיום. דאָס גיט דעם דאָזי־גען ציל אַ באַרעכטיגונג, וואָס ווערט נאָך שווערער סאַנקציאָנירט דורך דער מאָראַל. נאָך שטאַרקער איז דער דאָזיגער מאָטיוו, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ מדינה ווי די אידישע, וואָס איז אַרומגערינגעלט דורך אַ פיינד־ליכער אַראַבישער מערהייט, — אַ מדינה, וועלכע לעבט נאָך נישט אין באַדינגונגען פון שלום און וועלכע דאַרף יעדען טאָג און יעדע שעה קעמפען פאַר איר זיכערקייט: מען קאָן איצט נישט זאָגען צו די ישראלים. „זייט די פירער פון דעם קאַמף פון אידישען פאָלק פאַר אַלע אונטערדריקטע". אָבער איך בין איבערצייגט, אַז עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט דאָס קאָנען זאָגען. אויב נישט, וואָלט איך מער נישט געווען קיין ציוניסט.

ווען די באַפעלקערונג פון מדינת ישראל האָט געציילט 600,000 נפשות, האָבען אידען און נישט־אידען פאָראויסגעזאָגט אַ קאַטאַסטראָפע, אויב מיר וועלען עפענען די טויערען פון לאַנד פאַר אַ גרויסער עליה. איך דערמאָן זיך וועגען אַ קאָנפערענץ, וועלכע עס האָט בייגעוואוינט מיין פריינד אברהם שענקער (מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע). איך האָב אויף דער קאָנפערענץ געגומען דאָס וואָרט נאָך דוד בן־גוריון'ען און האָב געזאָגט, אַז איך גלויב נישט, אַז אַלס רעזולטאַט פון אַ אומבאַגרעניצטער עליה זאָל זיין אומפאַרמיידלעך אַ פינאַנציעלער באַנקראָט. אָבער אין פאַרקערטען פאַל, אויב מיר וועלען פאַרמאַכען די טירען פון דער מדינה פאַר אַ פרייער עליה, וועלען מיר זיכער ליידען אַ מאָראַלישען באַנקראָט. און איך האָב אויסגעפירט, אַז עס איז בעסער צו ריזיקירען מיט אַ פינאַנציעלען באַנקראָט, ווי מיט אַ מאָראַלישען. און מדינת ישראל, וואָס האָט איצט נאָענט צו דריי מיליאָן אידען, האָט נישט באַנקראָטירט!

ישראל האָט געמוזט פירען דריי מלחמות. די אידישע מדינה דאַרף דורכפירען דעם מיזוג פון די פאַרשיידענע גרופּעס און שיכטען עולים און אויסבילדען פון זיי אַ נייע געזעלשאַפט. און מען קאָן נישט גלייכצייטיג פאָדערן פון ישראל, אַז זי זאָל זיך שטעלען אין שפּיץ פון די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען אין דער וועלט. אָבער אין דער צוקונפט וועט זיך סוף־כל־סוף שטעלען די פראַגע צי ישראל וויל בלייבען בלויז אַ סאָציאָלאָגישער פאַקט, אָדער די אידישע מדינה וויל פאַרקערפּערען אין זיך די אידעאַלען, פאַר וועלכע זי איז געגרינדעט געוואָרען, און ווערען דער גייסטיגער און מאָראַלישער צענטער פון אידישען פאָלק. דאָס איז נישט קיין פראַגע, וואָס איז געבונדען מיט אַ באַשטימטען טערמין — מיט פינף און צוואַנציג יאָר אָדער מער. דאָס איז אַ פונדאַמענטאַל היסטאָריש פּראָבלעם. אויב די אידישע מדינה קאָן איצט ניט באַהאַנדלען דאָס דאָזיגע פּראָבלעם צוליב קאָניונקטור־טעמים, דאַרף זי פאַרשטיין, אַז די לאַגע אין די תפוצות קען זיין אַן אַנדערע, און אַז די שטעלונג פון וועלט־אידענטום אין דער באַציאונג צו דעם פּראָבלעם קאָן אויך זיין אַן אַנדערע, ווי ישראל'ס שטעלונג.

אונזערע חלוקי־דעות אין דער פראַגע פון וויעטנאַם שפּיגלען־אָפּ די אונטערשיידען אין דער שטעלונג לגבי דער אַמעריקאַנער רעגירונג און לגבי די אידישע מאָראַלישע ווערטען.

באַטייליגענדיג זיך אַמאָל אין אַ דריי־שעה׳דיגער פאַרזאַמלונג פון זעקס מענשען, צווישען וועלכע עס איז געווען גאָלדע מאיר, האָב איך געהערט, ווי זי האָט געמאַכט געוויסע פאַרוואורפען, וואָס זיינען געווען זעהר פאַרשטענדליך, ווען זיי זיינען געקומען מצד ישראל׳ס פרעמיער־מיניס־טער. גאָלדע מאיר האָט זיך געזאָרגט קודם־כל און מער פון אַלץ וועגען דעם קיום פון מדינת ישראל. איינער פון מיינע קאָלעגן, אַן עמינענטער ראַבינער, וועלכער איז זעהר אַקטיוו אין ציוניזם, האָט דערנאָך גענומען דאָס וואָרט: „מאַדאַם מאיר" — האָט ער געזאָגט — „זינט מיין פריער יוגענט בין איך אַן איבערצייגטער ציוניסט, אָבער איך בין אויך אַ ראַבינער. און אַ פּאָטער און זיידע. אויב איך וועל שטיצען פּרעזידענט ניקסאָנ׳ס פּאָליטיק וועגען וויעטנאַם, וועט איר אוודאי זיין צופרידען, אָבער מיין סינאַגאָגע וועט מיר זאָגען, אַז איך בין נישט מער קיין ראַבינער, ווייל מיין שטעלונג איז להפך צו דעם, וואָס עס האָבען אונז געלערנט אונזערע נביאים. און מיינע קינדער און איניקלעך וועלען האָבען וועגען מיר אַ זעהר נישט געהויבענע מיינונג. דעם דאָזיגער קרבן מאַדאַם מאיר, בין איך נישט גרייט צו ברענגען". גאָלדע מאיר האָט אים אויסגעהערט מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט און האָט אים געענטפערט: „איך הויב־אָן אייך צו פאַרשטיין". פון דעם כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל, און פון נאָך אַנדערע, קאָן מען קומען צום אויספיר, אַז אַזוי לאַנג ווי מדינת ישראל וועט דאַרפען פירען אַ מער עגאָאיסטישע פּאָליטיק, ווי דאָס וועלט־אידענטום, וועט זי דאַרפען זיין מער טאָלעראַנט אין דער באַציאונג צו געוויסע מיינונגס־פאַרשידענהייטען.

אויב ס׳איז פאַראַן היינט־צו־טאָג אַ אידיש פאָלק אין דער וועלט, איז עס צו פאַרדאַנקען — ווי איך האָב געזאָגט — אונזערע נביאים. אָבער איך בין אַ פּאָליטישער ציוניסט, און איך ווייס, אַז אָן אַ אידישער מדינה, דעם צענטער פון אידישען לעבען, האָט דאָס וועלט־אידענטום זעהר ווייניג אויסזיכטען אָנצוהאַלטען זיין קיום.

פונדעסטוועגען דאַרפען מיר, — אויך האָבענדיג אַ שטאַרקע און פּראָספּערירענדיגע אידישע מדינה — צוריקקערען זיך צו אונזערע גרויסע אידישע טראַדיציעס, און מיר דאַרפען פאַראייניגען דעם קאַמף פאַר אונזער צוקונפט מיט דעם קאַמף פאַר דער צוקונפט פון אַלע פעלקער, פון אַלע קלאַ־סען, פון אַלע אונטערדריקטע מינדערהייטען.

איך גלויב, אַז מיר דאַרפֿען ווידער אויפנעמען די איניציאַטיוו צו שאַפֿען אַ בלאָק פון די מינדערהייטען. אין 20־טען יאָרהונדערט דאַרפֿען מיר נישט אויסקעמפען דאָס רעכט צו זיין גלייך מיט אַלע — ווי מיר האָבען דאָס געטאָן אין 19־טען יאָרהונדערט — נאָר דאָס רעכט צו זיין פאַרשידען, צו זיין אַנדערש. מיר האָבען דערגרייכט בירגערליכע גלייבאַרעכטיגונג, אָבער מיר דאַרפֿען באַקומען דאָס רעכט צו עקזיסטירען אַלס אַ קולטורעלע מינדערהייט, וואָס אונטערשיידט זיך פון אַנדערע.

ביי דעם קומענדיגען אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון אידישען וועלט־קאָנגרעס וועל איך פאָרשלאָגען צו נעמען די איניציאַטיוו פאַר שאַפֿען אַ נייעם בלאָק פון די מינדערהייטען, בכדי צוריקצומאָנען זייער רעכט צו קאָנסערווירען דעם אייגענאַרטיגען כאַראַקטער פון יעדער מינדערהייט.

ווען דער שלום וועט זיין פאַרזיכערט, און ווען מדינת ישראל וועט מער נישט דאַרפֿען מורא האָבען פאַר איר עקזיסטענץ, וועט זי דאַרפֿען ווערען די אינטעלעקטועלע פירערין פון אונזער קאַמף, וואָס וועט זיך נישט נויטיגען אין קיין גרויסע אַרמייען, נאָר אין גרויסע אידייען און אין גרויסע אידעאָלאָגען, בכדי מיר זאָלען צוריקקריגען אונזער אָרט, וואָס מיר האָבען פאַרנומען אין משך פון יאָרהונדערטער, דאָס אָרט פון דעם אַמווינציגסטען קאָנפאָרמיסטישען פאָלק אין דער וועלט — וואָס וועט פאַרזיכערען אונזער צוקונפט סיי אין מדינת ישראל און סיי אין די תפוצות.

אידישער וועלט־קאָנגרעס פאַר נייע אויפגאַבען

רעדע ביי דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ פון דער עקזעקוטיווע
פון אידישען וועלט קאָנגרעס, ירושלים, 1973

די איצטיגע קאָנפערענץ פון דער עקזעקו־טיווע פון אידישען וועלט־קאָנגרעס האָט צוויי הויפט־צילען. דער ערשטער ציל איז צו פאַרזאַמלען זיך אין ישראל, לכבוד דעם 25־יעריגען יובילעי פון דער גרינדונג פון דער מדינה. אין נאָמען פון די מיליאָנען אידען, וועלכע זיינען רעפּרעזענטירט אין אידישען וועלט־קאָנגרעס ווילען מיר אויסדריקן אונזער פרייד און שטאָלץ צו קאָנען פייערן די דאָזיגע געשעעניש צוזאַמען מיט די פאַרשטייער פון ישראל און דערקלערען אונזער גרויסע צופרידענקייט מיט דעם, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע שוועריגקייטען, איז דערגרייכט געוואָרען אַזאַ וואונדערליכער פּראָגרעס אויף כמעט אַלע געבי־טען פון ישראל׳דיגען לעבען. גלייכצייטיג וועט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס נאָכאַמאָל באַשטעטיגען זיין ווילען און גרייטקייט צו שטיין צוזאַ־מען מיט ישראל, העלפען דער מדינה איבערצוקומען די געפאַרען, וואָס באַדראָען איר צוקונפט און געבען איר אונזער פולסטע שטיצע אין אירע באַמיאונגען צו פאַרווירקליכען די אידעאַלען, וואָס זיינען דער יסוד פון איר עקזיסטענץ.

דער צווייטער ציל פאַר צונויפצוזאַמלען די פאַרשטייער פון וועלט־אידענטום ביי אונזער איצטיגער קאָנפערענץ איז צו דיסקוטירען די אַקטו־עלע פּראָבלעמען פון אידישען לעבען אין די ראַמען פון דער וועלט־סיטואַציע. די גרויסע שוואַכקייט פון אידישען פּאָליטישען לעבען היינט־צו־טאָג איז, אַז אַנשטאָט צו באַזירען זיך אויף לאַנג־טערמיניגע פּראָגראַמען און אַקטיווע איניציאַטיוועס, לעבען מיר פון האַנט־צו־מויל און רעאַגירען

בלויז אויף געשעענישען, וואָס פּאַסירען אין דער דרויסען־וועלט. אויב עס איז פאַראַן אַ ספּעציפישע אויפגאַבע פאַר׳ן אידישען וועלט־קאָנגרעס, באַשטייט זי אין אויספילען דעם דאָזיגען וואַקוואום; נישט צופרידענשטעלען זיך מיט די טעגליכע רעאַקציעס אויף באַלדיגע פּראָבלעמען, ווי די פראַגען וועגען סאָוועטישען אידענטום; וועגען די אידען אין די אַראַבישע לענדער; וועגען אַראַבישען טעראָר; וועגען העלפען ישראל — נאָר צו טראַכטען און האַנדלען אַזוי־צו־זאָגען, ווי דער שטאַטסמאַן אין אידישען לעבען, אויפנעמענדיג אונזערע טאָג־טעגליכע פּראָבלעמען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער העצידירענדיגער וועלט־סיטואַציע.

דאָס איז נאָך מער נויטיג דערפאַר ווייל עס איז וואַרשיינליך קיינמאָל נישט געווען אין אידישען לעבען אַן עפּאָכע, וואָס זאָל זיין פול מיט אַזויפיל רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען, אויסערליכע און אינערליכע; מיט אַזעלכע אומגעהויערע קאָנסעקווענצען פאַר אונזער אינערליכער און אויסערליכער פּאָזיציע, ווי עס איז די צווייטע העלפט פון 20־טען יאָרהונדערט. ביי דעם פאַקט, אַז די מערהייט פון אידען — אַרום אַכציג פּראָצענט — לעבען נאָך אַלץ צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען מיר נאַטירליך אַריינגעמישט אין יעדען געשעעניש, וואָס קומט פאַר ערגעץ־וואו. אַ סך מער, ווי די פעלקער, וועמענס מערהייט לעבט אין זייער אייגען לאַנד. איך וועל אין דער אַריינפיר־רעדע מיינער פּרוּווען צו אַנאַליזירען די דאָזיגע ענדערונגען אין אונזער לעבען און באַהאַנדלען די באַזונדערע קאָנקרעטע פּראָבלעמען.

די אויסערליכע ענדערונגען באַציען זיך בעיקר צום אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון אונזער היסטאָרישער עפּאָכע, וואָס איז אייגענאַרטיג מיט דעם, אַז די געשעענישען, וואָס קומען פאַר אין איין לאַנד, נעמען אַרום די גאַנצע מענשהייט. פריער, איידער די מאָדערנע טעכניק און קאָמוניקאַציעס האָבען געשאַפען די „איינע וועלט״, האָט קיין שום געשעעניש קיינמאָל נישט אָנגערירט די גאַנצע מענשהייט. מיר לעבען אין איינער פון די געשפּאַנטסטע און אומסטאַבילסטע תקופות פון דער מענשליכער געשיכטע, אין וועלכער קאַמפען פאַר פּאָליטישער מאַכט און קאָנפליקטען זיינען אָפט פאַרבונדען מיט בירגער־קריגען און אינערליכע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַלע פּראָצעסען, וואו הונדערטער מיליאָנען מענשען און קלאַסען, וואָס זיינען געווען אונטערדריקט אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער, וואַכען־אויף און פאָדערען זייער טייל פון די רייכטימער אין דער וועלט. וואָס איז שייך אונז,

אידען, פירען די דאָזיגע געשעענישען הויפּטזעכליך צו דער כסדר׳דיגער אָפּשוואַכונג פון די דעמאָקראַטישע לענדער און צו דער פאַרשטאַרקונג פון צוויי נייע מאַכט־בלאָקען — די קאָמוניסטישע וועלט און די אַזוי־גערופענע דריטע וועלט. דער דאָזיגער פּראָצעס האָט פאַר אונז אַ באַזונדערע באַדייטונג הערפאַר ווייל די אידישע פּאָליטיק איז געווען און איז נאָך אַלץ באַזירט אין אַ גרויסער מאָס אויף האַנדלען בעיקר מיט די דעמאָקראַטישע לענדער. די דעמאָקראַטישע לענדער האָבען אונז געהאָלפען צו דערגרייכען גלייכבאַרעכטיגונג און צו ווערען עמאַנסיפּירט. זיי זיינען אויך געווען די הויפּט־פעלקער, וועלכע האָבען אונז געהאָלפען צו פאַרווירקליכען די ציוניסטישע לייזונג פון דער אידען־פראַגע דורך גרינדען אונזער אידישע מדינה. איצט דאַרפען מיר לערנען צו אָריענטירען אונזער פּאָליטיק נישט בלויז אויף די דעמאָקראַטיעס, נאָר אויך אויף די קאָמוניסטישע לענדער און אויף די לענדער פון דער דריטער וועלט.

די קאָמוניסטישע וועלט איז באַזונדערס וויכטיג פאַר אונז, ווייל עס לעבען דאָרט דריי און אַ האַלב מיליאָן אידען, די שארית הפליטה פון דעם חורבן און די טרעגער פון אַ טייל פון די גרעסטע שאַפערישע אייגענשאַפטען און טראַדיציעס פון דער אידישער געשיכטע. בעת אונזער אַקציע איז אין איצטיגען מאָמענט געצילט קודם־כל און בעיקר צו דערגרייכען דאָס רעכט אויף פרייער עמיגראַציע פאַר די אידען פון סאָוועט־רוסלאַנד און פון אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער, דאַרפען מיר נישט פאַרגעסען, אַז גרויסע טיילען פון די אידישע קיבוצים אויב נישט די מערהייט, וועלען דאָרט בלייבען אין דער צוקונפט, וועלכע מיר קאָנען פאַראויסזען, און מיר קאָנען זיך נישט דערלויבען צו פאַרלירען זיי דורך זייער פולשטענדיגער אַסימילאַציע. דעריבער מוזען מיר אין דערזעלבער צייט, ווען עס איז נויטיג און באַרעכטיגט אויסצואיבען דעם דרוק פאַר פאַרלייכטערען זייער עמיגראַציע, אויך האָבען אין זין, אַז מיר וועלען דאַרפען האַנדלען מיט די דאָזיגע לענדער אויך פון אַ לאַנג־טערמיניגען שטאַנדפּונקט, בכדי צו פאַרזיכערן, אַז די הונדערטער טויזענטער אידען, וועלכע וועלען דאָרט בלייבען, זאָלען האָבען די מעגליכקייטען צו לעבען לכל הפחות אַ מינימום פון אידישען לעבען.

וואָס אנבאַלאַנגט די דריטע וועלט, וואו עס זיינען נישט פאַראַן קיין ממשות׳דיקע אידישע פראַגען, דאַרפען מיר באַקאַנט מאַכען די דאָזיגע לענדער מיט דער אייגענאַרטיגקייט און מיט די קאָמפּליצירונגען פון אידי־

שען פּראָבלעם אין דער וועלט, נעמענדיג אין באַטראַכט דעם וואַקסענדיגען איינפלוס פון די לענדער אין וועלט־ענינים.

די צוויי זעהר גרויסע ענדערונגען אין אונזער אינערליכער פּאָזיציע זיינען די קאָנסעקווענץ — פון איין זייט — פון דער טראַגישיסטער קאַטאַסטראָפע אין דער אידישער געשיכטע, פון דעם חורבן אין די נאַצי־יאָרען, און — פון דער צווייטער זייט — פון דעם גרעסטען פּאָזיטיווען נצחון אונזערען, פון דער גרינדונג פון מדינת ישראל. די ווירקונג פון די דאָזיגע צוויי רעוואָלוציאָנערע געשעענישען איז גענוג קלאָר און איך דאַרף זיי דאָ נישט באַהאַנדלען אויספירליך — הגם עס קאָן דויערען לאַנגע יאָרען און אפילו דורות, ביז מיר וועלען באַגרייפען זייער פולען פאַרנעם.

דער רעזולטאַט סיי פון די אויסערליכע און סיי פון די אינערליכע ענדערונגען איז אַ ראַדיקאַלע איבערגרופּירונג אויף דער סצענע פון אידישען לעבען און פון זיינע הויפּט־צענטערס. אין משך פון די פאַרגאַנגענע עטליכע יאָרהונדערטער איז דער הויפּט־צענטער געווען אייראָפּע, און דאָס אייראָפּעאישע אידענטום, דער יורש פון די גרויסע טויזענטער־יעריגע טראַדיציעס פון אונזער געשיכטע, וואָס האָט געשאַפען די מערסטע גייסטיגע ווערטען פאַר׳ן אידישען קיום און האָט אָנגעפירט דעם קאַמף פון אידישען פאָלק פאַר זיין צוקונפט. זינט דעם חורבן און דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט דאָס אייראָפּעאישע אידענטום פאַרלאָרען די דאָזיגע צענטראַלע פּאָזיציע, הגם די אידישע ישובים אין אייראָפּע ווערען צוריק מער אומאָפּהענגיק און זיכער אין זיך. צוויי נייע צענטערס זיינען אויסגעוואַקסען. די פאַראייניגטע שטאַטען פון איין זייט, און מדינת ישראל, פון דער אַנדערער זייט. די דאָזיגע ענדערונג האָט נאַטירליך געבראַכט אונטערשיידען אין דעם כאַראַקטער פון אידישען לעבען און אין דער פאָרם פון דער פירערשאַפט. בעת די הויפּט־פּראָבלעמען אין לעבען פון אייראָפּעאישען אידענטום זיינען געווען פון אַ אידעאָלאָגישען כאַראַקטער — רעליגיעזע, שפּראַכליכע, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע — שפּילען נישט די דאָזיגע פראַגען קיין ענליכע ראָלע אין אַמעריקאַנער אידישען לעבען. אַנשטאַט דעם דאָמינירען פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען אין דעם דאָזיגען גרעסטען איינצעלנעם אידישען ישוב אין אונזער געשיכטע, וועלכער איז עקאָנאָמיש פאַרמעגליך און פּאָליטיש איינפלוסרייך.

אין משך פון יאָרהונדערטער זיינען די פירער און אַרכיטעקטען פון

אידישען לעבען און פון דער אידישער קולטור געווען גייסטיגע מנהיגים — רבנים, דענקער, שריפטשטעלער און אידעאָלאָגישע קעמפער. אָבער די פירערשאַפט אין אַמעריקאַנער אידישען לעבען קאָנצענטרירט זיך אין די הענט פון עקאָנאָמיש מעכטיגע פון איין זייט, און — צוליב דער עשירות און גרויסקייט פון די פיל אָרגאַניזאַציעס — אין אַ גרויסער צאָל פּראָפּע־סיאָנעלע אידישע באַאַמטע. דער דאָזיגער נייער כאַראַקטער פון דער אידי־שער פירערשאַפט האָט זיין שטאַרקע ווירקונג אויפ׳ן אידישען לעבען אין די פאַראייניגטע שטאַטען. און די שוואַכקייט פון אונזער פּאָליטיק ליגט אין דעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין פּלאַנירונג אויף אַ לענגערער צייט, און וואָס די פראַגען וועגען אידישען קיום ווערען נישט דיסקוטירט אין זייער טיפקייט. דאָס איז בעיקר דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער ענדערונג אין דער אידישער פירערשאַפט.

וואָס איז שייך ישראל, האָט די אַנטשטייאונג פון דער סואווערענער אידישער מדינה — אין צוגאָב צו שאַפען דעם הויפּט־קוואַל פון אינספּי־ראַציע פאַר אונזער היינטיגען אידישען דור און צום צושטעלען די הויפּט־אַקטיוויטעטען פאַר די אידישע ישובים אין די תפוצות, אין זייער ווילען צו העלפען ישראל עקאָנאָמיש און פּאָליטיש — געמאַכט דאָס אידישע לעבען אַ סך אינהאַלטסרייכער, באַדייטונגספולער און ווירדיגער, און האָט אָבער אויך צוגעגעבען אַ נייעם אַספּעקט אין דער דאָזיגער אייגענאַרטיגער קאָמפּליצירקייט. דאָס פּראָבלעם איז: ווי אַזוי אַנצוהאַלטען די אומצוברעכ־באַרע סאָלידאַריטעט פון אַ פאָלק, וועמענס ווינציגער פון איין פינפטעל לעבט אין זיין אייגענער מדינה, בעת פיר פינפטעל זיינען צעשפּרייט אין מער פון זעכציג לענדער איבער דער וועלט. דאָס איז אַן אייגענאַרטיג אויסנאַם־פּראָבלעם, פאַר וועלכען עס זענען נישט פאַראַן קיין פּאַראַלעלען און פּרעצעדענטען אין לעבען פון אַנדערע פעלקער, און פאַר וועלכען מיר דאַרפען געפינען אַ לייזונג דורך אונזערע אייגענע אידייאישע באַטראַכ־טונגען און אויספירען. דאָס איז וואַרשיינליך די קאָמפּליצירטסטע און אויך די אַנטשיידענדסטע פראַגע פון אידישען לעבן היינט־צו־טאָג. די לייזונג מוז זיך שטיצען אויף דעם רעספּעקט פאַר דער סואווערעניטעט פון ישראל — פון איין זייט — און אויף דעם רעספּעקט פאַר דער אויטאָנאָמיע און זעלבסט־באַשטימונג פון די אידישע ישובים אין די תפוצות פון דער צווייטער זייט, ווי אויך אויף שאַפען די ראַם, וואָס וועט גאַראַנטירען די סאָלידאַריטעט

פוןביידע טיילען פון אידישען לעבען. די לייזונג דאַרף זיך שטיצען נישט אויף עמאָציעס און סענטימענטען, וועלכע פאַרזיכערען נישט דעם המשך, נאָר אויף אַ אידעאָלאָגישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער באַזע פון אַן אייגענאַרטיגען און ספּעציפישען כאַראַקטער.

אין צוגאָב צו די קאָנסעקווענצען פון דער איבערגרופּירונג פון די צענטערס פון אידישען לעבען, האָבען דער פאַקט, אַז כמעט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז געוואָרען עמאַנסיפּירט און אינטעגרירט אין דעם לעבען פון די פעלקער, צווישען וועלכע מיר לעבען, און די גרינדונג פון דער סאָווערענער אידישער מדינה — געבראַכט אַלגעמיינע ענדערונגען אין אונזער היסטאָרישער פּאָזיציע, וועגען וועלכע מיר געבען זיך נאָך נישט אָפּ קיין פולען חשבון. מיט זיין פאַרגאַנגענהייט פון פאַרפאָלגונגען און ליידען פון דעם אָנהויב פון זיין געשיכטע ביז'ן איצטיגען יאָרהונדערט, איז דאָס אידישע פאָלק געווען בעיקר אַ נישט־קאָנפאָרמיסטיש פאָלק, אַ דיסקרימינירטע און דערנידעריגטע מינדערהייט צווישען מערהייטען; מיר האָבען דעריבער געקעמפט געגען די סיטואַציעס, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען דורך די דאָזיגע מערהייטען, אָפּוואַרפענדיג זייערע אידעאָלאָגיעס און אַקצעפּטירענדיג די ליידען און דאָס מאַרטירערטום אויף אַ העראָאישען אופן, בכדי צו פאַרבלייבען מיט אונזער אייגענעם גורל און אידעאַלען, און באַטייליגענדיג זיך מיט אַ פירענדער ראָלע אין די מערסטע רעוואָלוציאָנערע און אידעאַליסטישע באַוועגונגען אין דער געשיכטע. דאָס דאָזיגע נאָן־קאָנפאָרמיסטישע בילד פון אידישען פאָלק ענדערט זיך ראַדיקאַל, זינט מיר האָבען דערגרייכט גלייכבאַרעכטיגונג כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט און מיר פאַרמאָגען אונזער אייגענע אנערקענטע סאָווערנע מדינה.

פון גרויסע קעמפער געגען דעם סטאַטוס קוואָ זיינען מיר דערגאַנגען צו אַקצעפּטירען אים און צו געניסען פון אים אין אַ גרויסער מאָס. גלייכצייטיג דראָט די דאָזיגע אינטעגראַציע אַלס אַן עמאַנסיפּירט פאָלק צו מאַכען אַ סוף מיט אונזער ספּעציפישען כאַראַקטער אַלס אַ באַזונדערע מינדערהייט מיט אַנדערע מיינונגען, בפרט אין אַ עפּאָכע, ווען די כסדר וואַקסענדיגע מאַכט פון מדינות באַדראָט דאָס לעבען פון די מינדערהייטען אין דער גאַנצער וועלט — אַ פּראָבלעם, וואָס וועט דיסקוטירט ווערען ביי דער איצטיגער קאָנפערענץ פון דער עקזעקוטיווע פון אידישען וועלט־קאָנגרעס. פאַר דער קלאַסישער מינדערהייט, וואָס מיר אידען זיינען, איז עס אַן

אַרויסרוף צו באַמיען זיך צו פאַרזיכערען די רעכט פון די מינדערהייטען אומעטום, צו קאָנען זיין — אין צוגאַב צו גלייכבאַרעכטיגטע בירגער — אויך סעפּאַראַט און אַנדערש, אויפהאַלטענדיג אונזער אייגענע אידענטיטעט.

מאַכענדיג דעם סך־הכל פון די אַלע ענדערונגען, קומען מיר צו אַ זעהר וויכטיגער קאָנסעקווענץ פאַר׳ן אידישען פאָלק. אין משך פון יאָרהונדערטער, אפילו יאָרטויזענטער, זיינען מיר געווען אַ מאַכטלאָז פאָלק, וואָס איז געבליבען לעבען מיט דעם כוח פון ווידערשטאַנד, מיט דעם הערויזם פון פּאַסיוויטעט. היינט־צו־טאָג זיינען מיר נישט מער מאַכטלאָז. אונזער פאָלק האָט באַקומען מאַכט, סיי אַלס מדינת ישראל, און סיי אַלס איינפלוסרייכע פאַרמעגליכע און גייסטיג שאַפערישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט. דער איבערגאַנג צו דער נייער לאַגע האָט געבראַכט זעהר גרויסע פּסיכאָלאָגישע קאָנסעקווענצען. פון איין זייט זייט דאַרף אונזער פאָלק זיין צופרידען און דאַנקבאַר פאַר האָבען דערוואָרבען אַזאַ מאַכט און פאַר האָבען פאַרווירקליכט דעם ציל פון דער ציוניסטישען באַוועגונג, מאַכענדיג אַ סוף צו דער לאַגע, אין וועלכער מיר זיינען געווען אָפּהענגיק אין אונזער גורל פון דער שטעלונג פון פריינד אָדער שונאים. אָבער גלייכצייטיג דאַרפען מיר פאַרשטיין, אַז קיין שום מתנה אין דער געשיכטע האָט נישט אַזאַ צווייזייטיגע באַדייטונג, ווי מאַכט. מאַכט קאָן ברענגען דעם גרעסטען נוצען, אויב זי ווערט באַנוצט אַלס אַן אינסטרומענט צו פאַרווירקליכען אידייען און אידעאַלען. און די גרויסקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, די גרויסקייט פון דער אידישער געשיכטע איז געווען אויסגעדריקט אין דעם פאַרלאַנג צו האָבען אונזער אייגענע מדינה, צו קאָנען שאַפען אונזער אייגענע געזעלשאַפט און באַנוצען די מאַכט פון דער מדינה פאַר פאַרווירקליכען די אידייען, וועלכע מיר האָבען אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געקאָנט בלויז פריידיגען, פאַרשפּרייטען, אָבער נישט רעאַליזירען.

אָבער די באַלדיגע געפאַר פון מאַכט — פאַר יחידים ווי פאַר גרופּעס, פּאַרטייען אָדער מדינות — ליגט אין דעם באַרימטן זאָג, אַז „מאַכט קאָרופּירט״. ווערט אַ ציל פאַר זיך אַליין, אַ קוואַל פון פרייד, פון גלאָריפיקאַציע, פון שטאָלץ פון באַרימעריי און פאַרלירט דעם כאַראַקטער פון אַן אינסטרומענט פאַר אַ גרעסערן ציל. פאַר דער דאָזיגער סכנה שטייען סיי ישראל און סיי די תפוצות. און ס׳קאָן זיין, אַז דאָס שווערסטע און ערנסטע פּראָבלעם פון אידישען לעבען היינט־צו־טאָג איז צו לערנען, ווי אַזוי צו באַנוצען מאַכט

מיט אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט און פּראַפּאַרץ. דאָס אידישע פאָלק האָט אין משך פון דורות געליטען נישט בלויז בכדי צו בלייבען לעבען אַלס פאָלק — אַלס אַ ציל פאַר זיך אַליין — נאָר צו בלייבען אַ פאָלק פאַר דער פאַרווירקליכונג פון זיינע רעליגיעזע און עטישע אידייען אין דעם רעאַלען לעבען אויף דער וועלט. אין דעם באַשטייט די גרויסקייט פון אידענטום פון די צייטען פון תנ״ך, פון די נביאים ביז צו זיינע בעסטע פאַרשטייער אין אונזער אייגענעם דור. די טענדענצען, וואָס אַנטוויקלען זיך איצט — באַזונדערס צווישען אַמעריקאַנער אידענטום — צו באַגרעניצען די פּראָבּלעמען און אַקטיוויטעטען בלויז פאַר דעם אייגענעם נוצען און וואָס זענען מבטל דעם אוניווערסאַלען כאַראַקטער פון אונזערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אידייען — זיינען אַן אַנדייטונג אויף די געפאַרען, וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט אונזער נייער פּאָזיציע אַלס אַ פאָלק מיט מאַכט.

די אַלע ראַדיקאַלע ענדערונג און די פּראָבּלעמען, וואָס קומען אַרויס פון זיי, רירען אָן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, אָבער זיי אונטערשיידען זיך אין דער פאָרם, אָפּהענגיג פון די לענדער אין וועלכע אידען לעבען. דאָס מיינט, אַז בלויז דורך אַ געמיינזאַמער באַהאַנדלונג פון די פּראָבּלעמען און דורך אַ בשותפות׳דיגער אַקציע קאָנען געפונען ווערען די לייזונגען פאַר די פראַגען. קיין איין טייל פון אידישען פאָלק קאָן נישט אַליין אַנטוויקלען די לייזונגען. און עס וועט אויך דויערן אַ צייט, ביז מיר וועלן זיי געפינען. די באַדייטונג פון אידישען וועלט־קאָנגרעס, וואָס נעמט אַרום די גרויסע מערהייט אידען אין ישראל און אין די תפוצות, באַשטייט אין דעם, אַז ער איז דער אינסטרומענט, וואָס עקזיסטירט און וואָס האָט די פעהיגקייט און מעגליכקייט צו זען די דאָזיגע פּראָבּלעמען אין זייער גאַנצקייט, אין דער ראַם פון דער וועלט־סיטואַציע, און ער קאָן אַ דאַנק דעם פּרואווען צו געפינען די לייזונג קאָלעקטיוו, דורך דער קאָאָפּעראַציע פון אַלע פאַרשיידענע טיילען פון אידישען פאָלק.

אַ נייע געפאַר האָט זיך באַוויזען אין אידישען לעבען, און זי ווערט כסדר דרינגענדער און שאַרפער. דאָס איז די טענדענץ צו סעפּאַרירען פּראָבּלעמען, צו שאַפען פאַרשיידענע אינסטרומענטען פאַר באַהאַנדלען יעדע פראַגע באַזונדער, נישט רעאַליזירענדיג, אַז פונדאַמענטאַל זיינען די אַלע פראַגען פאַרבונדען איינע מיט דער אַנדערער, און זיינען אַ טייל פון דער לאַגע פון אונזער גאַנצען פאָלק. בעת דעם אידישען וועלט־קאָנגרעס האָט

זיך איינגעגעבען לעצטענס, אַז עס זאָלען זיך אָנשליסען אָן אים פּיל געמיינדעס און אָרגאַניזאַציעס — באַזונדערס אין די פאַראייניגטע שטאַטען — וועלכען זיינען פריער, במשך פון אַ סך יאָרען, געשטאַנען דרויסען — האָט דער קאָנגרעס נאָך אַלץ די אויפגאַבע צו מאַכען אַ סוף צו דער דאָזיגער פּראָגראַמאַטישער דעצענטראַליזאַציע און איזאָלאַציע. און אַנשטאָט דעם שאַפען אייניגקייט אין דער אַקציע פאַר דער לייזונג פון די אידישע פּראָבלעמען.

אַ פאָלק פון היסטאָרישער וויכטיגקייט און ווירדע קאָן פאַרזיכערען דעם המשך פון זיין קיום נאָר, אויב ער בלייבט געטריי זיין ספּעציפישען, היסטאָרישען כאַראַקטער. דאָס פּראָבלעם נומער 1 אין אידישען לעבען היינט־צו־טאָג און פון די קומענדיגע דורות איז צו לערנען, ווי אַזוי אויפ־צוהאַלטען דעם אייגענאַרטיגען כאַראַקטער פון אונזער פאָלק באַזירענדיג אונזער לעבען בעיקר אויף אונזערע ספּעציפישע אידייען און רעליגיעזע און עטישע ווערטען, און נישט אויף דער דרויסענדיגער קראַפט, וואָס מיר האָבען געהאַט דעם זכות צו באַקומען און וואָס מיר דאַרפען לערנען ווי אַזוי צו באַנוצען. ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָב איך דאָס אויסגעדריקט אויף אַן אופן זאָגענדיג, אַז בעת מיר זיינען געווען אומפאַרגלייכליך אין בלייבען אידען אין שלעכטע צייטען, דאַרפען מיר איצט לערנען און באַוויי־זען, אַז מיר קאָנען בלייבען אידען אין גוטע צייטען. פון אונזער פעהיגקייט דאָס צו לערנען און נישט צו ענדערען דעם פונדאַמענטאַלען כאַראַקטער פון אונזער פאָלק — נישט געקוקט אויף די אומגעהויערע ענדערונגען אין אונזער אויסערליכער און אינערליכער פּאָזיציע — וועלען סוף־כל־סוף זיין אָפּהענגיק די צוקונפט, דער המשך און דער זין פון אונזער גורל.

דוד בן־גוריון

רעדע ביי דער סעסיע פון ציוניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט
אין ירושלים, פעברואַר 1974

איך בין דאַנקבאַר דער ציוניסטישער עקזע־קוטיווע פאַר איינלאַדען מיך מספיד צו זיין דוד בן־גוריון׳ען. איך דריק אויס מיין דאַנק נישט בלויז דערפאַר, ווייל דאָס גיט מיר אַ געלעגענהייט אַרויסצוטרעטען אויף אַן אָפיציעלער סעסיע פון ציוניסטישען אַקציאָנס־קאָמיטעט צום ערשטען מאָל זינט איך האָב רעזיגנירט פון דער פּרעזידענטשאַפט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און אויך נישט נאָר דערפאַר, ווייל איך באַטראַכט עס פאַר אַ פּריווילעגיע צו קאָנען מספיד זיין איינעם פון די גרעסטע אידען פון אונזער דור און פון דער אידישער געשיכטע, נאָר אויך צוליב דעם, ווייל דאָס גיט מיר די מעגליכקייט צו כאַראַקטעריזירען און אָפּצושאַצען איינע פון די פאַסצינירענדסטע פּערזענליכקייטען, וואָס איך האָב באַגעגענט אין מיין לעבען. איך האָב אָפט געזאָגט, אַז איינע פון די וויניגע באַלוינונגען פאַר לאַנגע יאָרען פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט איז דאָס צונויפצוקומען זיך מיט אינטערעסאַנטע פיגורען, און צווישען די פיל פירענדע פּערזענליכ־קייטען, וואָס איך האָב באַגעגענט אין די צענדליגער יאָרען פון מיין פּאָלי־טישער אַרבעט — סיי אידען און סיי נישט־אידען — איז דוד בן־גוריון זיכער געווען איינער פון די, וועלכע האָבען געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק און זענען געווען אַממייסטען קאָמפּליצירט און פאַסצינירענדיג.

נעמענדיג אין באַטראַכט די צענדליגער יאָרען פון אונזער ענגער קאָ־אָפּעראַציע און צייטענווייז פון שאַרפער נישט־איינשטימיגקייט — וואָלט איך געוואָלט אָנהויבען מיט עטליכע באַמערקונגען וועגען מיינע פּערזענליכע באַציאונגען מיט דוד בן־גוריון׳ען. מיר זענען אין די מערסטע צייטען געווען פּערזענליכע פריינד. און עס איז געווען איינער פון די אויסדרוקען פון זיין

גרויסקייט, אַז איר האָט געקאָנט האָבען מיט אים די שאַרפסטע חלוקי־דעות, און דאָך געניסען פון זיין אַכטונג און אפילו פריינדשאַפט. בלויז אין זעהר ווייניגע מאָמענטען איז די דאָזיגע פריינדשאַפט אַ ביסעל געשטערט געוואָרען דורך אַקציעס, וועלכע איך האָב באַטראַכט פאַר אומבאַרעכטיגט און נישט־יושר׳דיק.

אין די גרויסע פראַגען אין וועלכע מיר האָבען געאַרבעט צוזאַמען און וועגען וועלכע מיר האָבען געהאַט אומציילִיגע דיסקוסיעס, סיי פּריוואַטע און סיי עפענטליכע, באַזונדערס אין די צוויי גורל׳דיקע הויפּט פּראָבלעמען פון אונזער דור, וואָס זענען געווען סיי דעצידירענדיגע פאַר אונזער צוקונפט און סיי אָנגעלאָדען מיט עמאָציאָנעלע און אידעאָלאָגישע אַספּעקטען — נעמליך די פראַגע וועגען אָננעמען דעם פּלאַן וועגען דער טיילונג פון ארץ ישראל אַלס באַזע פאַר אַ אידישער מדינה אין אַ טייל פון לאַנד, און דער־נאָך די נאָך מער קאָנטראָווערסיעלע פראַגע פון פאַרהאַנדלען מיט דער דייטשער פעדעראַלער רעפּובליק וועגען אַנטשעדיגונגען און די „שילומים״־געלדער — זענען בן־גוריון און איך געווען אויף דערזעלבער זייט פון דער באַריקאַדע. איך צווייפעל, אַז אויב עס וואָלט דורכגעפירט געוואָרען אַ פּלעביסציט וועגעןביידע פּראָבלעמען, צי אַ מערהייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון אידישען פאָלק וואָלט באַשטעטיגט בן־גוריון׳ס און מיין שטעלונג. עס וואָלט אפילו אינגאַנצען נישט געווען מעגליך דורכצופירען אונזער פּאָליטיק אין די פראַגען אָן בן־גוריון׳ס שטאַרקער הילף.

די צוויי הויפּט־פּראָבלעמען וועגען וועלכע מיר האָבען אין משך פון אַ רייע יאָרען געהאַט שאַרפע חלוקי דעות — די וויכטיגסטע פראַגע פון ישראל׳ס אויסערן־פּאָליטיק, איר באַציאונג צו דער אַראַבישער וועלט; און דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון ישראל׳ס אינערליך־אידישער פּאָליטיק, נעמליך די באַציאונג צווישען דער ישראל־רעגירונג און דער ציוניסטישער באַוועגונג און אידישען פאָלק — וועל איך באַהאַנדלען צום סוף פון מיין רעדע.

ווי איך האָב פריער געזאָגט, האָבען די דאָזיגע דיסקוסיעס און מיינונגס־פאַרשידענהייטען — וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרען עפענטליך ביי אַ גרויסער צאָל ציוניסטישע קאָנגרעסען, סעסיעס פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און אַנדערע געלעגענהייטען — נישט פאַרביטערט אונזערע פּערזענליכע באַציאונגען. עס וועט וואַרפען אַן אינטערעסאַנט ליכט אויף דוד בן־גוריון׳ס

כאַראַקטער, ווען איך וועל דאָ באַמערקען, אַז אין משך פון אַ סך יאָרען האָט ער געפּרואווט מיך איבערצייגען צו באַזעצען זיך אין ישראל און ווערען אַקטיוו אין דער ישראל־פּאָליטיק דורך שאַפען אַן אַקטיווע אָפּאָזיציע געגען אים, וואָס וואָלט — ווי ער האָט זיך אָפט אויסגעדריקט — געווען זעהר נויטיג פאַר דער פונקציאָנירונג פון אַן אמת׳ער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָ־קראַטיע. „איך וועל אייך באַקעמפען מיט דער גרעסטער שאַרפקייט״ — האָט ער מיר איינמאָל געזאָגט — „אָבער איך וועל אייך תמיד זיין דאַנק־באַר פאַר אָרגאַניזירען אַן אמת׳ען און עפעקטיווען אָפּאָזיציע־בלאָק געגען מיר״.

די דאָזיגע באַמערקונג פירט מיך צו דעם, וואָס איך וויל באַהאַנדלען קורץ, איידער איך טרעט־צו אָפּצושאַצען דוד בן־גוריון׳ס היסטאָרישע דער־גרייכונגען. איך וויל נעמליך רעדען וועגען בן־גוריון׳ס כאַראַקטער אַלס אַ פירער און אַ פּערזענליכקייט. עס קאָן נישט זיין קיין שום צווייפעל וועגען דעם, אַז ער איז געווען דער שטאַרקסטער און עפעקטיווסטער פירער פון דעם אויסנאַם־דור צו וועלכען מיר געהערען. די אויסערגעוויינליכע קראַפט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט און געטאָן, האָט געהאַט אירע וואָרצלען אין צוויי אייגענשאַפטען זיינע. איין אייגענשאַפט איז געווען זיין אַבסאָלוטע און נישט־רעזערווירטע אידענטיפיקאַציע מיט יעדען ציל, אָדער יעדער פּאָליטישער ליניע וועלכע ער האָט פאַרטיידיגט. די דאָזיגע אידענטיפיקאַציע איז נישט געווען דער רעזולטאַט פון אינטעלעקטו־עלער פּרימיטיווּיטעט, אָדער פון דער אומפעאיגקייט צו זען די שוואַכקייט און די ריזיקעס פון די געפאַרען פון זיין שטעלונג. ער האָט פּשוט נישט צוגעלאָזט, אַז ער זאָל געשטערט ווערען דורך אַזעלכע צווייפלען, וועלכע ער האָט אין פּריוואַטע דיסקוסיעס מיט מיר צייטענווייז אָפען אויסגעדריקט אויף אַן איינפאַכן אופן און מיט אַ שטוינענדער אויפריכטיגקייט. דער מאַן פון אַקציע — האָט געטהע געזאָגט — מוז זיין בלינד. בן גוריון איז געווען ווייט פון צו זיין בלינד, אָבער ער האָט געהאַט דעם טאַלאַנט צו פאַרמאַכען זיינע אויגען, זיינע אויערען און זיין מוח פאַר צווייפלען, וואָס וואָלטען אָפּגע־שוואַכט זיין אַקציע. און אַזוי אַ דאַנק דעם, האָט ער געקאָנט האַנדלען אַזוי, ווי ער וואָלט געווען הונדערט פּראָצענט גערעכט.

דער צווייטער קוואַל פון זיין אומגעוויינליכען כוח פון כאַראַקטער איז געווען זיין טיפער בחת פון האָבען מאַכט. ביים מספּיד זיין, אָדער ביים

באַמיען זיך צו פאַרשטיין פערזענליכקייטען, וועלכע איך האָב באַגעגענט אין מיין לעבען, איז איינע פון די הויפּט־פראַגען, וועלכע איך שטעל זיך: „וואָס איז די פונדאַמענטאַלע מאָטיווירונג פון דעם מענש? וואָס אַזעלכעס באַוועגט אים צו זיין אַקטיוו?" ביי אַ סך נעמט זיך עס פון דעם חשק נאָך כבוד אָדער צו קאָנען אַרומגיין און שטאָלצירען. אַנדערע טוען דאָס דערפאַר, ווייל זיי האָבען ליב מענשען און ווילען זיי העלפען. נאָך אַנדערע ווערען באַוואויגען דורך זייער ליידענשאַפט פאַר אַ באַשטימטען אידעאַל און זייער ווילען ביי־צושטייערען פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דעם אידעאַל. די אַלע מאָטיוון האָבען נאַטירליך עקזיסטירט אויך אין בן־גוריון׳ס פערזענליכקייט, אָבער די הויפּט־קראַפט וואָס האָט אים געטריבען צו זיינע אַקציעס און צו זיין פּאָליטישער ליניע איז געווען דער חשק נאָך מאַכט, און דער טיפער נחת, וואָס ער האָט געהאַט צו באַנוצען מאַכט פאַר דער פאַרווירקליכונג פון אידעאַלען און פאַר דורכפירען זיין פּאָליטישע ליניע. אין דער הינזיכט איז ער געווען — אויב איך קאָן זיך אַזוי אויסדריקען — די פאַרקערפּערונג פון די נייע רעוואָלוציאָנערע טענדענצען, וואָס זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אידישען לעבען דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער ציוניזם האָט געלערנט דאָס אידישע פאָלק נישט צו זיין צופרידען בלויז מיט פאַרטיי־דיגען אידעאַלען, מיט שרייבען ביכער און האַלטען רעדעס וועגען זיי, נאָר צו שאַפען זיין אייגענע רעאַליטעט און באַקומען מאַכט, בכדי צו פאַר־ווירקליכען און מעשים די חלומות, מיט וועלכע אידען זענען אַרומגעגאַנגען אין משך פון אַ סך יאָרהונדערטער. דער דאָזיגער אַספּעקט פון ציוניזם — צו באַקומען מאַכט פאַר׳ן אידישען פאָלק — וואָס איז איינער פון די רע־וואָלוציאָנערע נייע אַספּעקטען אין לעבען פון אונזער דור נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט געפונען זיין פערפעקטען אויסדרוק אין בן־גוריון׳ען אַלס אַ ציוניסטישען פירער און פרעמיער־מיניסטער פון ישראל.

דער פאַקט, אַז ער איז געוואָרען אינגאַנצען באַהערשט פון אַ פּראָבלעם, וואָס ער האָט אין דעם באַטרעפענדען מאָמענט באַטראַכט פאַר דעם וויכ־טיגסטען, האָט פאַרוואַנדעלט בן־גוריון׳ען אין דעם שטאַרקסטען, אָבער אויך אין דעם אַממייסטען איינזייטיגען אידישען פירער פון אונזער צייט. אים איז קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען די גאַנצקייט פון פּראָבלעמען אין אַ געוויסער סיטואַציע. ער פלעג זיך אריינוואַרפען, אַן רעזערוואַציעס אין דער אָנשטרענ־גונג צו פאַרווירקליכען דאָס, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר דעם נויטיגסטען

און וויכטיגסטען. ווען ער האָט געהאַלטען, אַז דאָס אויפבויען אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע אַרבעטער באַוועגונג אין ארץ ישראל איז אַ גרינדליכע נויטוועגדיגקייט, האָט ער זיך געווידמעט כמעט אויסשליסליך דער דאָזיגער אויפגאַבע. ווען ער האָט, בעת עס האָט זיך דערנענטערט די מעגליכקייט פון גרינדען די אידישע מדינה, געפילט, אַז די הויפטזאַך איז צו שאַפען אַ שטאַרקע הגנה, האָט ער איבערגענומען די דאָזיגע אָפּטיילונג און האָט זיך באַשעפטיגט כמעט בלויז מיט דעם אַליין. אַזוי האָט ער געהאַנדעלט מיט יעדען פּראָבלעם אָדער אויפגאַבע, וואָס ער האָט אין דעם באַשטימטען מאָמענט באַטראַכט פאַר דעם עיקר. איך האָב אים אָפט געזאָגט, אַז פון דעם שטאַנדפּונקט איז ער געווען דער היפך פון אַ פּרעמיער־מיניסטער, ווייל דאָס האָט אים נאַטירליך געפירט צו פאַרנאַכלעסיגען אַנדערע וויכטיגע פּראָבלעמען, וואָס זענען געבליבען נישט געלייזט, און זענען אפילו נישט באַהאַנדעלט געוואָרען. אָבער דאָס האָט אים געגעבען דעם אומגעהויערען כוח און די פעהיגקייט דורכצופירען וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אומ־באַדינגט וויכטיג.

ער איז געווען אַ מענש, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט באַרימט און האָט נישט ליב געהאַט קיין פערזענליכען פּרסום. ער איז געווען צופיל זיכער אין זיך אַליין, אַז ער זאָל זיך נויטיגען אין אַזעלכע קליינליכע סאַטיספאַקציעס. פון דער אַנדערער זייט האָב איך געקענט זעהר ווייניג פירער, וועלכע זאָלען האָבען אַזאַ שטאַרקען חוש פאַר זייער היסטאָרישער וויכטיגקייט, ווי דוד בן־גוריון. ער איז נישט בלויז געווען איבערצייגט, אַז די אויפגאַבע צו שאַפען די אידישע מדינה איז אַ געשעעניש פון גרויסער היסטאָרישער באַ־דייטונג און פאַרנעם, נישט נאָר פון אידישען נאָר אויך פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. ער האָט אויך געפילט, אַז זיין ביישטייערונג צו פאַרווירקליכען דעם דאָזיגען אידעאַל איז געווען היסטאָריש וויכטיג אין יעדער איינצעלהייט. איך ווייס נישט, צי עס זענען געווען נאָך אַנדערע פירער, וועלכע האָבען אַזוי ווי ער, פאַרצייכענט מיט אַזוי פיל ליידענשאַפט און אינטענסיוויטעט יעדע זאַך, וואָס זיי האָבן געטאָן; ס'איז גוט באַקאַנט, אַז ער פלעג זיך מאַכען נאָטיצען בעת יעדען געשפּרעך, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר וויכטיג. ער האָט אַנטוויקעלט אַ פאַסצינירענדיגע טעכניק — וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געהעריג פאַרשטאַנען, — צו שרייבען, ווען מען האָט גערעדט צו אים, און דאָך האָט ער אין דערזעלבער צייט זיך צוגעהערט צו אייך מיט דער

פולער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זיכער איבערגעלאָזען הונדערטער פון זיינע באַרימט־געוואָרענע קליינע נאָטיץ־ביכער, וואו ער האָט פאַרשריבען זיינע אַקטיוויטעטען אין משך פון אַ סך יאָרען. און איך האָף, אַז די ישראל־רעגירונג און די ציוניסטישע עקזעקוטיווע וועלען זאָרגען דערפאַר, אַז לכל הפחות די היסטאָריש וויכטיגע טיילען פון זיינע נאָטיצען זאָלען פאַרעפענטליכט ווערען אין דער געהעריגער צייט. זיי וועלען זיין אַ באַדייטענדער קוואַל פאַר דער געשיכטע פון דער גרויסער תקופה, ערב דער גרינדונג פון דער אידישער מדינה און פון דער עפּאָכע, ווען ער האָט אָנגעפירט מיט דער ישראל־רעגירונג. דערפאַר, וואָס בן גוריון איז געווען אַזעלכער, ווי ער איז געווען, דאַרפען זיינע באַריכטען און מיינונגען תמיד אָפּגעשאַצט ווערען מיט אַ געוויסען רעזערוו. און אַ סך טיילען פון זיינע נאָטיצען קאָנען זיין מער אַ קוואַל פאַר שטודירען בן־גוריון׳ען, ווי פאַר דער אָביעקטיווער געשיכטע פון דער עפּאָכע, אין וועלכער ער איז געווען אַקטיוו.

ער איז געווען ווייט פון צו זיין אַ פשוט׳ע פערזענליכקייט. להיפך — פאַר די, וועלכע האָבען אים גוט געקענט און האָבען, אַזוי ווי איך, געהאַט די געלעגענהייט צו פירען מיט אים פערזענליכע, צייטענוויז זעהר אינטימע און פאַרטרויליכע געשפּרעכען — איז ער געווען אַ קאָמפּליצירטע פיגור, אָפּט מיט אַ סך סתירות. ער איז געווען אומ׳ברחמנות׳דיג אין געזעלשאַפטליכען און פאָליטישען לעבען. און גלייכצייטיג האָט ער אין זיין פערזענליכער ספערע געקאָנט זיך אויפפירען פיין און צאַרט, באַזונדערס אין זיין אומ־געוויינליכער באַציאונג צו זיין פרוי פּאָלאַ. בכדי צו ברענגען בלויז איין אילוסטראַציע דערפון, ווי זעהר איידעל און פיינפילענד בן־גוריון האָט געקאָנט זיין, וועל איך דערציילען אַ פאַקט, וואָס איז געבליבען פאַר מיר אומפאַרגעסליך אין מיין זכרון. ביים אָנהויב פון איינעם פון אונזערע זעהר פערזענליכע געשפּרעכען האָט ער מיר געזאָגט: „וואָלט איר געוואָלט אַזוי גוט זיין אויסדרייען אייער שטול אויף דער אַנדערער זייט און זיצען מיט׳ן פנים צו דער וואַנט?״ ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים מיט גרויס פאַרוואונדערונג, האָט ער ווייטער זיך אָנגערופען: „אין דעם, וואָס איך קלייב זיך איצט אייך צו זאָגען, וועל איך אייך דאַרפען מאַכען אַ רייע קאָמפּלימענטען. קענענדיג אייך, פאַרשטיי איך, אַז איר האָט נישט ליב צו הערען קאָמפּלימענטען, און איר וועט זיך פילען אומבאַקוועם. איך האָב אויך נישט ליב צו מאַכען קאָמפּלימענטען צו אַ פריינד. עס וועט דעריבער זיין לייכטער

פאַר מיר צו רעדען צו אייך, ווען איר וועט נישט קוקען אויף מיר". און אַזוי בין איך כמעט אַ פערטעל שעה געזעסען און זיך צוגעהערט צו אים, וואָס ער האָט מיר געהאַט צו זאָגען, קוקענדיג אויף דער וואַנט.

דוד בן־גוריון איז אַן שום צווייפעל געווען אַ שטאַטסמאַן מיט וויזיע, און ער האָט על פי רוב באַטראַכט פּראָבלעמען מיט אַ טיפען בליק און גרויסן פאַרנעם. און גלייכצייטיג איז ער געווען אַן ערשט־קלאַסיגער פּאַרטיי־פּאָליטיקער און טאַקטיקער. ביידע אייגענשאַפטען גייען זעלטען צוזאַמען. אין אַלגעמיין זענען שטאַטסמענער שלעכטע פּאַרטיי־פירער, און להיפך. דער בולט׳סטער ביישפיל דערפאַר איז טשוירטשיל, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע שטאַטסמענער פון אונזער עפּאָכע. אָבער אַ זעהר שוואַכער „פּאָליטישען" אין אינערליכען פּאַרטיי־פּאָליטישען לעבען. אַ שאַר־פער אויסנאַם איז פאַר מיר תמיד געווען פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, וועלכער האָט פאַראייניגט אין זיך ביידע אייגענשאַפטען. דוד בן־גוריון האָט באַוויזען צו זיין סיי אַ שטאַטסמאַן און סיי אַ פּאַרטיי־פירער און טאַקטי־קער, מיט׳ן אויסנאַם אפשר פון די לעצטע יאָרען פון זיין אַקטיוויטעט. בעת דער פרשה לבון, ווען זיינע אומגעוויינליכע פעהיגקייטען אַלס אַ פּאַרטיי־פּאָליטיקער האָבען אָנגעהויבען ווערען שוואַכער. און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג אין דעם קאָנפליקט און האָט סוף־כל־סוף רעזיגנירט.

איינע פון די באַדייטענדסטע כאַראַקטעריסטיקעס פון זיין שטאַטס־מאַנשאַפט איז געווען דער פאַקט, אַז ער האָט פאַראייניגט אין זיך אַן אומ־געהויערען קוראַזש, געוואַגטקייט און גרייטקייט צו נעמען די גרעסטע ריזי־קעס פון איין זייט, מיט דער טיפער פאַרשטענדעניש פאַר רעאַליטעטען און אַ ניכטערען צוגאַנג צו פּראָבלעמען, ווען דאָס איז געווען נויטיג — פון דער אַנדערער זייט. אַ שטאַרקער ביישפיל דערפון איז געווען זיין שטעלונג נאָך דער סיני־אַקציע אין 1956. נאָכדעם ווי ער האָט דאַן פייערליך פּראָקלאַ־מירט, אַז ישראל גייט אַנעקסירען דעם עזה־ראַיאָן און דעם דרום־טייל פון סיני־האַלב־אינזעל, בכדי צו באַשיצען איר פרייען שיף־פאַרקער אין גאָלף פון אילת. האָט ער אַ קורצע צייט שפּעטער אָנגענומען די פאָדערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען, און פון סאָוועטען־פאַרבאַנד צוריקצוציען זיך פון ביידע פּאָזיציעס. ביי דער גאַנצער אַנטוישונג און שווערער פּיין, וואָס די דאָזיגע אולטימאַטיווע פאָדערונג פון די צוויי גרויסמאַכטען האָט געקאָנט

אַרויסרופען אין אים, איז ער געווען גענוג רעאַליסטיש צו פאַרשטיין, אַז ישראל קאָן נישט אַ לאַנגע צייט זיך אַנקעגענשטעלען דער פאַראייניגטער פאָדערונג פון ביידע גרויסמאַכטען. ער האָט זיך נישט לאַנג געוואַקעלט און האָט, זייענדיג די שטאַרקע פערזענליכקייט, וואָס ער איז געווען, נאָכגעגעבען — נישט געקוקט אויף דער נעגאַטיווער שטעלונג פון דער עפענטליכער מיינונג און געגען די עצות פון אַ סך פון זיינע נאָענטסטע ראַטגעבער.

אַ צווייטער ביישפּיל איז געווען זיין באַציאונג צו מערב־דייטשלאַנד. נישט בלויז האָט ער געשטיצט מיין עצה, אַריינצוגיין אין דירעקטע פאַר־האַנדלונגען מיט דער אַדענאַוער־רעגירונג, נאָר ער איז אויך בייגעקומען אַ סך גיכער, ווי די מערסטע אַנדערע ישראל־פירער, די עמאָציאָנעלע שטערונגען צו האַנדלען מיט דער דייטשער רעגירונג נאָך דער נאַצי־עפּאָכע. און ער האָט געטאָן אַלץ צו פאַרבעסערען און נאָרמאַליזירען די באַ־ציאונגען — אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַנטוויקעלט אַ געגענזייטיגען רעספּעקט און פריינדשאַפט מיט אַדענאַוער׳ן, וואָס האָט געפירט, ווי עס איז גוט באַקאַנט, צו וויכטיגע קאָנסעקווענצען פון גאָר גרויסען נוצען פאַר ישראל.

די שטאַרקסטע סתירה אין זיין פערזענליכקייט איז לויט מיין מיינונג, געווען אַ מין פּערמאַנענטער קאָנפליקט צווישען זיין אינטעליגענץ און זיין כאַראַקטער, וואָס האָט אים אָפט געשטערט נאָכצופאָלגען זיין בריליאַנ־טענעם דענקען ביז צו די לאָגישע קאָנקלוזיעס. דאָס האָט זיך באַצויגען הויפּטזעכליך צו זיינע האַנדלונגען אין דער פּאָליטיק מיט די אַראַבער. איך וועל דאָ ציטירען איינעם פון די אומפאַרגעסליכע געשפּרעכען, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים, זיצענדיג אין דער קיך פון זיין הויז אין רחביה. מיר זענען געזעסען אַליין, אונטער פיר אויגען, פון אַרום 10 אין אָוונט ביז אַ זייגער צוויי־דריי פאַרטאָג. ער האָט מיר דערקלערט, פאַרוואָס נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער באַגרייפט, אַז אָן שלום מיט די אַראַבער און אָן זייער ווילען און גרייטקייט צו אַקצעפּטירען די אידישע מדינה, אַלס אַ גלייכבאַרעכטיגטער מיטגליד אין דער פאַמיליע פון די מלוכות אין מיטעלען מזרח, וועט זיין שווער אַנצוהאַלטען ישראל׳ס קיום — גלויבט ער נישט אין שלום מיט די אַראַבער אין דער נאָענטער צוקונפט. די אַראַבער, האָט ער געזאָגט, קוקען מסתמא אויף אונז אַזוי ווי מיר וואָלטען פון זיי אוועקגע־נומען אַ טייל פון פאַלעסטינע, ווי מיר וואָלטען צוגענומען אַ טעריטאָריע, וואָס זאָל האָבען געהערט צו זיי יאָרהונדערטער, טאָקע נישט לעגאַל.

אין צוגאב צו דעם האבען זיי געליטען מפלות, וואס די אידען, וועלכע זענען אזוי וויניגער אין צאל פון די אראבער האבען געבראכט אויף זיי. די אראבער קאנען נישט איבערקומען די דאזיגע דערנידעריגונג. געוויס קאן דאס נישט טאן דער איצטיגער אראבישער דור. דער צוקונפטיגער אראבישער דור, וועלכער וועט האבען פארגעסען די מפלה און וועט איבער־קומען די פסיכאלאגישע שטערונג, וועט אפשר זיין גרייט צו דערגרייכען צו א פארשטענדיגונג מיט ישראל.

אויף אן ענליכען אופן האט בן־גוריון מיר אמאל דערקלערט, פאר־וואס לויט זיין מיינונג קאן נישט נאסער אקצעפטירען דעם פאקט פון דער אידישער מדינה און אנערקענען ישראל. נאסער קאן דאס נישט טאן, ווייל אלס אן אפיציר פון דער עגיפטישער ארמיי איז ער דערנידעריגט געווארען און באליידיגט געווארען אין זיין מיליטערישען שטאלץ, בעת דער מלחמה געגען ישראל אין 1948. „ער וועט דאס קיינמאל נישט קאנען פארגעסען, אדער פארגעבען. ער וועט קאנען היילען די וואונד, וואס ער האט באקומען, נאר אויב ער וועט באזיגען ישראל אין אן אנדערער מלחמה" — האט בן־גוריון געזאגט וועגען נאסער'ן.

איך האב געענטפערט בן־גוריונ'ען, אז איך האב געלערנט פון אבסער־ווירונגען, אז מענטשען אורטיילען אפט אנדערע אויף דער באזע פון זייערע אייגענע דערפארונגען און זייער אייגענעם כאראקטער. „איר, בן־גוריון — האב איך אים געזאגט — זענט א מענש, וועלכער פארגעסט זעהר זעלטען און איז קיינמאל נישט מוחל. אויב איר האט געליטען א מפלה, וועט איר נישט רוען, ביז איר וועט נישט נעמען אייער נקמה און איר וועט עס פאר־גיטיגען, מיט א נצחון. אבער ווי אזוי קאנט איר זיין זיכער, אז נאסער איז א צווייטער בן־גוריון?"

נאך א ביישפיל פון דעם, וואס איך באטראכט ווי א מין סתירה צווישען בן־גוריונ'ס דענקען און פילען, צווישען זיין מוח און זיין כאראקטער, איז דער אופן, ווי אזוי ער האט רעגירט מיט ישראל. אין זיין פילאזאפיע איז ער זיכער געווען אן איבערצייגטער דעמאקראט. אבער אין זיין קאריערע איז ער געווען מער א דיקטאטאר, ווי א דעמאקראטישער פרעמיער־מיניסטער. מיט'ן אויסנאם אפשר פון אדענאוער'ן איז בן־גוריון געווען דער שטארק־סטער הערשער פון א פארמעל דעמאקראטישער מדינה, וואס איך האב געקענט. און ער האט דאמינירט ישראל אין משך פון צען ביז פופצען יאר

נישט מיט מיליטערישער מאַכט, אָדער מיט דראָאונגען צו אונטערדריקען די פרייהייט. אין דער הינזיכט פון דעם רעכט צו קריטיקירען און אויסדריקען נישט־איינשטימיגקייט איז ישראל געווען פון אָנהויב אָן און איז ווייטער אויך היינט־צו־טאָג די פרייעסטע פון אַלע דעמאָקראַטיעס. ווי דער אַרכיטעקט פון דער ישראל־אַרמיי האָט בן־גוריון געהאַט איינעם פון זיינע גרויסע פאַר־דינסטען דורך זיין האַנדלונג, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזט די מיליטערישע פירער צו שפּילען די קלענסטע פּאָליטישע ראָלע. און אין דעם זין וואָלט ישראל היינט־צו־טאָג זיך געקאָנט אַ סך אָראָפּלערנען פון בן־גוריון׳ס ביישפּיל. אָבער די שטאַרקייט פון זיין כאַראַקטער האָט אים גע־פירט, הגם נישט פאַרמעל, צו פאַרקוקען די נאָרמאַלע גרעניצען פון דעמאָ־קראַטיע און נישט נעמען אין באַטראַכט קיין שום ערנסטע נישט־איינשטי־מיגקייט מיט אים אין פּאָליטישע שריט, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר נויטיג פאַר דער צוקונפט פון מדינת ישראל.

אַן אַנדערע סתירה אין זיין פערזענליכקייט איז געווען זיין קאָמבינאַציע פון אידעאַליזם און אפילו מאַראַליזם, פון איין זייט, און זיין ליידענשאַפט פאַר מאַכט, פון דער צווייטער זייט. פון אָנהויב אָן און אין די שפּעטערדיגע יאָרען אַלץ מער און מער האָט ער אונטערגעשטראָכען דעם פאַקט, אַז ישראל קאָן נישט זיין קיין מדינה, ווי אַנדערע מלוכות; אַז דאָס אידישע פאָלק קען האָבען אַ געזיכערטען המשך נאָר דורך זיין אַן „עם סגולה”; און אַז די אידעאַלען פון אונזערע נביאים מוזען זיין די פּרינציפּען, לויט וועלכע די יונגע מדינת ישראל דאַרף זיך פירען. פון דער אַנדערער זייט האָט ער זיך נישט געוואַקעלט צו באַנוצען מיליטערישע קראַפט, און ביי אַ געלעגענהייט אויף אַן אומ׳ברחמנות׳דיגען אופן, נישט בלויז בכדי צו רעאַגירען אויף די מלחמה־דראָאונגען פון די אַראַבער נאָר אין משך פון יאָרען, אויך אויף פירען אַ פּאָליטיק פון אָפּרעכענען זיך פאַר די אַראַבישע אָנפאַלען — אַ פּאָליטיק וואָס איז לויט דער מיינונג פון אַ סך געווען שטאַרק צווייפעל־האַפט פון אַ ריין־מאָראַלישען שטאַנדפּונקט, אָפּגעזען שוין דערפון, אַז עס איז געווען אַ גרויסע פראַגע וועגען דעם, צי דאָס העלפט צו פאַרקלענערען דעם קאָנפליקט מיט די אַראַבער, אָדער פאַרשאַרפט אים גאָר נאָך מער. ווען איך האָב עטליכע מאָל דיסקוטירט מיט בן־גוריון׳ען וועגען דער דאָזיגער סתירה, האָט ער אַרגומענטירט — און איך מיין, אַז מיט אַ געוויסער באַרעכ־טיגונג — אַז אַזוי לאַנג ווי די מדינה מוז באַשיצען איר זיכערקייט, ווייל

עס איז נישטאָ קיין שלום מיט די אַראַבער, מוז ישראל זיך פאַרלאָזן מער אויף איר שטאַרקייט און אויף איר מאַכט, ווי אויף אידעאַליסטישע אַמבי־ציעס. אָבער ער איז שטענדיג געווען באַאומרואיגט דערפון, אַז דער יונגער דור באַזונדערס קאָן פאַרגעסן, אַז אַן די אידעאַלען פון דער אידישער געשיכטע מוז — פון אַ ווייטערן בליק — געשטעלט ווערן אין ספק די עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג פון דער אידישער מדינה. בן־גוריון האָט אפילו מורא געהאַט, אַז אויב דער קריגס־צושטאַנד וועט אָנהאַלטען אַ לאַנגע צייט, קאָן ישראל פאַרלירן פון אויג איר אַמביציע צו זיין אַן „עם סגולה" און אַנשטאַט דעם זיך אַנטוויקלען אַלס אַ מדינה, ווי אַלע אַנדערע מלוכות, אַוועקלאָזנדיג זיך אויפ'ן וועג פון ריעאַליזם, פראַגמאַטיזם און אָפּאָרטוניזם.

די גרויסקייט פון בן־גוריון'ס פערזענליכקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פאַקט, וואָס נישט געקוקט אויף זיינע אינערליכע סתירות, האָט ער דערגרייכט אַן אויסגעצייכנעטע האַרמאָניע אין זיין אויסזען פאַר דער דרויסענדיגער וועלט; האָט געשאַפען וועגן זיך דאָס בילד פון אַ מענשען אָן שוואַכקייטען אָדער צווייפלען און האָט אויך געשאַפען אַ פולע סינטעזע צווישען די זעהר קאָמפּליצירטע, פאַרשיידענאַרטיקע און אָפט סתירות'דיגע אַספּעקטען פון זיין פערזענליכקייט.

אַ וואָרט דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דעם כאַראַקטער פון בן־גוריון'ס אינטעלעקט. ער איז געווען אַ מענש מיט אַן אומגעהויערער דורשט פאַר לערנען און וויסען. ווייל ער האָט נישט געהאַט די מעגליכקייט צו קריגען אַ פולע אַקאַדעמישע אויסבילדונג, האָט ער זיך באַמיט איבערצוקומען דעם דאָזיגען חסרון און האָט, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע פיל באַשעפטיגונגען, געווידמעט אַ גרויסען טייל פון זיין צייט צו לייענען און דערווערבען זיך וויסענשאַפט. זיין לייִדענשאַפט פאַר ביכער איז געווען נישט נאָר אימפּאָני־רענדיג, נאָר אָפט אויך רירענדיג. מען האָט אים געדאַרפט באַוואונדערן פאַר'ן אַוועקגעבען לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט פאַר אויסברייטערן זיין אינטע־לעקטועלען האָריזאָנט. דאָס האָט זיך קודם־כל באַצויגען צו זיין כסדר־דיגען אָפּגעבען זיך מיט חכמת ישראל. זיין לייִדענשאַפט פאַר'ן תנ"ך איז אַלגעמיין באַקאַנט, און ער איז געוואָרען אין די לעצטע יאָרען אַ גרויסער וויסענשאַפטלער אין תנ"ך. אָבער אינטעלעקטועל איז ער געווען פונקט אַזוי איינזייטיג, ווי אין זיינע אַקטיוויטעטען. ער איז געווען אַ מענש אָן דער קלענסטער פאַרשטענדעניש פאַר מוזיק, מאָלעריי, אָדער — מיט

קליינע אויסנאַמען — פאַר ליטעראַטור. זיין אמת׳ער אינטעלעקטועלער אינטערעס איז געווען פאַר פילאָזאָפיע, און וואָס עלטער ער איז געוואָרען, האָט ער זיך מער אָפּגעגעבען מיט נאַטור־וויסענשאַפט. ביי מערערע געלע־גענהייטען האָט ער מיר געזאָגט, אַז אויב ער וואָלט געדאַרפט אָנהויבען זיין לעבען פונדאָסניי, וואָלט ער זיך נישט באַשעפטיגט מיט געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען און מיט פּאָליטיק, נאָר וואָלט זיך געווידמעט דער שטודירונג פון ביאָלאָגיע.

צום סוף פון מיינע אויספירען וויל איך דיסקוטירען זיינע דערגריי־כונגען. ס׳איז נישטאָ קיין שום ספק אין דעם, אַז דאָס אידישע לעבען אין די פאַרגאַנגענע דרייסיג יאָר וואָלט אויסגעזען אַנדערש, אָן בן־גוריון׳ען. און אויב דער פּרואוו פון דעם, וואָס מען רופט אַ גרויסער פירער, איז די מאָס פון זיין איינפלוס און ווירקונג אויף זיין דור און זיין עפּאָכע, איז דוד בן־גוריון זיכער געווען איינער פון די ווייניגע גרויסע פּערזענליכקייטען פון אונזער דור, אויב נישט די גרעסטע. זיין גרעסטע דערגרייכונג איז נאַטיר־ליך געווען דאָס שאַפען די אידישע מדינה. עס וואָלט געווען אומבאַרעכטיגט און נישט יושר׳דיג צו זאָגען, אַז ער איז געווען דער איינציגער אַרכיטעקט פון מדינת ישראל. קיין שום גרויסע היסטאָרישע געשעעניש קאָן קיינמאָל נישט פאַרשריבען ווערען אויפ׳ן חשבון פון נאָר איין מענש. אָבער בן־גוריון איז אָן שום צווייפעל געווען די אָממייסטען טרייבענדע קראַפט הינטער דער שטרעבונג פאַר דער אידישער מדינה (ווי מיר האָבען עס דעפינירט צום ערשטען מאָל אין דעם בילטמאָר־פּראָגראַם. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען זייענדיק דעמאָלט דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין די פאַראייניגטע שטאַטען, האָב איך געהאַט די פּריווי־לעגיע צו קאָאָפּערירען זעהר נאָענט מיט בן־גוריון׳ען), און קודם־כל אין דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל. דאָס פּראָקלאַמירען די אידישע מדינה אין, אין יענער צייט, געוויס געווען אַ זעהר ריזיקאַלישער אַקט. און איך צווייפעל, צי אָן בן־גוריון׳ס גרייטקייט צו נעמען די ריזיקע, אָן זיין קוראַזש און אומבאַגרעניצטען גלויבען, וואָלטען מיר אין דעם מאָמענט פּראָקלאַמירט די אידישע מדינה. אָבער זיין דערגרייכונג איז, היסטאָריש געזען, געווען נאָך אַ סך גרעסער, ווי בלויז דאָס פּראָקלאַמירען די מדינה. אין די ערשטע דעצידירענדע פופצען יאָר האָט ער, ווי איך האָב געזאָגט, רעגירט מיט ישראל, מיט אַן אייזערנער האַנט. ער האָט פאָרמולירט און אַנטוויקעלט

ישראל׳ס אויסערן־פּאָליטיק, און אין זעהר אַ גרויסער מאָס אויך די אינ־לענדישע פּאָליטיק. אין משך פון אַ סך יאָרען איז ער געווען ישראל, אָן שום גוזמא. צוליב דעם, וואָס ער האָט פולשטענדיג דאָמינירט די פירענדע פּאַרטיי, וועלכע שטייט אין שפּיץ פון דער ישראל־רעגירונג — דורך געוויסע אָפּמאַכען און פאַרבינדונגען מיט אַנדערע גרופּעס — ביז היינט־צו־טאָג, איז זיין אייגענע פּאָזיציע געווען אַמייסטען אַנטשיידענדיג פאַר דער רעגירונג און פאַר׳ן פּאַרלאַמענט. בן־גוריון׳ען אַליין איז געווען זעהר שווער צו באַאיינפלוסען. ער האָט רעספּעקטירט דעם מוט פון געגנער אָבער זיי האָבען זעלטען געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק. און נאָך זעלטענער איז ער געוואָרען איבערצייגט פון אַרגומענטען, וואָס זענען געווען געגען זיינע מיינונגען און געגען זיין פּאָליטיק.

נאָך וויכטיגער און באַדייטענדער, ווי זיין פּראָקלאַמירען די אידישע מדינה און אָנפירען מיט איר אין דער ערשטער עפּאָכע, איז געווען, וואָס ער האָט אויסגעפּאָרעמט דעם כאַראַקטער פון דעם נייעם טיפּ איד, וועלכען ישראל האָט באַשאַפען. דאָס איז אַ דערגרייכונג, וואָס איז זעהר זעלטען אין דער געשיכטע. אַ סך פון די הויפּט־כאַראַקטעריסטיקעס פון סאַבראַ, באַזונדערס פון דעם יונגען דור ישראלים — זייער עקשנות, זייער אומווילען צו זיין בויגזאַם און מאַכען קאָמפּראָמיסען; זייער אומ׳ברחמנות׳דיגקייט ביי פאַרשיידענע געלעגענהייטען; זייער איבערצייגונג, אַז זיי זיינען אַבסאָלוט גערעכט; זייער נישט רעכענען זיך מיט דער מיינונג פון אַנדערע, ספּעציעל פון דער נישט־אידישער וועלט; זייער זיכערקייט, אַז גייענדיג פון נצחון צו נצחון וועלען זיי צווינגען די אַראַבער צו אַקצעפּטירען ישראל — די אַלע און נאָך פיל אַנדערע כאַראַקטעריסטיקעס זענען אין דער ווירקליכקייט אַ רעזולטאַט פון דעם איינפלוסרייכען ביישפּיל און פון דער מעכטיגער געשטאַלט פון בן־גוריון׳ס פּערזענליכקייט און פון זיין פּאָליטישער ליניע. אין דער הינזיכט קאָן געזאָגט ווערען אָן גוזמא, אַז עס איז אוממעגליך פאַרצושטעלען זיך די מאָדערנע מדינת ישראל, ווי זי האָט זיך אַנטוויקעלט, אָן בן־גוריון׳ס מעכטיגער השפּעה.

און איבער דעם, וואָס ער איז אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבען נישט געווען מער ביי דער מאַכט, האָט ער זיך געענדערט, אָדער ריכטיגער — ער האָט אַנטוויקעלט אין זיך אייגענשאַפטען, וועלכע ער האָט געמוזט פאַרנאַכלעסיגען פריער. ער איז געוואָרען מער אַ אידעאָלאָג, ווי אַ מענש

פון אַקציע. ווען זיינע מאָטיווירונגען זענען נישט געווען מער צו באַנוצען מאַכט, אָדער צו דאָמינירען מיט זיינע שטאַנדפּונקטען, איז זיין דענקען אַלס אַ פּריוואַטער בירגער אין זיין איזאָלירונג אין שדה־בוקר געוואָרען — אויב איך קאָן זיך אַזוי אויסדריקן — מער דעצידירענדיג פאַר אים, ווי זיין כאַראַקטער. און ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ בן־גוריוניסט. ער האָט אַ סך מער אונטערגעשטראָכען די נויטווענדיגקייט צו קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט די אַראַבער. ער איז געוואָרן מער בויגזאַם אין זיינע באַדינגונגען פאַר דערגרייכען צו אַ פאַרשטענדיגונג נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. ער האָט אָנגעהויבען אָפּשאַצען אַ סך מער, ווי פריער, די וויכטיגקייט פון דער עפענטליכער מיינונג פון דער וועלט. ער איז געווען גרייט אָנצונעמען די טעזע, וועלכע איך האָב פאַרטיידיגט זינט יאָרען אין מיינע עפענטליכע דיסקוסיעס מיט אים, אַז דאָס אידישע פאָלק אין די תפוצות דאַרף באַטראַכט ווערען דורך ישראל אַלס אַ שותף אין בויען דאָס לאַנד, און נישט בלויז אַלס פריינד און די, וואָס גיבען הילף. אין אַ געוויסען זין איז עס געווען צו באַדויערען, וואָס אין דער דאָזיגער תקופה זיינער האָט בן־גוריון נישט געהאָט מער די מיטלען און די מאַכט צו רעאַליזירען זיינע אידעאַלען, הגם מען קאָן נישט זיין זיכער, צי ער וואָלט זיך געהאַלטען ביי די אידעאַלען, ווען ער וואָלט ווייטער געווען פּרעמיער־מיניסטער.

זיין טויט צייכענט־אָן דעם סוף פון אַן עפּאָכע. ישראל האָט געלערנט אַ לעקציע, באַזונדערס זינט דעם יום כיפּור־מלחמה, וועלכע האָט אין אַ געוויסער מאָס געמאַכט אַ סוף צו בן־גוריונ׳ס פּאָליטישער גרונד־ליניע, סיי אויסערליך אין דער באַציאונג צו דער אַראַבישער וועלט און סיי אינערליך אין די פאַרהעלטענישען מיט דער אידישער וועלט. ישראל גיט זיך איצט אָפּ אַ רעכענונג מער, ווי ווען־עס־איז פריער, אַז שלום און אָפּמאַכען קאָנען נישט אָנגעצוואונגען ווערען אויף די אַראַבער, נאָר אַז מען דאַרף זיי איבערצייגען צו פאַרשטיין, אַז זיי וועלען נישט קאָנען צעשטערען די אידישע מדינה, און אַז דעריבער איז עס אין זייער אייגענעם, אַראַבישען אינטערעס צו אָקצעפּטירען ישראל און שליסען שלום. און שוין אין דעם זעקס־טאָגיקען קריג, אָבער נאָך מער אין דער יום כיפּור־מלחמה האָט ישראל אַנטדעקט די אַנטשטיידענדיגע וויכטיגקייט פון וועלט־אידענטום פאַר דער צוקונפט פון דער אידישער

מדינה. און איך בין זיכער, אַז ישראל וועט ווערען מער טאָלעראַנט צו די מיינונגען, עצות און אַזוי־גערופענער אַריינמישונג — נישט פאָרמעל, נאָר אינטעלעקטועל — פון די תפוצות אין ישראל׳ס האַנדלונגען און אַנטוויק־לונגען.

עס איז נוצלאָז ביי דער איצטיגער געלעגענהייט, אין אַ הספד נאָך בן־גוריון׳ען, צו דיסקוטירען אָדער קריטיקירען בן־גוריון׳ס פּאָליטישע ליניע, צו פּרואווען פעסטשטעלען, וועלכע פון זיינע שריט זענען געווען ריכטיגע, און וועלכע — נישט. צוריקקוקענדיג אויף דער גאַנצקייט פון זיין פּערזענליכקייט און אויף דער ראָלע, וועלכע ער האָט געשפּילט, דאַרף מען באַוואונדערען דעם דאָזיגען דראַמאַטישסטען און אימפּאָנירענדיגסטען אידישען פירער פון אונזער דור, און האָבען פאַר אים דעם גרעסטען דרך ארץ. זיין טויט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען נישט אַקטיוו און האָט זיך געהאָט צוריקגעצויגען אין די לעצטע יאָרען — לאָזט איבער אַ וואַקואום, וואָס קאָן נישט אָנגעפילט ווערען. די גרויסקייט פון אמת׳ע פירער און אומגעוויינליכע פּערזענליכקייטען דריקט זיך אויס נישט בלויז אין דעם, וואָס זיי טוען, און וואָס זיי זענען, נאָר, אין דעם, וואָס זיי באַדייטען פאַר זייער פאָלק. און הגם ער איז נישט געווען אַקטיוו און האָט זיך געהאָט צוריקגעצויגען, איז בלויז דאָס וויסען, אַז בן־גוריון האָט געלעבט צווישען אונז, געווען פון גרויסער באַדייטונג. מיט זיין אַוועקגיין פון אונז האָבען מיר פאַרלאָרען אַ מאַן, וועלכער האָט מער ווי עמיצער אַנדערש, אַרויפ־געלייגט דעם חותם פון זיין איינציגאַרטיגער פּערזענליכקייט אויף דעם לעבען און אויף דעם וואונדערליכען גורל פון אונזער דור. ס׳איז נישט פאַראַן דער מינדסטער צווייפעל וועגען דעם, אַז צווישען דער גרויסער פּלעיאַדע פון אידישע פירער, וועלכע האָבען פאַרזיכערט דעם המשך פון אונזער פאָלק, וועט בן־גוריון זיך געפינען אין דער ערשטער רייע.